STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06326

FUN EYGN HOYZ

Ezekiel Brownstone

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל בראנשטיין

*

פון אייגן הויז



פון רעכטס: יחזקאל בראַנשטיין, משה לייב האַלפּערן, בן־שלום.
(פאָטאָגראַפירט אין יאָר 1928)

יחזקאל בראנשטיין

פון אייגן הויז

עסייען

און

מענטשן וואס איך האב געקענט

פארלאג „המנורה" תל־אביב

תשכ"ג - 1963

יחזקאל בראָנשטיין / פון אייגן הויז

E. BROWNSTONE

FUN EIGN HOJZ

Essays

©

Copyright 1963
By E. Brownstone.

פאַרלאַג „המנורה"
תל אביב, רח' זנגביל 24

„Hamenora" Publishing House
24, Zangwill str. Tel-Aviv, Israel

נדפס בישראל, תשכ"ג
Printed in Israel, 1963

דפוס „אורלי", תל־אביב, רח' יסוד המעלה 27, טלפון 32062

געווידמעט דעם אָנדענק

פון מיין אומפאַרגעסלעכן פלימעניק

שמעון (סימאָן) בן מנחם־מענדל ואסתר בראָנשטיין

(אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע)

1961 — 1926

איך זע דיך פונווייטן
אַ שטראַל פון דער זון.
אַ קינד פון פאַרצייטן
פון לעבן די פאָן.

דער הימל — אַ בלויער.
און דו — אין דער מיט.
מיין תפילה פון האַרצן:
פאַרלאָז אונדז דאָ ניט!

באַווייז זיך דאָ ווידער —
דיין לעבן דערהויב
אין פנים פון לידער,
מיט פרייד און מיט לויב.

צו דעם וואָס איז אייביק
אין אַלץ — זיין באַשאַף,
וואָס האָט ניט קיין נאָמען
וואָס האָט ניט קיין סוף.

אינהאַלט

א

פון אייגן הויז

זייט

ליטעראַטור און לעבן (במקום אַן אַריינפיר) 11

י. י. סיגאַל — פייטן פון גוסח־יידיש (לעצטע לידער) 23

אַ דיכטער אין טאָגן (אברהם סוצקעווער: „אָאַזיס") 33

מורא און תפילה 39

קיבוץ און מענטש, אין ליד (אברהם לעוו: „ביימער אין ווינט") . . . 46

מולד איבער תמנע, וועגן די לידער פון ריקודה פּאָטאַש 54

שטערן אין מיין שויב, פון רבקה קאָפּע 62

ליד און מענטש (לוי גאָלדבערג: „פּירות אויף מיין בוים") 70

אַ פּאָעט איז ער, אָריגינעל — נישט (זעליג דאָרפמאַן: „ליכט אויפן דאָרן") 78

חלום יידיש אין ליד אויף יידיש (מאָטעס דייטש: „צום נאָענטסטן שטערן יידיש") 83

ווונדער פון באַנייונג (משה שטיינגאַרט: „אינדרויסן פון דער וועלט") . 93

ה. רויזענבלאַט (צום פינפטן יאָרצייט) 96

דער עסיי — „דער נס בעל־שם־טוב", פון אליעזר שטיינמאַן 101

„דאָס פינטעלע ליד", פון יחיאל האָפער 106

די תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס פון י. ראַפּאַפּאָרט 111

יידיש שטעטל אין אַ נייעם לבוש (יעקב זיפער: „צווישן טייכן און וואסערן") 113

אַ דערציילונג — אין שייכות מיט „דאָס אמתע בילד", פון יעקב זיפער 117

די דערציילונג — „אין די הויכע פענצטער", פון אליעזר בלום 125

צווישן חלום און וואָר — יידישער בטחון (דוד פלינקער: „אַ דור וואָס ריכט אָפּ גלות — זינגט") 129

סימבאָל און לעגענדע פון יידישער וואָרטשאַפט (יעפים ישורין יובל־בוך, 1960) 134

דער עסיי (עסיי וועגן עסיי) 140

ב

מיניאַטור־עסייען

אויפזינגג פון נייעם בראשית 147

אויפקום און אומקום 148

גורל און ווערט פון ביכער 149

זייט

פאָעטן און זייערע לידער 151
דאָס געזעגנג פון דער וועלט 153
דער מענטש 154
וועלט און מענטש 155
די געטלעכע שליחות פון דעם מענטש 156

ג

מענטשן וואָס איך האָב געקענט

מ. מ. דאַליצקי 159
דוד פינסקי 164
אברהם (וואָלט) ליעסין 170
זלמן רייזען 174
שלום אַש 177
די צווייטע באַגעגעניש 184
ל. שאַפּירא 189
ה. לייוויק 197
מ. ל. האַלפּערן 206
זישא לאַנדוי 216
מאַני לייב 222
דוד איגנאַטאָוו 226
נפתלי גראָס 230
מיין באַגעגעניש מיטן דיכטער איקס 233
א. לוצקי 237
ב. ריווקין 243
קלמן מרמר 248
מ. אלגין 253
אַלעקסאַנדער גראַנאַך 261
אַלטער עסעלין 267
די התגלות פון אבא קליגער ווי אַ פּאָעט 275
ש. טענענבוים 282
שמערקע קאַטשערגינסקי 286
א. מ. מאַנדעלבוים 291
ד"ר לעאָ בלעסס 296
נח (נאָום) פינקעלשטיין 303
הרב ברוך לייבאָוויץ 309
מיין ברודער מענדל — דער אַנאַרכיסט 316

א

פון אייגן הויז

ליטעראַטור און לעבן

די ליטעראַטור וואָס איז אַ דירעקטער פּועל יוצא פון דעם לעבן וואָס איז דינאַמיש, קאַלירפול און אין אַלגעמיין זייער קאָמפּליצירט, ליידט ווי דאָס לעבן גופא, נישט זעלטן, פון ספּאָנטאַנע אויסברוכן, וואָס טראָגן אויף זיך די צייכנס פון דער צייט, אין וועלכער זיי קומען צום אויסדרוק.

צוליב דעם איז כמעט אומפאַרמיידלעך אַ פּערמאַנענטער נוסח פון ליטעראַטור־ווערטן, מיט דעם איינציקן אויסנאַם פון די קאַנאָניזירטע ווערטן פון דער ביבל און שפּעטערדיקן איינשטעל פון יענע ליטעראַטור־אוצרות פון שפּעטערדיקע תקופות און דורות, וואָס מיר רופן אָן: קלאַסיקער.

צוליב דעם זענען כמעט אויך אומפאַרמיידלעך די פּראָצעסן פון שטויסן־און־אַרויסשטויסן איין נוסח פון ליטעראַטור־ווערטן, כדי צו מאַכן אָרט פאַר אַ צווייטן, אַ נייערן נוסח.

יעדער דור, זאָל געדענקט ווערן! — באַדאַרף, מוז און ברענגט נישט זעלטן מיט זיך אויך, באַשטימטע און אויסגעשפּראָכענע אינאָוואַציעס, וואָס זענען אפשר דעם פריערדיקן דור געווען אינגאַנצן אומבאַוווּסט.

דער קרן פון אַלע ליטעראַטור־ווערטן, אין וועלכע לבוש־פאָרמען זיי זאָלן זיך נישט אָנקליידן, מוז אָבער אַלעמאָל אומבאַדינגט אין זיך האָבן פאַרוואָרצלט דעם עיקר־עלעמענט פון אייביקע ווערטן, אין דער געשטאַלטונג פון גוטס און שלעכטס, פון אָנזעעוודיקע כאַראַקטערן, תשוקות און ליידנשאַפטן פון ליבע און האַס, דער עיקרשט — זעונגען פון אחרית הימים, קרעאַטיווע אידייען און אידעאַלן וואָס האָבן אומשטערבלעך געמאַכט אונדזערע נביאים, וואָס באַדאַרפן, מוזן און זאָלן תמיד זיין אייגן דעם מענטש פון היינט און דעם מענטש פון מאָרגן. זיי מוזן אויך — אין דער פּאָטענץ — זיין אייגן און ווערן דער קנין פון דעם מין מענטש

אין אַלגעמיין, וואָס הגם ער, דער מענטש — ווי אַ פּרט — איז דורכויס פאַרגענגלעך און איז פון תמיד אָן פאַרמשפּט צו ווערן פאַרגעסן, איז ער אָבער בכלל, ווי אַן אַקטיווער און שעפערישער מיטבאַטייליקטער אין דער וועלט פון לעבן, אין דעם פּראָצעס פון אַנטוויקלונג — אַן אייבי־קער פאַקטאָר, אין דער דינאַמיק פון דעם לעבן אין אַלגעמיין.

אַ דאַנק אונדזער צעשפּרייטקייט איבער דער גאָרער וועלט ווי אַן עקסטעריטאָריאַל פאָלק, האָבן מיר, ווי אַ צוגאָב צו די נאַטירלעכע ספּאָנטאַנע אויסברוכן אין דעם לעבן פון אַ פאָלק, דער עיקרשט געליטן פון גירושים, אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען און די אומנאַטירלעכסטע מיתה־משונהס, וואָס זיי זענען אַפילו פרעמד דער תוכחה, וואָס האָבן נאַטירלעך געקריגן אַ באמת זעלטענעם תיקון און אויסדרוק אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור פון אונדזערע תפילות, טיילווייז אויך אין דער היינטצייטיקער ליטעראַטור אויף לשון יידיש.

אונדזער חורבן־ליטעראַטור איז שוין לאַנג אַריבער די גרענעצן פון געוויינלעכער כראָניק און זיך דערהויבן, נישט נאָר צו גרויס־געשיכטלעכע ווערטן, נאָר זי האָט אונדזער יידיש לשון דערהויבן צו דער אַבסאָלוטער קדושה פון אומגעוויינלעכע קינסטלערישע ווערטן, וואָס זענען ביז איצט פרעמד געווען יעדער אומה ולשון.

פון אַזאַ אומגעוויינלעך גרויס־קינסטלערישן ווערט און כאַראַקטער איז, למשל, די פּאָעמע „געהיימשטאָט״ פון אברהם סוצקעווער אין אונדזער היינטצייטיקער דיכטונג, און „דאָס הויז פון די ליאַלקעס״ פון א. קאַצעטניק, אין אונדזער פּראָזע.

פון דעם איז צו זען, אַז אונדזער ליטעראַטור איז נישט הינטערשטעליק לגבי דעם לעבן, וואָס האָט זיך פאַר אונדז אויסגעלייגט ווי אַ גיהנום אויף דער ערד, און אונדז אויסגעשטעלט צו ווערן די מאַרטירער פון יעדן סאָציאַלן איבערגאַנג אין דעם לעבן פון די פעלקער, איבער דער גאָרער וועלט.

אין דעם לעבן פון דעם פּרט, ווי אין דעם לעבן פון דעם כלל, קומען נישט זעלטן פאָר קריזיסן, אַפילו צוזאַמענברוכן פון שאַרפן כאַראַקטער פון אַלערליי מדרגות, פּאָליטיש, סאָציאַל־עקאָנאָמיש און אויך קולטורעל.

און דאָס וואָס איז גילטיק פאַר דעם כלל, איז אויך גילטיק פאַר דעם פרט.

און דאָס וואָס איז גילטיק פאַר פעלקער, איז אויך נישט זעלטן גילטיק פאַר דער פונקציע פון שפּראַכן, וואָס זענען אונטערגעוואָרפן די זעלבע געזעצן פון אַנטוויקלונג, דערהויבונג און צומאָל אויך פּראָצעסן פון דעגראַדירונג, אַפילו גאָרער צעפאַלונג, אונטערגאַנג און אויך שכחה, אָבער — אויך מעגלעכע פאַרוואַנדלונג אין אַ פּראָצעס פון דערהויבונג, דורך אומאונטערבראָכענער, עקשנותדיקער באַמיונג און קאָנצענטרירונג, צו פאַרהייליקן, ממשיך זיין און אונטער די גרויליקסטע אומשטענדן אַפילו אויך אָנהאַלטן, די דינאַמיק פון אַ שפּראַך, אויב נישט אין ד ע ם אומגאַנג פון וואָכעדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן, איז לכל הפחות א י ן דער קדושה פון שבת און פון יום־טוב, ווי אַ לשון פון תפילה.

אַזוי איז געווען דער גורל פון העברעיש, נאָך דעם חורבן פון ירושלים, ווען אונדזער פאָלק איז אַוועק אין גלות.

די העברעיִשע שפּראַך האָט אויפגעהערט צו זיין די אומגאַנגס־שפּראַך אין דעם מויל פון דעם פאָלק. צוליב דעם אָבער וואָס זי איז געוואָרן די שפּראַך פון תפילה, איז זי באַלד געוואָרן אַ לשון קודש; גובר געווען אַלע גלותן און שטורעמס און סוף כל סוף זיך־אַליין דערפירט צו דעם לשון פון וואָך־און־יום־טוב, אין אונדזער באַנייטער־און־באַפרייטער היינטצייטיקער מדינת ישראל.

אין אַן ענלעכער סיטואַציע געפינט זיך איצט אונדזער לשון יידיש, אַ דאַנק דעם לעצטן חורבן וואָס האָט חרוב און שטום געמאַכט אַ דריטל פון אונדזער מאַרטירער־פאָלק.

אונדזער טויזנט־יאָריקע מאַמע יידיש, איז איצט אין גלות.

צוליב דעם פאַרלוסט פון איר זעקס־מיליאָניקן קדוש, האָט זי זיך פאַרוואַנדלט — ווי אַמאָל העברעיש — אין י י ד י ש ־ ק ו ד ש, וואָס באַמיט זיך, און וועט האָפנטלעך אויך פאַרבלייבן אונדזער באַליבט לשון — דער קאָנסעקוועטער המשך פון יידיש לעבן פון נעכטן, היינט און מאָרגן, אין דער אָפּשפּיגלונג פון אונדזער ליטעראַטור אויף יידיש.

צוליב דער ניי־געשאַפֿענער לאַגע אין אונדזער לעבן ווי אַ פֿאָלק, האָט מען אין דער טראַגיק פֿון אונדזער דור נישט זעלטן איבערגעכאַפּט די מאָס, אין אָפּשאַצן און איבערשאַצן די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע קולטור־ווערטן אונדזערע, אונדזערע ליטעראַטור־ווערטן אַריינגערעכנט.

מיין איינדרוק איז, אַז נישט אַלעמאָל ווערט עס געטאָן פֿון די באַרופֿנסטע צווישן אונדז מיט ריינע הענט. און אַן יעדן ספק אויך נישט מיט די בעסטע כוונות, אין די אינטערעסן פֿון אונדזער ליטעראַטור.

אונדזער פּרעסע אויף יידיש, למשל, ווערט באַהערשט פֿון אַ גרופּע פֿען־מענטשן, וואָס דאָמינירן ביד חזקה אונדזער עפֿנטלעכע מיינונג.

מיט מיין גאַנצן דרך־ארץ צו זיי, וויל איך אָבער דאָ באַטאָנען, אַז אין שייכות מיט אונדזערע ליטעראַטור־ווערטן לדוגמא, זענען זיי געווען און פֿאַרבליבן סעקטאַנטיש פֿאַרביסן; אַלעמאָל באַדינט איינער דעם אַנדערן; קיינמאָל נישט דערלאָזט, אַז אַ דרויסנדיקער שריפֿטשטעלער, ווי טאַלאַנט־פֿול ער זאָל נישט זיין — זאָל דערלויבט ווערן אַריבערצוטרעטן די שוועל פֿון זייער גבול; זיינס אַ ווערק, ווי געראָטן עס זאָל נישט זיין — זאָל דאָרט קריגן אַ תיקון, אָפּגערעדט פֿון אַן אָביעקטיווער אָפּשאַצונג פֿון זיינער אַן אַרבעט.

די גאָרנישט־זאָגנדיקע און וואָסערדיקע רעצענזיע, וואָס איז אייגנט־לעך נישט מער ווי אַ פֿאַרגרעסערטער ביבליאָגראַפֿישער נאָטיץ וועגן אַ שרייבעריש ווערק, פֿאַרנעמט נאָך ביז איצט דעם אויבנאָן אין דער פּרעסע און אין אונדזער פּעריאָדיק. און אפילו דערצו איז אַ דרויסנ־דיקער מחבר פֿון ווערק, נישט זעלטן, וואָגיקע ווערק — נישט אַלעמאָל זוכה.

מיר איז אַפֿילו באַקאַנט אַזאַ פֿאַל, ווען אונדזערער אַ פֿען־מענטש מיט אַ פּאָפּולערן נאָמען אין אונדזער ליטעראַטור, האָט אָנגעשריבן אַזאַ מין רעצענזיע איבער אַ בעלעטריסטיש בוך אין דער „פּ.א.ש." און זיך בלויז באַנוצט מיט די רעקלאַמע־אויסצוגן פֿון אַנדערע רעצענזענטן, וואָס דער מחבר האָט איבערגעדרוקט אויף דער הילע פֿון דעם באַטרעפֿנדיקן בוך, וואָס האָט אין מיר, ווי אַ לייענער און אָפּשאַצער פֿון ליטעראַטור־

ווערטן, אַרויסגערופן דעם חשד, אַז ד ע ר באַטרעפנדיקער רעצענזענט האָט זיך אַפילו נ י ש ט באַמיט איבערצולייענען דעם בוך.

אַזוי האָט זיך ביי אונדז אויך איינגעשטעלט דער גורל פון ליטע־ראַטור־פּרעמיעס.

די אַזוי גערופענע זשורי־לייט, באַדינען גאַנץ פיין איינער דעם אַנדערן: היינט גיב איך דיר אַ פּרעמיע, מאָרגן — דו מיר.

ווי אַ מוסטער פון דער אוממעכטיקייט און סתם אומגערעכטיקייט צו אונדזער היינטצייטיקער ליטעראַטור, איז אָן יעדן ספק דער אַרטיקל פון אַ באַקאַנטן שרייבער פון אַ טאָג־צייטונג, וואָס איז אַגב אַליין דער עיקרשט אַ פּאָעט, א. נ. „אינפלאַציע פון דער יידישער ליטעראַטור". זיין טעזע איז:

...היינט צו טאָג טרעפן מיר זיך אויף יעדן שריט מיט שרייבערס, וואָס אַז מען דאַרף, איז מען דיר אַ דיכטער און אַז מען דאַרף, איז מען דיר אַ קריטיקער און עסייאיסט און אַז מען דאַרף, איז מען דיר גאָר אַ פּובליציסט...

אָט די טעזע זיינע, איז אויף קיינעם נישט אַזוי גילטיק און אָנגע־מאָסטן, ווי אויף אים אַליין און די אַלע פּאַך־קאָלעגן זיינע אָן אויסנאַם, וואָס אַלע דינען זיי ווי „היינט" אין אַלע רעדאַקציעס פון אונדזער יידישער פּרעסע. פרעגט זיך דעריבער:

— קאָן אפשר עמעצער אָנווייזן כאָטש אויף אַ פּאָר איינצלנע פאַלן, ווען אַ דרויסנדיקער שרייבער, אַפילו מיט מער טאַלאַנט פון דעם דער־מאָנטן און ציטירטן — איז אַמאָל דערלויבט געוואָרן אין „זיין" צייטונג צו קומען צום אויסדרוק, כאָטש אויף איינעם פון די געביטן וואָס ער וויזט אָן און דערמאָנט?

אַזעלכע און ענלעכע היסטערישע אויסברוכן, ווי דער סיכסוך פון דעם זעלבן שרייבער מיט אַ צווייטן דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער, — אין שייכות מיט דעם לעצטנס אָפּרוף אויף אַ סענסאַציאָנעלן בוך — שאַפן בכלל נישט קיין כבוד אונדזער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז לעצטנס בכלל שטאַרק פאַריתומט. צוליב דעם און אַ סך אַנדערע טעמים,

געפינען מיר זיך אַלע אין דער בחינה פון אַ דור הפלגה, אין וועלכן איין פון־מענטש פאַרשטייט זיך ניט, צי וויל ניט פאַרשטיין — דעם צווייטן.

איך האַלט בכלל נישט, אַז מיר ליידן פון „אַן אינפלאַציע אין דער יידישער ליטעראַטור".

ס'איז טאַקע אמת, אַז ביי אונדז דערשיינען לעצטנס אַ סך ביכער. צוליב דעם אפשר און זיכער, אַ צאָל אומגעוווּנטשענע, וואָסערדיקע ביכער.

קיין נייעס איז עס לגמרי נישט.

אויף יעדן גוטן בוך אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, למשל, גייען אַן יעדן ספק אַרויס צענדליקער נישט־געוווּנטשענע ביכער, אויב נישט אינגאַנצן — פּאָרנאָגראַפישע. און דווקא די לעצטע, פאַרקויפן און באַצאָלן זיך זייער גוט!

אונדזער ליטעראַטור ליידט בכלל נישט פון אַט דעם סאָרט ביכער.

איך האַלט דעריבער, אַז דווקא צוליב די וואָסערדיקע ביכער אונדזערע, טיילן זיך ביי אונדז אויס און זענען זיך שטאַרק אָן, די בעסערע ביכער אונדזערע, מיט וועלכע מיר מעגן שטאָלצירן, אַפילו זיך איבערנעמען.

ווער־ווער, אָבער די ציימונגס־הענט אונדזערע, וואָס באַשטייען אַגב ס'רוב פון דורכויס טאַלאַנטירטע, נישט זעלטן — ערשטקלאַסיקע שרייבערס, וואָלטן באַדאַרפט זיין די לעצטע זיך צו באַקלאָגן אויף אַן „אינפלאַציע פון דער יידישער ליטעראַטור", ווייל דווקא זיי און נישט קיין אַנדערע זענען עס, למשל, די „פאַבריקאַנטן" פון די „באַרימטע" שונד־ראָמאַנען אין אונדזער טעגלעכער פּרעסע, עס זאָל זיי צו קיין גנאי נישט זיין — אונטער יתרוס נעמען...

נאָך מער — אונדזערע ציימונגס־לייט זיצן ווי יוסטע באַלעבעסלעך אויף זייערע שטעלעס, און זיי לאָזן נישט צו קיין דרויסנדיקן שרייבער צו קומען פון צייט צו צייט צום אויסדרוק, אָפּגעזען פון זיין טאַלאַנט און מאַטעריעלע נויטן.

מיט צער, ווייטיק און פאַרדרוס וויל איך דאָ באַטאָנען, אַז אַ צאָל טאַלאַנטירטע פליטים־שרייבער אונדזערע, זענען צוליב דעם פאַרהונגערט געוואָרן צום טויט אין דער יידישער ניו־יאָרק און טאַקע אויך געשטאָרבן

פאַר דער צייט, ווי פריער, פאַר זיי — איז משה לייב האַלפּערן ביי אונדז אויסגעגאַנגען פון הונגער, אין דער זעלבער נ. י. און נישט קיין אַנדערער ווי ה. לייוויק, האָט זיין פריצייטיקן טויט באַצייכנט, ווי אַ מאָרד. עפנטלעך אויסגעשריגן: „מיר האָבן אים דערמאָרדעט...״

מען רעדט ביי אונדז זייער אָפט און אַ סך, וועגן המשך.

און דווקא די טומל־מאכער, די אַזוי גערופענע וואָרט־פירער אונדזערע וואָס שטייען אין דעם סאַמע פאָדערגרונט פון אונדזערע שרייבערישע מעשים, זענען עס די יעניקע וואָס פיבערן מיט דעפעטיזם און שרעקן אונדז מיט פעסימיסטישע נביאות, וועגן דער צוקונפט פון אונדזער באמת רייכער און קאָלירפולער ליטעראַטור.

דער אמת איז אָבער דער, אַז זיי גופא האָבן פאַרשטאָפּט די קוואַלן פון המשך דערמיט, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט צוגעלאָזט אַ נייעם נאָמען אין דער פרעסע, פעריאָדישע אויסגאבן, און דורך דעם מעטאָד פון גלייכגילט, פאַרשוויגן און איגנאָרירן ווערק פון טאַלאַנטירטע אַנהויבער, האָבן זיי גופא נישט דערלאָזט קיין המשך אויף אַלע געביטן פון ליטעראַטור־ווערטן. און אויב ס׳איז אמת, אַז מיר ליידן פון אַ קריזיס אין אונדזער ליטעראַטור, איז עס אויסשליסלעך זייער שולד!

לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל אונדזער ליטעראַטור־קריטיק.

קיינער, אַבסאָלוט נישט קיינער! — פון אונדזערע אַנערקענטע ליטעראַטור־קריטיקער, האָט זיך נישט באַמיט צו פלעגן און דערמוטיקן נייע, שעפערישע כוחות.

אַלעמאָל האָבן זיי בלויז באַדינט אַ קליינע צאָל עטאַבלירטע פירמעס — פּאָפּולערע שריפטשטעלער — און זיך קיינמאָל נישט באַמיט אַרויסצופירן אַ נייעם טאַלאַנט, ווי לאָמיר זאָגן דער קדוש זלמן רייזען האָט עס געטאָן מיט דער גאַנצער גרופּע „יונג ווילנע״.

און איצט, אַז די קלענערע פון זיי האָבן איבערגענומען דעם רודער פון אונדזער פאַרוואָרלאָזטער ליטעראַטור־קריטיק — איז נאָך ערגער. זיי באַדינען זיך אַליין, ד. ה. איינער דעם אַנדערן — אונטער יעדן אויסרייד. און ווערטפולע ביכער פון דורכויס טאַלאַנטירטע שריפטשטעלער, ווערן טאָטאַל פאַרשוויגן און איגנאָרירט.

צוליב דעם אפשר איז ביי אונדז אַזאַ גערעטעניש אויף דיכטער־עסייאיסטן, וואָס באַמיען זיך אויסצופּילן אָט די בלויזן, אַזוי גוט ווי זיי קענען.

און טוען טוען זיי דאָס, אויף דעם חשבון פון זייערע אייגענע דיכטונגען, וואָס ליידן נישט זעלטן דערפון.

גערעדנקט זאָל אָבער ווערן, אַז לא אַלמן ישראל.

די יידישע ניו־יאָרק איז טאַקע אַזוי צו זאָגן אונדזער מעטראָפּאָליע אויף דעם געביט פון יידיש שאַפן. אונדזער ליטעראַטור אָבער, איז ווייט נישט אָפּגעשטאַנען לגבי אונדזער יידיש לעבן בכלל. און דאָרט ווו יידיש לעבן איז פאַראַן — און ווו איז עס אייגנטלעך נישטאָ? — פונקציאָנירט אויך און עס קוואַליקט אַ יידישע ליטעראַטור, ווי אַ אַזיסן קליינע איבער אַ צעוואָרפענעם מדבר — אין אַלע פאָרמען פון שרייבן.

מיר זעען, למשל, אַ גאָר אינטענסיוון און געהויבענעם רענעסאַנס פון ליטעראַרישע שאַפונגען און פאַרלאַג־טעטיקייטן אין אַרגענטינע, ישראל, פראַנקרייך, מעקסיקע, אויסטראַליע, אַפריקע, אורוגווי, קאַנאַדע און אַ סך אַנדערע ווייטע לענדער, ווו עס פונקציאָנירן טעגלעכע, וועכנטלעכע, מאָנאַטלעכע און פערטליאָריקע שריפטן. און נישט נאָר אויף דעם געביט פון בעלעטריסטיק גייט אָן אַן אינטענסיווע טעטיקייט, נאָר אַפילו אויך אויף דעם געביט פון פילאָזאָפישער פאָרשונג. איך האָב דאָ אינזינען די פערטליאָריקע שריפט — „דווקא".

מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ וואָגיקע שריפט, ווי עס איז „די גאָלדענע קייט" אין ישראל.

אין יאָהאַנעסבורג דערשיינט דאָס דרייצנטע יאָר אַ פיינע חודש־שריפט, א. נ. „דרום אַפריקע". אַ גוט־באַלאַנסירטער חודש־זשורנאַל „דאָ" — אין אורוגווי, ווי אַ צוגאָב צו גאָך עטלעכע אויסגאַבן, וועכנט־לעכע און אויב איך מאַך קיין טעות נישט, אויך אַ האַלב־וועכנטלעכע צי טאָג־צייטונג, גלייכצייטיק אויך אין אַ סך אַנדערע לענדער.

פאַראַלעל מיט די אַלע דערמאָנטע אויסגאַבן, האָבן זיך אין יענע ווייטע מקומות אַנטוויקלט אַ צאָל שריפטשטעלער מיט גאָר אַ סך אַחריות פאַר זייער וואָרט און שליחות.

אַפילו אויף דעם געביט פון ליטעראַטור־קריטיק, כאָטש זיי זענען אין אונדזערע מקומות כמעט ווי אומבאַקאַנט — האָבן זיי אָנצעווייזן אויף גאָר גרויסע דערגרייכונגען.

אין אַרגענטינע, למשל, לעבט, שאַפט און ווירקט, אַ זעלטן געראַ־טענער און שעפערישער ליטעראַטור־קריטיקער, גרשון סאַפּאָזשניקאָוו, וואָס האָט זיך פריער באַרימט געמאַכט ווי דער רעדאַקטאָר פון זעלטן שיינע און אינהאַלטרייכע זאַמלביכער, א. נ. „האַלץ אינדוסטריאַל״, און איצט שם׳ט ער מיט זיינעם אַ בוך עסייען, א. נ. „פון די טיפענישן״, אין וועלכן ער באַהאַנדלט אויספירלעך און גרינטלעך, אַ צאָל אייגנאַרטיקע און קאָמפּליצירטע שריפטשטעלער, ווי: ל. שאַפּירא, יונה ראָזענפעלד, שלום אַש און אַנדערע, וואָס האָבן זיך פריער געדרוקט אין דעם דערמאָנטן „האַלץ אינדוסטריאַל״, וואָס האָט זיך ליידער אָפּגעשטעלט.

מיט אָט די דערמאָנטע ווערק סאַפּאָזשניקאָווס, קאָן, דוכט מיר, ביי אונדז קיינער נישט קאָנקורירן.

אין אורוגוויי לעבט און שאַפט אַ צווייטער ליטעראַטור־קריטיקער — יואל גאָק.

אין ישראל — ד. ב. מאַלקין, מ. גראָס־צימערמאַן, יחיאל האָפּער, גיטל מייזיל און אַ סך אַנדערע פון דעם מין און כאַראַקטער, איבער דער גאָרער יידישער וועלט.

פון דעם איז צו דרינגען, אַז אויב אַפילו אונדזערע דעפּעטיסטן און פּעסימיסטן דאָ אין אַמעריקע טראַכטן און מיינען, אַז אונדזער ליטעראַ־טור אויף יידיש ווערט חלילה פאַרטונקלט, אין וואָס איך גלויב אַבסאָלוט נישט! — מעגן זיי זיך טרייסטן דערמיט, וואָס אין אַנדערע מקומות, ווו יידישע שריפטשטעלער זענען נישט אויסגעשטעלט צו ליידן פון זייערע מעטאָדן פון הערשן און באַהערשן, איגנאָרירן און פאַרשווייגן, גייט אויף די זון פון נייע־און־באַנייטע יידישע שאַפונגען, פון וועלכע מיר דאָ, זענען בלויז איין טייל אין דער פאַרצווייגטער מלוכה פון יידיש לשון, וואָס איז ענלעך אין אירע פּאָטענצן צום פאָלק ישראל, וואָס פלאַטערט אייביק מיט דעם דעוויז פון — עם ישראל חי!

יעדע געשריבענע אַרבעט פון אַן אחריותפולן שריפטשטעלער, מוז

אין זיך פאַרקערפּערן די פּאָטענצן פון אַ דויערהאַפטן לעבן אין דער ליטעראַטור, כאָטש ווי געשריבענע ווערק, פאַרמירן זיי זיך אויף דער פּאַן און אין די ראַמען פון דעם דור אין וועלכן דער באַטרעפנדיקער שריפטשטעלער לעבט און ווירקט.

צוליב דעם איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַ שרייבער מוז נישט זיין אַקטיוו מער ווי אויף איין פראָנט. ער באַדאַרף און זאָל זיך בלויז קאָנצענטרירן אויף זיין געביט פון שאַפן: שרייבערישע עבודה. עס איז אַפילו נישט קיין מוז, זיך צו באַמיען און וועלן באַלד אויסנעמען מיט זיין ווערק. ער מוז זיך אָבער יאָ פלייסן און באַמיען, אין זיין שרייבן צו אַנטוויקלען לאַנג־דויערנדיקע ווערטן, וואָס זאָלן זיין אַ כבוד פאַר אים גופא און אויך פאַר דער ליטעראַטור און לשון, אין וועלכע ער שאַפט.

שרייבערישע אַקטיוויטעטן, זאָל דאָ באַטאָנט ווערן, מוזן אָטעמען מיט דער שליחות און אחריות פון עטישע ווערטן, איינשליסנדיק נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין און זאָרג פאַר יידישן גורל, קיום און המשך.

אַ גוטער שרייבער איז דער, וואָס באַהערשט די שפּראַך אין וועלכער ער שאַפט; באַמיט זיך איר פאַרבעסערן און פאַרשענערן, און אין זיינע ווערק מוזן קומען צום אויסדרוק די בעסערע אייגנשאַפטן פון דעם פּרט, דעם מענטש — דאָס גוטע און דאָס שיינע, אידעאַלע, נאַציאָנאַלע און בכלל מענטשלעכע חשיבות.

צו זיין אַ שרייבער איז נישט נאָר אַ כבוד, נאָר אויך אַ פּריווילעגיע און אַ זכיה, צו קאָנען זיך מאַכן נוצלעך פאַר דעם ווּילזיין און דער קולטור פון דעם פאָלק צו וועלכן מען געהערט.

אין דער קולטור־וועלט, ביי די אומות־העולם, האָט זיך איינגעשטעלט אַ מנהג, אַז פירערס פון אָרקעסטערס, קירכן און מוזיקאַלישע אינסטיטוציעס, לאַדן פון צייט צו צייט איין געסט־קאָנדוקטאָרן, געסט־פּריידיקער, דיריגענטן און סאָליסטן.

ביי אונדז פונקציאָנירן אַ צאָל זשורנאַלן מיט די אידעאַלסטע און בעסטן כוונות. לײדער אָבער, מיט ביז גאָר באַגרענעצטע מיטלען. איך פאַרהאָף און דערוואַרט, זיי זאָלן תמיד דערשיינען אָן אונטערברעכונג

איך מוז אָבער באַטאָנען, אַז נישט אַלע זשורנאַלן אונדזערע זענען גוט רעדאַקטירט און גוט באַלאַנסירט, אין דעם אויסוואַל פון דעם מאַטעריאַל.

מיר דוכט, אַז עס וואָלט נישט געווען אויסער דעם וועג און קיינעם פון די רעדאַקטאָרן וואָלט אָסור געשאַט, ווען איינער פון זיינע בעסטע מיטאַרבעטער, וואָלט פון צייט צו צייט צוגעלאָזן געוואָרן צו ווערן דער גאַסט־רעדאַקטאָר פון איין נומער. דער „אינזיך" האָט עס אַמאָל געטאָן און עס האָט זיך באַדייטנדיק אָנגעזען. דאָס איז אָבער לײדער שוין אַ מעשה שהיה. ס'איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַזאַ עקספּערימענט וואָלט געהאַט אַ שעפערישע ווירקונג אויף דעם גאַנג און דער אַנט־וויקלונג פון אָט די זשורנאַלן, וואָס באַדאַרפן, מוזן און זאָלן שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אונדזער ליטעראַטור.

אונדזער דור, וואָס האָט געהאַט דעם אומגליק צו זיין דער עדות פון דעם גרעסטן חורבן אין אונדזער געשיכטע, האָט אויך געהאַט די גרויסע זכיה, איבערצולעבן די פרייידיקסטע מאָמענטן פון גאולה, דורך דעם אויפקום און דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל.

און כאָטש אונדזער יידיש לשון איז נאָך אַלץ אין גלות ביי אונדז גופא — אָפיציעל נישט אָנערקענט פון מדינת ישראל, איז אָבער אינטערעסאַנט צו באַמערקן, ווי אונדזער מאַמע יידיש גייט פריי און געמיטלעך אַרום איבער די געמאַרקן פון דער היינטצייטיקער מדינת ישראל; פּאַסמאַקעוועט זיך גאַנץ פיין מיט אַ פּאַרצוויגטער פּרעסע אויף יידיש לשון, פּעריאָדישע אויסגאַבן, טעאַטער אויף יידיש, פּאַרלע־גערישע אַקטיוויטעטן — ווי די פון דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג און פאַרלאַג „מנורה" — און זי האָט שוין אויך אפילו נחת פון אַ נייעם אָנוווקס — פון דער שרייבער־גרופּע „יונג ישראל".

פון דעם אַליין איז צו זען, אַז דער כוח פון יידיש, ווי אונדזער מאַמע־לשון איז טאַקע — ווי פריער דערמאָנט און באַטאָנט — שטאַרק ענלעך צו דעם כוח פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט בייגעקומען די ערגסטע נסיונות און זיך ווידער עטאַבלירט ווי אַן אָרגאַניזירטע און אָנערקענטע מדינה — מדינת ישראל.

י ח ז ק א ל ב ר אָ נ ש ט י י ן

פּאַראַלעל צו מדינת ישראל, האָט אונדזער יידיש לשון ווידער דעם באַשערטן נחת, וואָס אַ דאַנק איר טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון באַמיונג, עקשנות און אייביקן גאַנג באַרג־אַרויף, אַנטוויקלענדיק אַ זעלטן רייכע ליטעראַטור, איז זי לעצטנס אַריינגענומען געוואָרן אין דער „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ”, ווי איינע פון די פיר וועלט־שפּראַכן, און זי האָט זיך אויך עטאַבלירט ווי אַ שפּראַך־לימוד אין גאָר אַ סך אוניווערזיטעטן אין אַמעריקע.

א י ן ד ע ם ב אַ ש ט י י ט א י ר נ צ ח ו ן!

י. י. סיגאַל — פייטן פון נוסח־יידיש

(לעצטע לידער)

דער ווערט פון אַ בוך, אַפילו אַ מינדערווערטיקער — באַשטייט אין דעם, וואָס אַ דאַנק דעם וואָס ער לעבט איבער זיין באַשעפער, וואָס איז בכלל שטערבלעך — קאָן דער לייענער וואָס לעבט, זיך אַלעמאָל מיט אים באַהעפטן, אים צו יעדער צייט לייענען, און אויפסניי פון אים הנאה האָבן.

ווען דאָס שטערבלעכע פון אַ דיכטער פאַלט אַוועק, זיין האַרץ שטעלט זיך אָפּ און דערמיט אויך זיין עבודה, רופן מיר אָן דעם איבערבלייב פון זיינע שעפערישע מעשים — די שפּעטסטע שאַפונגען זיינע, ווי אין דעם פאַל י. י. סיגאַל — לעצטע לידער.

לידער צו ל י ד ע ר זענען אָבער נישט גלייך.

לידער וואָס זענען באַזעלט מיט דער עשירות פון אייביקע ווערטן וואָס האַלטן זיך אין זיי אומבאַדינגט אויף, זענען אַליין אויך שעפעריש. זיי פירן נישט זעלטן, אַן אייגן לעבן, אומאָפּהענגיק פון דעם דיכטער וואָס האָט זיי געשאַפן און אַליין דערנאָך אַוועק אין דעם וועג פון די שטערבלעכע.

און כאָטש מיר רופן די לידער אָן „לעצטע", קאָנען זיי אָפּט, — לויט זייער תוכן און פאַרנעם, שפּראַך און סטיל־לבוש, אייגנשאַפט פון זיין ביכולת צו האָבן אַן איינפלוס אויף דער מענטאַליטעט און המשך פון דער דיכטונג פון נאָכקומענדיקע פּאָעטן, — אָן יעדן ספק דינען ווי מוסטערן פון אַ ווייטערדיקן און נייעם אָנהויב; ווידער ווערן אַקטועל, און מיט זיך גופא מבטל זיין דעם באַגריף פון לעצטקייט.

ווען איך האָב זיך דאָ נישט לאַנג צוריק, אין אַ פאַרנעפּלטן באַגינען אין מאַי, וואָס האָט זיך אָן חוצפה אַריינגעגרויט אין מיין צימער, געמאַטערט איבער אַ נישט־געראָטענעם מאָדערניסטישן לידער־בוך, האָט זיך מיין

בליק, אומגעריכט פאַר מיר אַליין, צוגעקושט צו דעם גרויען רוקן פון י. י. סיגאַלס לידער־בוך, א. נ. „לעצטע לידער", וואָס האָט זיך באַליידיקט געשטויבט אין איינעם פון מיינע ביכער־שראַנקן קעגנאיבער מיין צוקאָפּנס.

— צוליב וואָס זיך מאַטערן אומזיסט? — איז מיך באַפאַלן אַ מחשבה. נעם בעסער סיגאַלס „לעצטע לידער", פאַרטיף זיך אין זיין ליריק און אדרבא זע אַליין, צי עס וועט דיך אויך איצט נישט פאַרכאַפּן מיט דער עכטקייט פון זיין ליד וואָס לעבט אין אונדזער דיכטונג, ווי בשעת ער איז פון דרוק אַרויס, באַלד נאָך זיין פּטירה.

מיט דער פלינקייט פון אַ בליץ און מיט אַן אמתן ציטער אין מיין האַרצן, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן זיין בוך און אין איין הרף עין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער סביבה, מיסטעריע און דער דינאַמיק פון י. י. סיגאַלס לידער־וועלט.

צו וועלכן ספר פון י. י. סיגאַל דו רירסט זיך נישט צו, ווערסטו באַלד אַריינגעצויגן און פאַרכאַפּט פון דער געזונטער סביבה און אמת פון וואָרער דיכטונג, וואָס גיט זיך דיר איבער מיט דער מאַגיק און הנאה פון אַלטן אָבער גוט איינגעשטעלטן ווייַן.

דער נאָמען אַליין: י. י. סיגאַל — איז שוין אידענטיש מיט דעם גאָלד פון אמתן ליד, וואָס האַלט אין זיך אויף דעם אַראָמאַט און אייביקן ווערט פון שיינקייט, אין דעם לבוש פון אַ פאַרשטענדלעכן לשון, וואָס נויטיקט זיך קיינמאָל נישט אין די שמד־שטיק פון דרויסנדיקע עפעקטן.

דרויסנדיקע עפעקטן, רעטאָריק און סתם געקינצלטע מעטאָדן פון אויסדרוק, זענען בלויז אייגן דער פסעוודאָ־דיכטונג אונטער דעם אויסרייד פון כלומרשט זיין מאָדערן (לייען: ווילן זיין אַנדערש — י. ב.), וואָס איז גאָר, אין גרונט גענומען, דורכאויס סטעריל, נישט עכט און בכלל נישט אַדורכגעפיבערט מיט דעם אמת פון אַ געוויסנהאַפטן איינשטעל און באַציונג צו דעם לעבן, אין וועלכן דער מענטש פון נעכטן, היינט און מאָרגן פיגורירט, מוז און באַדאַרף פיגורירן, ווי דער צענטער פון אונדזער גאָרער אויפמערקזאַמקייט.

דאָס בוך „לעצטע לידער", ווי אַלע אַנדערע לידער־ביכער פון י. י. סיגאַל, איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פרשה סיגאַל אין דעם אוצר

פון אייגן הויז

פון אונדזער קאַלירפולער דיכטונג אויף יידיש לשון, מיט זיין תוכן און גאַרן אויסדרוק פון דעם דיכטערס טיפיש־יידישן וועלט־באַנעם, וואָס האָט זיך אַזוי עקשנותדיק פאַרוואָרצלט אין אונדזער ליריק אין אַלגעמיין.

י. י. סיגאַל האָט אין זיך אויפגעהאַלטן, באַזונגען און פאַרגעטערט די תמימות און דעם גלויבן פון דעם קאָריצער ייִנגל, וואָס האָט ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג געגלויבט און געחלומט פון

א נידעריק שטיבל, ווו דער שטילער גלויבן
וועט נאָך געפינען אַ שעה פון רו.

מיט אַלע זיינע חושים האָט ער געשפּירט און נאָכגעפאָלגט „די טריט פונעם בעל שם הקדוש", ר' נחמן בראַצלעווער, ר' פנחס פון קאָריץ, די ל"ו צדיקים, וואָס געפינען אַ זעלטענעם תיקון אין דער פשטות פון זיינע לידער, אין וועלכע —

די ווערטער דיינע וואָרצלען ווייטער, טיפער —
און די יאָרהונדערטער, די אַלטע און די יונגע,
וואָס האָבן זיך געבויגן און זיי אויפגעקליבן
פון די ערדן, פון די שוועלן, פון די ברעגן וועלט,
ווו אַ דור האָט זיינע לעצטע טריט געשטעלט.

צוליב דעם איז זיין ליבשאַפט צו יידן אַ זעלטן אינטימע, כמעט ווי די פון אַ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו.

כ'וועל איטלעכן פשוטן יידן באַזונדער
רופן מיטן נאָמען גרויס פאָלק ישראל.
יעדער יידישער ייד איז נס, איז וווּנדער
ווי וווּנדערלעך ס'איז דאָס כל בית ישראל.

זינגט ער מיט גרויס התלהבות.

די טעמאַטיק פון סיגאַלס ליד איז טיף פאַרוואָרצלט אין אונדזער עבר.

און אָפּגעזען דערפון, וואָס זיין טעמאַטיק ווידערהאַלט זיך אין דער

זעלטנסטער עשירות פון זיין שעפערישער עבודה אין זיינע באַלד אומצאָליקע לידער, איבעראַשט ער דיך אָבער אַלעמאַל, מיט די נייע סטיל־קנייטשן פון זיינע פּאָעטישע רעיונות און דער עשירות פון זיין ראַפינירטער און רירנדיקער פשטות, תמימות פון גלויבן און הכנעה פאַר גאָט, וואָס —

...אין איטלעכן פון אונדז
מאַכסטו דיין אַכסניה אויף אַ שעה.
און ווי איז דעם פאַרשאָלטענעם
ווען דו קלייבסט זיך פון אים אַרויס
און ער בלייבט נאָך אַלץ דאָ.

אַלעמאָל איז ער פאַרצויבערט פון דער וועלט פון נעכטן, וואָס האַלט אים געשפּאַנט ווי אין אַ פאַרכישופטן לאַבירינט.
דער אמת פון זיין ליד איז פאַר אים אָבער נישט פאַרפירעריש, אַ דאַנק דער עכטקייט וואָס האַלט אים תמיד וואַך און זאָגט אים אונטער, אַז —

נאָר מיט געדענקענישן פאַרקריץ איך
די ליידיקע שעה׳ן, ווי די ווייסע ווענט.

ער פרעגט און אַליין ער ענטפערט:

וואָס וואַך איך, היט איך און באַשיץ איך?
דאָס אַש פון אַלץ וואָס איז שוין פאַרברענט.

צוליב דעם זיין ווייטיקדיקער אויפגעוויין:

נישטאָ שוין, האַר, מער וווהין צו גיין.

דאָס טראַגישע געזאַנג און דער רירנדיקסטער ס״ה פון אונדזער צייט און דור!

זיין תפילה: ...באַהיט מיין ליד פון פוסטן אָנשטעל... איז קאָנטיק נישט געגאַנגען לאיבוד, באַלד אָנגענומען געוואָרן אין ד ע ם גאָרן אויסלייג פון אַ וווּנדערלעכער פשטות וואָס באַגלייט און באַהערשט זיין ליד, אין וועלכן ער האָט זיך פאַרברידערט צו די אָנשוויונגען און די מידות טובות פון זיין איידעלן און פרידלעכן... בן עיר... ר׳ פנחס קאַריצער...

פון אייגן הויז

וואָס לייטערט און וואָס שטאַרקט און שפּילט
ניגונים פון גאָר אַן אַנדער חדווה.

מיט דער התמדה און דער צניעות פון אַן עניו בעט ער זיך:

היט אָפּ אין מיר ס׳געזאַנג
וואָס האָט זיך אין מיין לייב אַריינגעזונגען...

האַלט זיך אויף, און איז שוין אויף תמיד פאַרבליבן ווי דער קנין פון פאָלק, אין דעם אוצר פון זיין דיכטונג.

אין זיין וואָגל אין דער פרעמד, האָט זיך ווייטיקדיק אין אים אויפגעהיט און אויפגעהאַלטן די מענטאַליטעט און די אינטימע אייגנשאַפט פון „אַ ייד״, וואָס איז מפקיר אַלע פאַרגעניגנס פון היינטצייטיקע מענטשן. און תמיד איז ער גרייט —

ביים פענצטער זיצן און נאָכקלערן
פון אַלטע קרעטשמעס אונטערוועגנס,
און פון פולער בויד מיט חסידים,
וואָס זענען שפּעט אַהין פאַרפאָרן.
אַ פראָסטער מיטוואָך, אַ פּראָסטע קרעטשמע, —
אַ פּאַלאַץ איז פון איר געוואָרן.

און כאָטש די חסידישע מאָטיוון — „די ניגונים פון גאָר אַן אַנדער חדווה״ ווידערהאַלן זיך ביי אים אָפט, ווערסטו פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט מיד פון זיי. מיט חידוש נעמסטו אויף זייער אומבאַגרענעצטע שיינקייט, און ווי דורך אַ כישוף פאַרשיתפסטו זיך אַליין צו דעם פּאַלאַץ וואָס דער דיכטער חלומט פאַר דיר אויס, פון פּראָסטן מיטוואָך און פּראָסטער קרעטשמע.

אין זיין שיכרות און צוגעבונדנקייט צו דער וועלט פון נעכטן — אונדזער אַלעמענס נעכטן! — איז ער אויך וואַך און מער ווי אויפמערקזאַם צו דעם גרויל, חוזק און חושך פון אונדזער צייט.

האָט ער טאַקע טענות!

מיט ווייטיק און רעכט פרעגט ער: ...ווי אַזוי קאָן איך איצט אָפּריכטן מיין געבעט... איצט, — אין די צייטן פון מהומה און גאָרער פאַרטיליקונג פון זיין אומגליקלעך פאָלק, בשעת —

זיי (די אומות העולם — י. ב.) האָבן געקוקט און זיי האָבן געזען,
און — האָסט דען אַליין נישט געזען?

אין זיין אויסטענהן זיך מיט גאָט —

איך — מיט גאָר דער קאָריצער וועלט און חורבן
און אַלע מיינע גליד־און־חושים.
און ער — נאָך מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ — — —
— — — — — — — — — — —

האָב אומעטום אַ שטעג צוריק צו גאָט געפונען,
פון הינטער ווענט און וויסטן עלנט זיין קול געהערט...

פאַרבלייבט ער פונדעסטוועגן נאָך אַלץ דער מאַמין, דער גאַנצער ייד, וואָס האָט, ווי שוין אויבנדערמאָנט — אויף תמיד זיך פאַרברידערט צו זיין איידעלן גרויסן בן עיר ר' פנחס קאָריצער, ביז —

מיין לעבן גייט פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, אוועק פון מיר...

וואָס פאַר'סך־הכלט די אויסגעהאַלטנקייט פון זיינע טיפּיש־יידישע אָנשויונגען, אַן וואַקלעניש, ביז פאַקטיש, זיין לעצטן אָטעם־צוג.

אין מאָמענטן פון יאוש און פאַרצווייפלונג האָט זיך י. י. סיגאַל באַטראַכט, ווי ...אַ צופעליק געראַטעוועטער ייד...

דער צופעליק געראַטעוועטער ייד סיגאַל — דער פּאָעט פון גרויס־קינסטלערישע ווערטן, האָט זיך אָבער אויסגעטיילט פון אַנדערע יידן־פּאָעטן דערמיט, וואָס ער איז געווען און פאַרבליבן אַנזעעווודיק, ווי אַן אייגנאַרטיקע שעפערישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט הינטער זיך איבער־געלאָזט לאַנגדויערנדיקע ווערטן אין אונדזער דיכטונג אויף יידיש לשון.

אין זיין כאַראַקטעריסטישן ...נאַכגיין אַ וועלט וואָס איז פרום... איז ער געוואָרן ד ע ר ד י כ ט ע ר פון יענער זעלטענער תקופה אין יידישן לעבן, וואָס —

וועו די טויערן פון טאָג פון יידישן האָבן זיך ברייט צעעפנט
האָבן פרימאָרגן־שולן אָנגעהויבן תהילימען,
האָבן בייטאָגיקע בתי־מדרשים אָנגעהויבן לערנען,
איז דער בעל שם טוב פונקט אין יענער העלער שעה
פון די קאַרפּאַטן־בערג אויף אַ קליין וואָגנדל אַריינגעפאָרן.

צוליב אַט דער ווונדערלעכער איבערלעבונג זיינער, גייען אים אייביק נאָך אַלטע בילדער, וואָס אָטעמען מיט שטייגערישער שיינקייט, טראַדיציאָנעלער יידישקייט, פאַרפּנימט מיט דער תמימות און הדרת פנימדיקייט פון פאַרצייטיקע יידישע פערזענלעכקייטן, וואָס קריגן אַ גייסט־רייכן תיקון אין זיין דיכטונג.

אַזוי איז ער געווען און פאַרבליבן, און אין זיינע ספרים מיט בלוט פאַרשריבן:

...כ׳וויל זיך נישט און וועל זיך שוין נישט בייטן...

ער ווייסט און מיט זיכערקייט דערציילט ער, אַז —

נאָך עטלעכע זעגען דאָ לויכטן געבליבן
אונטער דער לויטערקייט פון יענעם הימל,
ווו דער בעל שם טוב און די אייניקלעך זיינע
זענען אַריבער דעם עמק אוקראַינע
געגאַנגען — ווי דען וואָלטן לאַנדוי און גלאַטשטיין
זייערע גרויסע געזאַנגען געשריבן
און — איך מיינע?

ער איז אַזוי פאַרקאַכט און צוגעבונדן צו אונדזער קאַלירפולן עבר — איך וואָלט געזאָגט: געזאַנג פון די אָבות אונדזערע — אַז ער רופט ערגעץ פאַטעטיש אויס:

קאַריץ, מיין שטאָט, מאָן מיך אויף צוריק
פון דער נאַרישער פרעמד, אין מיין טויט.

ער איז בראשו ורובו פאַרגליבט אין דער ירושה פון דורות, וואָס באַהערשט זיין מענטאַליטעט צו אַזאַ גראַד, אַז ער האָט דעם מוט צו זינגען:

יחזקאל בראַנשטיין

וװי לאַנג עס קאָן זיך נאָך אָנצינדן
דער טראָפּן טינט אויף אונדזער פּען,
איז אונדזער װוּנדערלעכער טינטער —
בעל שם טובס ברונעם — איר װעט זען.

זיין פלאַמיקע באַגײסטערונג און אײַנגעגלױבטקייט אין חסידות, װײסט נישט פון קײן גרענעץ און קײן מאָסן. אַזוי למשל, זינגט ער װעגן בראַצלעװער:

צינד אָן, נעכטן, דײַן קלײנע מנורה,
און דײַן פרומקייט װי אַ סידור מאַך אויף,
און דו טרעטסט, װי ר׳ נחמן מ׳בראַצלעװ
אַרײַן אין דעם טויער פון גאָטס הויף.

און װײַטער:

יענעם טאָג פון דער הויכער אַנטפּלעקונג
לעבסטו גאָר אויף אַן אַנדער מין ערד.
ס׳װערט דיר קלאָרער און קלאָרער און װאָרער
אַז ס׳איז דיר פון גורל באַשערט
צו דערזינגען דעם גאָלדפּאָדים חסידות,
װאָס האָט אין דער לופט זיך געשפּינט —
אַ צעריסענע ליכטיקע סטרונע
צום תיקון געבראַכט — ביז אַצינד.

און דאָס װאָס דער גורל האָט אים באַשערט — צו דערזינגען דעם גאָלדפּאָדים חסידות — גיט זיך אונדז איבער דורך דעם אומיטלבאַרן און עכטן אויפזינג פון זיין ליד, װאָס פאַרכאַפּט, רײַסט־מיט און צויבערט ממש, מיט דעם חן און רייץ פון זיינע מעשות אין פערזן צוליב דעם, װײַל —

װאָס איז אײנמאָל גרויס געװען דאָ,
װעט שוין אײביק זיין דאָ גרויס.

דאָ, דוכט מיר — אין זיין דערזינגען דעם גאָלדפּאָדים חסידות — ליגט דער גאָלדענער שליסל צו ז יי ן דיכטונג, וואָס אָטעמט מיט דער שיינקייט און זינלעכקייט פון אַמאָליקן לעבן, וואָס ער האָט אַזוי פיין און געראָטן פאַרהיינטצייטיקט מיט דער גבורה פון אַ זעלטענעם ליריקער, וואָס פאַרזוניקט זיך מיט דער העלקייט פון אייביקע ווערטן אין ד ע ר קלאָרקייט און אמת פון ז יי ן דיכטונג, אין דעם לבוש פון אַ פאַרשטענדלעכן לשון, וואָס איז אַלעמאָל אַנטפּלעקעריש־ניי, און וואָס פירט אגב אַ זעלבּ־שטענדיקן לעבן אין דער מלוכה פון וואָרט, אַזש אין דעם וויטן עתיד לבוא אַריין, לאַנג נאָך דעם ווי דאָס שטערבלעכע פון דעם דיכטער איז נעלם געוואָרן אין דעם חלל פון דער וועלט...

זיין גאָרע היימישקייט אין דער קלאַסישער פאָרם פון פּאָעזיע האָט אים נישט נאָר נישט געשטערט, נאָר, אין קעגנטייל, אָן יעדן ספק אים געשטויסן צו נייע און נייערע דערגרייכונגען; אים אַריינגעצויבערט אין דעם אויפ־זינג פון פרייפערזיקן פאָרם, סטיליסטישער באַנייונג פון זיין דיכטונג, וואָס אָטעמט גלייכצייטיק מיט אַנטיקישער שיינקייט אין תוכן, און מיט געצוימטן אינעווייניקסטן ריטם און אייגנאַרט פון אַ היינטצייטיקער דיכ־טערישער פערזענלעכקייט וואָס מעג, קאָן זיין, און איז דורכאויס מוסטער־האַפט פאַר נאָכקומענדיקע פּאָעטן, וואָס קאָנען, זאָלן און וועלן פון אים זייער אַ סך לערנען.

רירנדיק ביז גאָר זענען זיינע איד־מאָטיוון, אין וועלכע עס זינגט אויף די גאָרע תמימות פון דעם קאָריצער יינגל, וואָס האָט צופעליק פאַר־בלאָנדזשעט אין דער גרויסער וויטער וועלט פון גרויזאַמקייט, פרעמד און עלנט זיין, וואָס איז אין לויף פון יאָרן געוואָרן און אויך פאַרבליבן ד ע ר געווינס פון אונדזער יידישער ליטעראַטור, אין וועלכער אים איז באמת באַשערט געווען די זכיה, ז יי ן קאָריץ צו פאַראייביקן לדור דורות.

י. י. סיגאַל האָט זיך, אָן יעדן ספק, באַמיט ...און אַלץ פאַרשריבן אין זיינע לידער...

און פאַרשריבן האָט ער עס אָן גאווה, מיט גרויס טאַלאַנט, רירנדיקער פשטות, חשבון הנפשדיק און מיט אַ געוויסנהאַפטן איינשטעל, זיך אָנשפּאַרנ־דיק דערביי אָן זיין שטאַם.

צוליב דעם איז אים נישט געפעלן שווער דער אָנזאָג פון סוף, וואָס ער האָט סטאָיש קלוג אויפגענומען אַזוי:

צונויפגעלייגט די הענט ווי פליגל
ליג רויק, רויק און בין גרייט.
ער קומט און נעמט מיך אויף זיין פליגל
און ברענגט מיך אויפן באַרג פון טויט.

אין דעם באַשטייט זיין גרויסקייט — זיין טריומף איבער דעם אומ־פאַרמיידלעכן טויט.

און כאָטש ער דריקט זיך אויס: ...כ'האָב נישט וואָס אָנזאָגן קיינעם... האָט ער אונדז פונדעסטוועגן גאָר אַ סך אָנגעזאָגט און פאַרזאָגט, ווי אַ פייטן אויף נוסח־יידיש, אין אַ שפע פון זעלטענע לידער, וואָס לייענען זיך צומאָל ווי היימיש האַרציקע תפילות.

צוליב דעם וועלן מיר אים אַלעמאָל, מיט דאַנק און אַ ברכה אויף די ליפן געדענקען, ווי ער אַליין זינגט אין איינעם פון זיינע לעצטע לידער:

די אַלע לידער זענען מיינע טריט
מען זאָל דערקענען, אַז איך בין דאָ איינמאָל
דורך דער ערד,
פאַרביי דער קליינער וועלט
ווי פאַר אַ דאָרף פאַרבייגעגאַנגען.

און הינטער זיך, וואָלט איך צוגעגעבן — איבערגעלאָזט אַ סליאַד פון דורכזיכטיקער שיינקייט, וואָס איז מוסטערהאַפט און עכט, אין דעם לירישן אויפזונג פון זיינע ווונדערלעכע לידער.

אַ דיכטער אין טאָגן

(אברהם סוצקעווער: „אָ אַ ז י ס")

אַ קליין בוך, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט איכות און תוכן, איז אַ ברכה פאַר אַ דיכטער אין אַלגעמיין, אַ דיכטער אין טאָגן — ווי אברהם סוצקעווער איז — אַוודאי און אַוודאי.

די דיכטונג וואָס איז עכט, נויטיקט זיך נישט אין קיין רעקלאַמעס פון קיינעם, אַפילו נישט אין די גוט־מיינענדיקע כוונות פון אַן אָביעקטיוון ליטעראַטור־קריטיקער, ווער ער זאָל נישט זיין און וואָס ער זאָל מיט זיך נישט פאָרשטעלן.

די דיכטונג, וואָס איז עכט, איז אַלעמאָל קאַפּאַבל צו שטיין אויף די אייגענע פיס. מיט דעם כוח פון איר אייגענעם פאַרנעם, גיט זי זיך אומ־מיטלבאַר איבער דעם געניטן לייענער און געניסער פון עכטער דיכטונג, ביז שיכרות.

עכטע דיכטונג האָט קיינמאָל נישט ליב זיך צו פוצן אין פרעמדע פעדערן — פוסטער רעטאָריק, וואָס איז בלויז געניגט צו פאַרדעקן די אימפּאָטענץ פון „דיכטער" אין קלאַמערן.

צוליב דעם דוכט מיר, באַדאַרף אַן עכטער דיכטער נישט זיין להוט און לגמרי נישט פאַראינטערעסירט זיך צו יאָגן נאָך כמות אין ז ײ ן דיכטונג. און אָפּגעזען דערפון, וואָס אַפילו ביי אונדזערע סאַמע פּראָמי־נענטע דיכטער מערקט זיך דווקא יאָ אַ טענדענץ אַרויסצוגעבן גראָבע, פילזייטיקע לידער־ביכער, וואָס ווערן צוליב דעם גופא זעלטן ווען געלייענט, איז פאַר מיר פערזענלעך די פריידיקסטע איבערלעבונג זיך צו באַהעפטן און אויפנעמען די דינסטע לידער־ביכער פון פּאָעטן, אין אַלגעמיין.

אַ דאַנק דעם, וואָס כמעט אַלע ביז איצטיקע דיכטערישע שאַפונגען פון אברהם סוצקעווער זענען געשטאַנען אונטערן צייכן פון איכות און

נישט כמות, אין זיין לידער־בוך אַזוינס נאַטירלעך, אויך נישט קיין אויסנאַם.

דער גאַנצער בוך זיינער באַשטייט סך־הכל פון אַכט און אַכציק דורכשניטלעכע דרוק־זייטן. און די לידער און פּאָעמעס זיינע, דערצו נאָך אַ היפּשע צאָל קורץ־שורהדיקע לידער — זענען קוואַנטיטאַטיוו אויך קליין.

סוצקעווערס ראָל אין אונדזער היינטצייטיקער דיכטונג, ווי דער אומ־דערשראָקנסטער און דער געוואַגטסטער זינגער־און־באַזינגער פון יידישער העראָיק, אויף דער פּאָן פון אונדזער גרעסטער טראַגיק, טיילט זיך דער עיקרשט אויס מיט דער אייגנאַרטיקייט פון זיין פערזנגעבוי, וואָס האַלט זיך אגב אין איין באַנייען מיט דער עשירות פון זיין לעקסיק, בילדלעכקייט, פאָרם און אינהאַלט, המצאות פון גראַמען, שפּירעוודיקסטער זעעוודיקייט, אין אַן אויסלייג פון מוזיק אין לשון. קיינער פון זיינע קריטיקער, מיין ווייניקייט אַריינגערעכנט — האָט עס אַזוי נישט פאַרשטאַנען און אינטער־פּרעטירט ווי ער גופא, דערצו נאָך אויף אַ פּאָעטישן און גאָר געלונגענעם אופן, ווי ער טוט עס אין זיין ליד „דער בלינדער מילטאָן", אין וועלכן ער זינגט טיילווייז אַזוי:

צו פיר און פערציק יאָר
בין איך געשלאָגן
מיט זעעוודיקייט. ווי אַ גייזער שלאָגן
אין מיר די בלוטן פון אַ דור.

אָט־די זעעוודיקייט זיינע דינט אים ווי אַן עמוד האש, צו באַלייכטן דעם חושך פון זיינע טראַגישסטע איבערלעבונגען און אויך דעפיניטיוו קלאָרע זעונגען, וואָס האָבן זיין דיכטונג דערהויבן צו אַן אָריגינאַליטעט, וואָס האָט דעם כוח צו געבן אַן אויסדרוק נישט נאָר די דינסטע ניואַנסן און איבערלעבונגען פון דעם בחיר היצירה — דעם מענטש, נאָר אפילו אויך דעם דומם, וואָס רייצט זיין פאַנטאַזיע און באַקומט ביי אים אַ פאַרשטענד־לעכן לשון אין דעם אויסלייג פון וואָרער דיכטונג.

דער אימאַזש זיינער ווערט ביי אים אויף אַזוי פיל פאַרשכלט און

פון אייגן הויז

פאַרבילדלעכט אין דעם לבוש פון לשון און ריטם, וואָס לייגט זיך ביי אים אויס אין דעם אויפזינגג פון מוזיק, אַפילו אין דער שפּאַלטונג פון ווערטער, וואָס אַקצענטירן און וואַריאירן גלייכצייטיק די שפּילעווודיקייט פון זיין ליד, וואָס באַצוועקן, דעמאָנסטראַטיוו פון זיך אַרויסצוקריגן דעם צויבער פון דיכטונג, וואָס באַדאַרף, איז און מוז זיין עכט און אָנרעגנדיק געװוג, אויפצופּאַסן דאָס לעבן אין דער גאָרער שיינקייט און אַנטפּלעקונג פון דער יציה. צוליב דעם זיין דעוויז:

בדמיך חיי —
אין דיין ליד זאָלסטו לעבן!

וואָס ער, סוצקעווער, איז מקיים ווי אַ דיכטער אין טאָגן, מיט טאַלאַנט און געוויסנהאַפטן איינשטעל לגבי די נויטן פון זיין דור און תקופה, אין וועלכן אים איז באַשערט צו לעבן, ליידן, שאַפן און ווירקן.

די טעמאַטיק פון זיין לידער־בוך אַזיס איז אויף אַזוי פיל קאָליר־פול און פאַרשידנאַרטיק, אַז עס איז כמעט ווי אוממעגלעך אַפילו פאַר אַ דערפאַרענעם לייענער און אָפּשאַצער פון ליטעראַטור־ווערטן איר אָפּצו־שאַצן און פאַראיינהייטלעכן אונטער דעם אָנלען פון איין דאַך.

אַזוי, למשל, אַטעמען די לידער אויף דעם נאָמען פון בוך: אַ אַ ז י ס, און אויך די פּאָעמע „אין ווינקעלער", מיט דער מיסטישער שיינקייט פון אַ ליריקער, וואָס אָפּערירט מיט אימאַזשן און סימבאָלן, וואָס זענען אין זיך כולל דעם וויטיקדיקן צובונד פון דעם דיכטער צו דעם לעבן, וואָס כאָטש עס איז דורכאויס טראַגיש און איינמאָליק, צוליב דעם גורל פון אומפאַר־מיידלעכקייט — טויט, וויל ער פונדעסטוועגן אַפילו

...אויסזויגן פון דיר דיין טויט, אַז דו זאָלסט אייביק לעבן,
אַז איך אַליין זאָל ווערן אַ געמיש
פון דו און איך. און פילן אין די ערדענע געוועבן:
געזעטיקט רוישט אין מיר דיין טויט, מיט פורפורנעם האַשיש.

און די תפילה פון זיין האַרצן איז:

באַהאַלט זיך אין מיין ליד...

וואָס דאָס גיט זיך אים טיילוויז אויך איין אין אַ גרויסער צאָל פּריערדיקע און אויך איצטיקע לידער זיינע, וואָס זענען מאָנומענטאַל אין זייער געבוי און פאַרנעם אויף דער פּאָן פון אונדזער גרעסטער טראַגיק, און זיי זענען גלייכצייטיק אויך אַדורכגעזעלט מיט דער פרייד פון נס־ישראל — וואָס זענען וואָגיק אין אינהאַלט און פאַרנעם, איידל קינסטלעריש אויסגעפּירט.

איין זאַך איז קלאָר שוין פון די ערשטע פערזן פון זיין בוך, אַז אָפּגעזען פון זיינע ביז איצטיקע דערגרייכונגען אין זיין דיכטונג, שפּרודלט ער נאָך אַלץ מיט עיקרדיקע, אייגנטלעך — בראשיתדיקע פאַרלאַנגען פון זיך גופא, אויף גאָר אַ דינאַמישן שטייגער. ער זינגט, למשל:

לערן זיך ביים ווינשטאָק: שאַפן, שאַפן,
איינזאַפּן דעם גאַנצן ווין פון איטלעכער מינוט.
שטענדיק פילן: זויבערע, מעלאָדישע געלאַפן,
רעגנס מאַכן צייטיק יונגע טראַפן,
שטילערהייט באַגיסן זיך מיט אייגן בלוט
און — שאַפן.

וואָס אין סוקצעוועס פּאַל מיינט עס: אַ ליידנשאַפטלעכער באַגער צו באַנייונג אויף אַלע מעגלעכע אופנים; זיך קיינמאָל נישט באַניגענען מיט דעם דערגרייכטן, נאָר ווייטער גיין אין שפּאַן פון יצירה, אַלעמאָל שטרעבן צו נייע דערגרייכונגען און ערשט —

...זיין באַשיידן: אין טויזנט יאָר אַרום...

ווייל אין אים פּיבערן נאָך אומאויפהערלעך

קיינעמסדיקע נייע הימנען — אָדערן פון שוויגן,
ציען מיך מיט זייער נישט־אַנטזיגלטן געשלעכט.

און אָט־די נייע הימנען וואָס ציען אים מיט זייער נישט־אַנטזיגלטן געשלעכט, זוכן און געפינען טאַקע אַ נייעם תיקון אין דעם אויפזינג פון זיינע איצטיקע, און האָפנטלעך אויך אין זיינע נאָכקומענדיקע לידער.

זיין נייגונג זיך איינצולעבן און פאַרטיפן זיך אין וועלטן אַנדערע, ווי חיות, דומם, און נישט־אָרגאַנישע אָביעקטן, סטימולירן אים נישט

זעלטן צו שעפעריש־קינסטלערישע מעשים, וואָס באַווירקן זיין פאַנ־טאַזיע, לעקסיק און אומגעוויינלעכער קאָמבינירונג פון ווערטער, וואָס פאַרכאַפּן דיך ממש מיט זייערע דערגרייכטע רעזולטאַטן, אין געליטערטע פערזן.

פון אַזאַ כאַראַקטער, למשל, זענען די לידער זיינע, א. נ. „ווערטער אין שווייגנס", וואָס דער לייענער באַדאַרף זיך אַליין באַמיען זיי צו לייענען און באַנעמען זייער זינלעכע שיינקייט, אַפילו אָן דעם פירוש און אויסטייטש פון דעם בעסטן אָפּשאַצער פון ליטעראַטור־ווערטן — אַ קרי־טיקער.

דער דאָזיקער כלל איז אָגב אויך גילטיק פאַר דעם גאַנצן בוך אַזיס.

די „צוויי באַלאַדעס וועגן מיין קינדהייט" זענען אַ מוסטער־און־מייסטערהאַפטער המשך פון סוצקעווערס ווונדערלעכער פּאָעמע פון זיין קינדהייט — סיביר, וואָס דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון דער יוניטעד ניישאַנס האָט ערשט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אין אַן ענגלישער איבער־זעצונג.

די פּאָעמע א. נ. „איבער מיין זכרון" — ס'אַר אַ גבורהדיקער ליריי־שער אויסגוס אין פּאַטאָס, פון אַ באמת גרויסן פּאָעט!

אָט־די פיר פּאָעמעס ,פיבערן ממש מיט פאַרצייטיקן פּאַטאָס פון היינטצייטיקן פיוט!

> וועלף מיט אָפּגעפליקטע לאַפּעס, וואַיענדיקע ווידוים.
> ערגעץ גוססט, אָן אַ מויל, אַ מענטשן־קול ביחידות.

אָט־די קרעפטיקע אויסגעשרייען אין רייפע, אויסגעהאַמערטע פּאָעמעס, זענען דער קאָנסעקווענטער המשך פון סוצקעווערס איבערראַשנדיקע געטאָ־לידער, וואָס האָבן אים געקרוינט ווי איינעם פון די ווירקזאַמסטע און אָנגעזעענסטע מקוננים פון אונדזער גרעסטן חורבן.

פון אַ באַזונדערן אינטערעס און טיילוויז ארץ־ישראלדיקן כאַראַק־טער, זענען די לידער סוצקעווערס, א. נ. „באַרעגנטע ליפּן".

זיין באַהעפטן זיך צו דעם בעל־התהילים, דורך דעם אויפזינגג פון זיין „אַ מזמור אין עין־גדי" —

יחזקאל בראַנשטיין

איך בלאָנדזשע אין דיין פורעם.
איך גיי אין דיינע אָדערן.
עס קלאַפּט מיין האַרץ אין דיינס.
איך בין אַ תפילה אָנגעטאָן מיט ווונדן,
ווי אַ בוים
איז אָנגעטאָן מיט פייגל אין אַ שטורעם.

גיט צו דעם ליד דעם רייץ און די האַרציקייט פון אַן אמתן תהילים־געזאַנג, אין דעם לבוש פון היינטצייטיקן יידיש־לשון וואָס איז שוין לאַנג נישט הינטערשטעליק לגבי דער עשירות פון אַלע אַנדערע וועלטלעכע שפּראַכן פון אַ היינטצייטיקן קולטור־מענטש איבער דער גאָרער וועלט.

די זעלטענע שיינקייט און זינלעכקייט פון אַט־דעם ליד און אַ צאָל ענלעכע לידער, ווי „אין וואַדי־פּיראַן", אָטעמען מיט תנ"כישער סביבה, וואָס ציטערט אויף דיין האַרץ מיט אַ בענקשאַפט נאָך דעם קדמון פון בראשית, ווייל —

דאָ לעבט נאָך אַ לשון, וואָס דאַרף נישט קיין ליפּן,
דאָ שטוינט נאָך אַ שטיין צום אַרויסשלאָגן וואַסער.
און איך בין געקומען מיט דעם זיך פאַרקניפּן,
און לעשן אין וואַסער אַ ניי קול־מבשר.

און ווייטער:

און מיינע שוואַרצאַפּלען, צום פאָלק נע־ונד׳ע,
זיי גיסן זיך איבער פון קלאַנגיקער פילקייט.
ווי לעבעדיק בלוט איז נאָך וואָרעם דער וואַדי.
אַ שטיינאָדער קלאַפּט אין פאַרזיגלטער שטילקייט.

סוצקעווערס פאַרקניפּן זיך מיט דעם תנ"כישן... לשון וואָס דאַרף נישט קיין ליפּן... דאָס איבערגיסן זיך פון זיינע שוואַרצאַפּלען... פון קלאַנגיקער פילקייט... איז מער ווי אַ ברכה, גרויסער געווינס און דער־גרייכונג פאַר אונדזער יידיש לשון און קאָלירפולער דיכטונג, ווי פאַר אים גופא — אונדזער געקרוינטער דיכטער אין טאָגן.

מורא און תפילה

(רייזל זשיכלינסקי: „שווייגנדיקע טירן")

די מורא פאַר דעם לעבן איז איינע פון יענע מיסטעריעס, וואָס זוכן און געפינען אַן אויסדרוק אין דער דיכטונג וואָס איז עכט און איז אין זיך כולל די אָפּשפּיגלונג פון דיין געמיט אין דעם פון זיך אַליין באַשאַפענעם אימאַזש און פאָרם פון אויסדרוק אין אַלגעמיין, אָן דעם ביישפּיל פון אַ פאָרגייער, צי פאַרשריבענער פאָרמולע און כללים פון דער פּראָזאָדיע.

ווען רייזל זשיכלינסקי, וואָס איז מער נישט קיין פּנים חדשות אין אונדזער דיכטונג — זינגט, למשל, אין איר ליד „אויף אַ וואָקזאַל", ווען האָבן זיך ...אַרומגעדרייט איבער אַ וואָקזאַל און זיך (זיך אַליין — י. ב.) נישט געקאָנט געפינען... און אַז —

די ווייזערס פון דעם וואָקזאַל־זייגער
האָבן זיך גערוקט
מיט אַזוי פיל דראָען, מיט אַזוי פיל שרעק —
און די רעלסן האָבן געזוכט מיך
צו צעשניידן.

באַשטעטיקט זיך מיין השערה, אַז די דיכטערין איז באַהערשט פון אַ געפיל פון מורא פאַר דעם לעבן, וואָס דינט איר אָבער אַלצאיינס ווי אַ טרייבנדיקער כוח און סטימול צו שעפערישע מעשים אין איר דיכטונג.

רייזל זשיכלינסקיס דיכטונג טיילט זיך אויס מיט דער אָריגינאַליטעט פון איר טעמאַטיק, פאַר׳כפלט מיט דער אַנדערשקייט פון איר סטיל און לשון, אין וועלכן עס מיניעט זיך און עס האַלט זיך אויף אַ מאָדנע מעלאַנ־כאָליע, וואָס צווינגט דיך ממש מיטצולעבן מיט איר אירע לירישע זעונגען, וואָס ברענגען מיט זיך אַ נייקייט אין דעם זין, וואָס זי גייט נישט אין דעם שפּאַן פון אירע פאָרגייערס אין אונדזער דיכטונג אויף יידיש־לשון.

אירע „שווייגנדיקע טירן" זענען אַן אַנטפּלעקונג, אין דעם זין פון רעדן

צי טראַכטן דווקא אין דער הויך, אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט די שטימונגען פון דער דיכטעריך, ווענס איבערלעבונגען אָטעמען מיט דער מורא פאַר דעם בעל כרחו אתה חי, וואָס באַהערשט איר באַוווסטזיין.

אַלע אירע ווענדונגען, כאָטש אין גרונט גענומען — אַבסטראַקטע, אָטעמען מיט אַ געפיל פון מורא, אומזיכערקייט און סתם הבל הבלימדיקע שטימונגען. אין איר ליד „אַ פאַרבייגייער", זעט זי בלויז ...אַ לעצטע פלייצע פון אַ פאַרשפעטיקטן פוסגייער... און אַז זי קומט אַרויס פון דער סאָבוויי, איז איר אַלץ אומבאַקאַנט און זי זינגט וועגן דעם אַזוי:

שטייסט פאַרן הויז,
קוקסט לאַנג אָן די טיר,
ביז עמעצער הינטער דיר,
אַ טונקעלער,
אָן הענט —
קלאַפּט אָן פאַר דיר.

אַזעלכע און ענלעכע איבערלעבונגען אירע, ווי —

ביז עס וועט אויפגיין דער נייער טאָג,
וועל איך שוין אויך זיין פאַרצערט.

טיילן איר דיכטונג אויס ווי אַ ווייטיקדיקן אויסגעשריי און מורא פאַר דעם לעבן, וואָס האַלט איר פונדעסטוועגן גלייכצייטיק געשפּאַנט און שטויסט איר צו אייגנאַרטיקע דערגרייכונגען אין דעם אויפזינג פון איר ליד. צוליב דעם איר געזאַנג פון „שווייגנדיקע טירן", וואָס לייענט זיך אַזוי:

איך בין די היטערין
פון שווייגנדיקע טירן.
איך שטיי פאַר די געשלאָסענע פירעקן —
ווי פאַר די צען געבאָט:
שטאַרבט עמעצער הינטער זיי?
ווערט עמעצער געבוירן?

פון אייגן הויז

איך בויג מיין קאָפּ,
פאַר שווייגנדיקע טירן.

פון אַט דעם פּחדימדיקן הר־סיני־צושטאַנד פון אַ מיסטיש־געטלעכער איבערלעבונג פון מורא, נייגער און דערוואַרטונג, שפּאַנונג־און־אַנונג, פּלעמלט פונדעסטוועגן אַרויס געפיל פון האָפענונג, וואָס וועט ד׳ערפירן רייזל זשיכלינסקי צו מער זינלעכע, אַפילו פריידפולע געזאַנגען, אין אירע נאָכקומענדיקע לידער.

אין די לידער פון רייזל זשיכלינסקי האָט זיך אויך אויפגעהאַלטן דער אויפזינג פון אורבאַניסטישע מאָטיוון, איז דעם אויסגוס פון אייגנאַרטיקע לידער, וואָס פאַרכאַפּן מיט דער עכטקייט פון וואָרער דיכטונג (זע: ״ביי־נאַכט אין ניו־יאָרק״, ״יענע גאַס״ און אַנדערע גרויסשטאָטישע לידער אירע).

איר גרעסטער באַגער איז — ...שווייגן אין דיין חלום...
איר אַנונג פון דעם מאָרגן איז —

איך וועל זיין שוין אויף די וועגן,
אַ בלאַט, וואָס רייפט,
דעררייפט אין געלקייט;
אַ קלאַנג, אַ ווייטע שיף,
וואָס שווימט אויף וואַסערן פאַרקלערטע.

כמעט אַלע אירע לידער זענען איבערגעלאָדן מיט אַ תוכן, און צווינגען דיך צו פאַרטראַכטן זיך וועגן די עיקר־פּראָבלעמען פון דעם לעבן אין אַלגעמיין. אויב דיר איז שווער מיט איר מיטצוגיין אויף די פאַר־נעפּלטע וועגן פון איר געדאַנקן־גאַנג, געפינסטו אָבער נישט זעלטן אַ טרייסט אין דעם טרעפלעכן אויסלייג פון איר קלוגשאַפט, וואָס ווייסט צו באַטאָנען, אַז —

אַלץ וואָס איז געווען,
וועט ווידער זיין.
גאָרנישט גייט פאַרלוירן,
גאָרנישט ווערט פאַרפאַלן.

דער אונטערטאָן פון אירע לידער איז באַהערשט פון אַן איידעלן טרויער, אויף דעם גורל און טראַגיק פון דעם לעבן אין אַלגעמיין. דער עיקרשט אָבער, — אויף דעם גורל פון דעם פּרט. אַלעמאָל זעט זי זיך אַליין אין אַ צושטאַנד פון נאָך אַלעמען, אין אַ פּראָצעס פון אָנקומען אומעטום — צו שפּעט...

איר פאַרצווייפלונג דאָמינירט אויף אַזוי פיל איר מענטאַליטעט, אַז איר דוכט זיך ממש אויס, אַז —

גע‌בוירן האָט מיך דער ווינט,
געזויגן דער באַרג,
די מאַמע געוועזן איז אַ חלום.

וואָס טראַגישער דערפון קאָן גאָר נישט זיין.

ווי אַ טראַגישע פּערזענלעכקייט מיט אַ טראַגישער באַציונג צו דעם לעבן בכלל, איז רייזל זשיכלינסקי אָן יעדן ספק דורכויס עקסצענטריש. און אָפּגעזען פון אירע פּעסימיסטישע אָנשויונגען וואָס לייגן זיך ביי איר אויס אין גאָר געראָטענע לידער, ווערט זי קיינמאָל נישט מיד זיך אַליין צו זען אין די פאַנטאַסטישע אומוואַנדלונגען פון אַ לעבן, וואָס איז, צי וויל זיין — אייביק און דינאַמיש. זי זינגט, למשל, וועגן זיך אַזוי:

אַלץ וועט געדענקען
אַז איך בין דאָ געווען.
די שיפן וועלן האָבן דעם קאָליר
פון מיינע קליידער,
די פייגל וועלן רופן מיט מיין קול.
דער פישערמאַן אויפן שטיין
וועט טראַכטן מיין ליד,
דער טייך
וועט נאָכגיין מיינע טריט:

און אין אַן אַנדער ליד רופט זי אויס:
כ׳האָב אַלעמאָל אַן אַנדערן נאָמען...

וואָס דאָס מיינט, אַז זי זעט זיך פּערמאַנענט אין די אייביקע פּראָצעסן פון דעם זיך־בייטנדיקן און דינאַמישן לעבן. זי חלומט אַפילו פון אַ צייט

וועןְ איך וועל לעבן אין ערגעץ נישט,
וועל איך שרייבן לידער אויפן וואַסער...

אין איר ווייט־זעענדיקן אַרומנעם פון דער יצירה, וואָס איז דינאַמיש און אומענדלעך.

פון דעם איז אפשר צו דרינגען, אַז רייזל זשיכלינסקי איז דווקא פאַרליבט אין דעם לעבן, כאָטש עס איז אין ווידערשפּרוך צו איר געפיל פון מורא פאַר דעם לעבן — צוליב דעם געזעץ פון אומפאַרמיידלעכקייט, וואָס איז ביי איר אַ מין אידייע־פיקס. דערפאַר אפשר האָט דער תוכן פון אירע לידער אויף זיך אַרויפגעצויגן און זיך פאַרשלייערט, אין דעם אומהיימ־לעכן שאָטן פון מורא פאַר דעם לעבן, פון וועלכן אונדזער דיכטונג האָט אגב אַ סך געוווּנען, אַ דאַנק איר אייגנאַרטיקן צושטייער.

דער איבערגאַנג ביי רייזל זשיכלינסקי פון מורא צו תפילה, אָטעמט מיט דעם פּאַטאָס, צער און יאוש פון אַ היינטצייטיקן מקונן פון אונדזער גרעסטן חורבן.

די לידער אירע א. ב. „תפילה", ווינען זיך אַריין אין דייך געמיט מיט דעם האַרץ־רייסנדיקן ניגון־און־קרעכץ פון ימים־נוראימדיקן פּיוט, און דער מראה פון בלוט —

ווייל אַלץ טרינקט זיך
אין אַ בלוטיקן נעפּל.

און אַלץ צוליב דעם, ווייל —

גאָט האָט פאַרבאַהאַלטן זיין פּנים.

אין דעם אָנגעזיכט פון דעם גרעסטן מאָרד און חורבן אין דער געשיכטע פון מענטשן, אַפילו טויב און בלינד געבליבן צו דעם געוויין־געשריי און געבעט פון אַ מאַמען, וואָס פרעגט:

מיין מיידעלע, מיין טאָכטער ווו איז?
רייזל, קלויב צונויף אירע ביינער.

יחזקאל בראָנשטיין

די דיכטערין ווייסט באַשטימט, אַז —

מיין מאַמע וועט נישט קומען פון גאַז־קאַמער צוריק. —
איך נעם בלויז אַ שטיין —
מיין מאַמעס פוס האָט אויף אים געטראָטן,
אין פרעמדע, פאַרוואָגלטע נעכט
וועט ער זיין מיר אַ קישן צוקאָפּנס.

אין איר פאַרצווייפלונג טענהט זיך די דיכטערין אויס מיט גאָט און זי פרעגט:

פאַרוואָס האָסטו נישט גערעגנט מיט שוועבל,
רעגן — שליח פון גאָט ?
פאַרוואָס האָסטו נישט געהאָגלט מיט שטיינער
דאָ, איבער דייטשע קעפּ ?

פאַרוואָס האָסטו נישט גערעגנט מיט טרערן
כאָטש פון איין יידיש קינד ?
מיט בלוט, פאַרוואָס האָסטו נישט געיאָמערט
איבער די דייטשע שטעט ?

צוליב דעם איז די תפילה פון איר האַרץ:

ברענג מיר דאָס בלוט פון דעם שונא אויף דיין מעסער,
וועל איך קושן דיינע הענט לאַנג און פרום.

דאָס טראַגישסטע דערביי איז איר באַוווסטזיין, אַז

דער פאַרנאַכט וועט מיך מער נישט אַהיים פירן
צו דער מאַמעס טיר.

ווייל—

ליידיקער שטח וואַרט אויף מיר.

און אַלץ וואָס זי געפינט אין איר חרוב־געוואָרענעם שטעטל איז, —

...די געשטופלטע סטאַשע —
זי לעבט, זי שפּאַצירט מיט די זעלנער,
זי איז שיכור און נישט געוואַשן.

פון אייגן הויז

אַלע אירע לידער א. ג. „תפילה״, ברענען מיט דעם פּאַטאָס פון זידנדיק בלוט, אויף דער פאָן פון אונדזער גרעסטער טראַגיק און חורבן, וואָס האָט דאָ געקראָגן אַ זעלטענעם תיקון אין לידער, וואָס וועלן אונדז אַלעמאָל דינען ווי אַ דערמאָנונג אָן דעם וואָס דאָס „הערנפאָלק״, די דייטשן — האָט מיט אונדז אָפּגעטאָן.

אָט איז נאָך איין רירנדיקער און לעצטער אויסצוג פון רייזל זשיכלינסקיס אַ ליד:

— מיין קינד ,דאָס בלוט אין דיינע אָדערן איז זאַפט
פון גלויבן און פיין,
געלייטערט ביי די טייכן פון בבל
און ביי די ברעגן פון ניל.
ס׳האָט מיין מאַמע אין אַ שטעטל אין פוילן
געדאַוונט אין אַ שול,
די שול איז געווען פון האָלץ
אַלט זעקס הונדערט יאָר
און די ביינער פון די זיידעס
האָבן געלויכטן אין טאָל.
די שול איז פאַרברענט,
דער טאָל צעטראָטן.
אויף אָפּגעמעקטע קברים
הויערן נאָר שאָטנס.

אַזוי קומען טיילווייז צום אויסדרוק „דאָס בלוט, זאַפט פון גלויבן און פיין״ פון אונדזער אומה, אין די זייער טראַגישע לידער פון רייזל זשיכלינסקי, וואָס באַוועגן זיך צווישן מורא און תפילה אין איר נייעסטן לידער־בוך — שווייגנדיקע טירן.

קיבוץ און מענטש, אין ליד

(אברהם לעוו: „ביימער אין ווינט״)

אין אַנגעזיכט פון דרייצן יאָר מדינת ישראל און אָן יעדן ספק, אויך אַ סך פריער, איז מער נישט קיין נייעס צו זען אַ פּאָעט אַ חלוץ, ביי דער פיבערדיקער אַרבעט פון בנין הארץ, אויף אַלע געביטן פון דעם שטורעמדיקן לעבן אין ישראל. אינטערעסאַנט אָבער איז יאָ, צו זען אַ חלוץ אַ פּאָעט אין די שעפערישע פּראָנט-ליניעס פון ממשיך זיין אונדזער יידיש לשון אין מדינת ישראל, וואָס איז ביז נישט לאַנג צוריק פאַרשריגן געוואָרן ווי אַ שפחה...

צווישן דער קליינער צאָל פּאָעטן וואָס האָבן עקשנותדיק זיך אַריינגעביסן אין דער ישראל-ווירקלעכקייט מיט דעם כוח פון פיזישער אַרבעט, און גלייכצייטיק מיט זעלטענער התמדה און גבורה זיך אויך באַמיט, אָפּצושפּיגלען און פאַרהערלעכן אָט די קדושה פון אַרבעט אין אונדזער ליד אויף יידיש-קודש, פאַרנעמט דער פּאָעט אברהם לעוו, אָן יעדן ספק, אַ בכבודיק אָרט אין דעם פאָדערגרונט פון דער זיך שאַפנדיקער יידישער פּאָעזיע אין מדינת ישראל.

אברהם לעוו איז שוין אַ סך יאָרן אַ קיבוצניק. זיינע קיבוצישע לידער זענען דעריבער נישט קיין אויסגעטראַכטע, נאָר, אין קעגנטייל, נאָרמאַל אויסגעטראָגענע פון אים גופא.

אין זיין נייעסטן בוך „ביימער אין ווינט״, קריגט דער קיבוץ — ווי אַ כלל, און דער קיבוצניק — ווי דער מענטש און ווי אַ יחיד, זיין פולסטן תיקון אין די קאָלירפולע לידער פון אברהם לעוו דעם קיבוצניק-פּאָעט... וואָס זענען געשריבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשידענע זשורנאַלן און צייטשריפטן — פון גאָר דער יידישער וועלט — אין די יאָרן 1935—1960.

קיבוצישע לידער אונטערשיידן זיך פון לידער בכלל דערמיט, וואָס זיי

פון אייגן הויז

האַלטן אין זיך אויף דעם צויבער פון דיכטונג אין אַלגעמיין, מיט דעם זעלטענעם עודף פון קיבוצישער אייגנאַרטיקייט, וואָס איז פאַרלויפיק בלויז אייגן דעם קיבוץ־לעבן אין מדינת ישראל.

צוליב דעם איז דער געבעט פון דעם דיכטער פאַרוועבט אין אַ ליריק, וואָס אָטעמט מיט געזאַנג פון מי:

דערהער מיין געבעט
פון מיין האַרצן וואָס טריפט:
נישט פאַרשעמען דער ווינט
זאָל מיין ברעטערנעם צריף.

איך שיק מיינע רייד
צו דיר מיט פאַרלאַנג,
אַז אויפגיין אין בייט
זאָל געראָטן מיין זאַנג.

פון די לידער אַרויס דערטראָגט זיך צו דיר דער געזונטער ריח פון ערד, בוים און געוויקס. און דער געפינקל פון טוי אויף גראָז, רייצט אין דיר דעם נייגער, בענקשאַפט און דראַנג נאָך דער שפע פון פעלד.

דער פּאָעט וואָס האָט זיך פרייוויליק פאַרגילגולט אין אַ קיבוצניק, לאָזט זיך באַיינפלוסן פון דעם לעבן אין קיבוץ אויף אַזוי פיל, אַז דער קיבוץ גופא פאַרנעמט, מיט דער צייט, דעם סאַמע אויבנאָן אין זיין ליד.

זיין צוגעבונדנקייט צו פעלד און אַרבעט האַלט אים תמיד אויף אַזוי פיל געשפּאַנט, אַז עס באַקומט זיך דערפון דער איינדרוק פון אַן עכטער איבערלעבונג.

בשעת דו לייענסט זיינע לידער, ווערסטו פשוט מיטגעריסן מיט דער מיסטישער פרייד זיינער, וואָס פולסירט מיט דעם רייץ פון אַ פאַרליבטן, וואָס זינגט:

עס האָט אַרומגענומען מיך אַ פריידיקער געפיל פון גליק:
אַליין איך בין פון דעם פאַרטאָגעדיקן פעלד אַ שטיק,

די פייכטע האָר מיינע איז גראָז, און איך אַליין בין רויע ערד —
די בליונג האָט פון מיר מיט זאַפט און גרינס אַרויסגעקוועלט.

די אייגענע פאַרוואַנדלונג זיינע אין רויערד פאַרשותפט אים דאָ צו דער דערקענטעניש פון דעם וואָס די וועלט איז אין זיך כולל.

זיין געזאַנג פון „כי טוב" וואַקסט אוממיטלבאַר אַרויס פון זיין באַהעפטונג מיט דעם כלל, וועגן וועלכן ער זינגט באַגייסטערט:

די מי איז געזונט דאָ און פריש,
ווי לויטערער פריילעכער קוואַל.
עס שמעקט דאָ ביי דעם שותפותן טיש
מיט ברכה פון שוויס און פון שטאָל.

— — — — — — — —

ווער ס׳אַרבעט אין גאָרטן, אין קיך,
ווער ס׳אַרבעט אין גרויסן פרדס.
אַליין — ווי קליין איז דער „איך",
צוזאַמען — ווי גרויס איז דער נס.

אַזוי ווערט אין אים פאַרוואַנדלט די קליינקייט פון דעם „איך" וואָס איז פאַרמשפּט צו זיין אַליין, אין דער גרויסקייט פון כלל — פון זיין צוזאַמען, וואָס פאָרט זיך מיט נס. צוליב דעם זיין באַגייסטערטער אויפזונג:

נישט מיד ווערן זאָגן: כי טוב!
מיין היים אין דעם גרויסן קיבוץ.

אברהם לעוו ווערט נישט מיד צו זינגען וועגן דעם טראַקטאָריסט, דעם זייער, און פון יעדן איינעם אָן אויסנאַם, וואָס מאַכט זיך נוצלעך אין אַ קיבוץ.

דער וועכטער היט,
דער וועכטער וואַכט.
עס הילכן טריט —
אַ גוטע נאַכט...

פון אייגן הויז

באַגייסטערט ער זיך פאַר דעם וועכטער אין זיין ווונדערלעכן ליד: „מה מליל?“, אין וועלכן די מיסטעריע פון דער נאַכט גיט זיך דיר איבער אין די דינסטע ניואַנסן אין דעטאַלן.

לבנה — האַלב,
אַ שטערן־ווונק.
אַ שאָס... אַ זאַלפּ...
אַ בליץ... אַ פונק...

— — — — — — — — — —

אַ היענע קלאָגט
דאָרט אין איר הייל.
זאָג, וועכטער, זאָג:
מה מליל? — —

און אַז עס צערעדט זיך אין אים „דער פויער־פּאָעט“, האָט ער נישט מער ווי בלויז לויב —

...דאַנק פאַר אָפּגעברענטער הויט,
פאַר וואַסער קילן און פאַר ברויט — —

פאַר אַלע ברכות פון דער ערד, פאַר אַלץ וואָס אויג טוט זען. זעט און הערט אדרבה, ווי דער „פויער־פּאָעט“ זינגט און רעדט:

פעסט איז דער באָדן, אויף וועלכן עס טרעט
דער פויער־פּאָעט.
און כאָטש דער גוף איז מיד,
און מאַט —
דאָך איז זיין ליד
און זיינע רייד
אָנגעפילט מיט ליכט און פרייד
וואָס איז אין אים פאַראַן.

אָבער —

יחזקאל בראַנשטיין

פאַרנאַכט איז מיר פרעמדלעך דער רויך פון קאַפּעען,
דער פוסטער געפּלאַפּל ביי שוימיקע גלעזער.

דערפאַר אָבער —

פאַרנאַכט. נאָך טאָג פון מי אין פעלד
איז גוט די קילע, די שטיינערנע שוועל.

און נאָך

אַ טאָג פון מי.
אויפן בריקל אויפן שטיינערנעם, ביז שפּעט
זיצט דער פויער־פּאָעט
און וועבט זיין ליד.

ווי אומגעקינצלט און נאַטירלעך עס רעדט ביי אים דער פויער־פּאָעט, אין דעם אויסלייג פון אַ געביטענעם ריטם און אין אַ סטיל פון קלאָרקייט, וואָס צויבערט ממש מיט דעם רייץ פון זעלבסטפאַרשטענד־לעכקייט. אַזוי אויך זיין ליד „מיין זון פון זיבן יאָר", וואָס איז

...דער ערשטער דור
פון דער גאולה.

זיין פּאָעמע „צו מיין לאַנד" ברענט ממש מיט דער ליבשאַפט פון אַ פאַרליבטן און שטאָלצן זון פון זיין פאָלק, וואָס זינגט:

ביסט קליין, נאָר דו ביסט מיין,
דו לאַנד פון ליכט, דו לאַנד פון שיין.

זייענדיק צוגעבונדן מיט אַלע זיינע חושים און רמ"ח אברים צו זיין פאָלק און זיין לאַנד, שטעקט ער דיך אָן מיט זיין גלויבן, אַז דאָס לאַנד איז ...אין מיר, אין מיין זעל, אין מיין בלוט... און, ווי איציק מאַנגער פרעגט ער אויך, אויף זיין לשון, אין זיין סטיל און אויף זיין אופן:

ווי קאָן איך אַוועקגיין פון דיר?
צי קאָן איך פון זיך אַוועקגיין אַליין?

און זיין תפילה איז:

ברען אויס מיט אַ פלאַקער
דעם פרעמדן און אייגענעם האַס,
אַז דער, וועלכער בייגט זיך ביים אַקער,
זאָל פילן די זיסקייט פון לאַסט.

אַזוי שפּילט אַברהם לעוו פאַר אונדז אויס אַ סימפאָניע פון ליבשאַפט אין פּרעכטיקע לידער צו זיין לאַנד, ווי אַ קיבוצניק אַ פּאָעט, ווען עס איז אַבסאָלוט פרעמד ...דער רויך פון קאַפּעען... ווייל ער זינגט נישט ווי אַ פּסעוודאָ־פּאָעט מיט פאַרגלאָצטע אויגן, וואָס שטייט מחוץ למחנה, נאָר ער זינגט ווי אַ דירעקטער אָנטיילנעמער ביי דער אַרבעט אין פעלד, גאָרטן, שטאַל און אויך ווי אַ שומר פון אַן אייגענער ווירטשאַפט אין אייגענעם לאַנד, וואָס פאַרצווייליגט אין זיך גופא אַ חלוץ־פּאָעט און אַ פּאָעט אַ חלוץ, ווען די קדושה פון אַרבעט איז אויף אַזוי פיל ליב און אייגן, אַז ער פאַרהייליקט און פאַראייביקט די עכטקייט פון זיין איבערלעבונג אין דעם פולסטן אויפזינג פון זיינע לידער, אין זיין נייעסטן בוך לידער און פּאָעמעס, א. נ. „ביימער אין ווינט“. צוליב דעם באַרעכ־טיקט זיך זיין קוק אויף דעם לעבן, ווי עס באַקומט זיך אין זיין ליד „אין גערעאַנגל“, אין וועלכן ער זינגט:

גוט איז קאָנען זען, פאַרשטיין
פונעם זיין דעם זינען;
אויפן שווערן וועג צו גיין,
פאַרלירנדיק — געפינען.

די לידער זענען — חלוציש אין כאַראַקטער — זענען פאַרוואָרצלט אין די מעשים טובים פון קיבוץ, אין וועלכן ער אַליין — דער פּאָעט — איז טיף פאַרוואָרצלט און פאַרחברט מיט מענטש, דומם, הויז־חיה, באַרג און טאָל, פייגל, טאָג און נאַכט, בוים און ווינט און רעגן, אַפילו מילב, שלאַנג, שוואַלב און ווערעמל. און זיין איינציקער פאַרלאַנג איז:

יחזקאל בראָנשטיין

פאַרהיט מיך ווינט דו, פאַרהיט!
וויש אָפּ דעם צער פון געמיט,
גיב קלאָרקייט אין ליד.

אַלע זיינע לידער אָן אויסנאַם, באַשטעטיקן דעמאָנסטראַטיוו, אַז זיין תפילה פאַר קלאָרקייט אין זיין ליד, איז באַוויליקט און אָנגענומען געוואָרן.

זיין אויג און האַרץ איז תמיד וואַך צו דעם לעבן פון קיבוץ, וואָס באַזינט זיין אייגן לעבן און איז אָן יעדן ספק דער רוקנביין און די קרוינונג פון זיין ליד.

אברהם לעוו זינגט:

אין מיין קיבוץ, אויפן גרינעם פעלד,
זיך שפּילן קינדערלעך פון גאָר דער וועלט.
אַנטלאָפענע פון גיהנומדיקע היימען,
פון איראַק, מצרים און תימן.

דערזעט ער אַ גייער — ווי אַמאָל, ציטערט אויף זיין האַרץ און ער זינגט מיט צער:

געקומען פון ווייט, געקומען פון פרעמד,
געקומען פון דאָרטן!
דו טייל זיך מיט אים, מיט דיין ברויט, מיט דיין העמד,
מיט דיין גאָרטן.
ווייל דו האָסט אַ לאַנד, אַ גרויסן פאַרמעג,
און ער האָט נאָר קברים...
צוריק ווי אַמאָל, אין יענע אַמאָליקע טעג,
לאָמיר אַלע זיין אָרעם.

זיין וועלן זיין אָרעם ווי אַמאָל, אין יענע אַמאָליקע טעג, איז רירנדיק דערמיט, וואָס זיין קרבנות־גרייטקייט צו טיילן זיך מיט זיין ברויט, העמד, גאָרטן און אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, מיט דעם גייער פון היינט, דריקט אייגנטלעך אויס דער וועלט־באַנעם פון היינטצייטיקן ישראל־קיבוץ, פון וועלכן אונדזער פּאָעט איז אַ רינג אין דער קייט פון אַקטועלן

איבערבוי פון לאַנד, וואָס איז צום לעבן געקומען מיט דעם זין פון דער שליחות, צו באַהערשן דעם מדבר, קולטיווירן דאָס לאַנד און דערהויבן די חשיבות פון דעם יידישן מענטש, צו דער חשיבות פון אַרבעט אין אַן אַקט פון קדושה.

זיינע „פּרקים פון אַ פּאָעמע״, א. נ. ו„ויהי בוקר״, פּאַר׳סך־הכלען דעם אויפזינג פון אברהם לעווס נייעסטן בוך ביימער אין ווינט, מיט דעם כוח פון אַ פּשטות וואָס גיט זיך דיר איבער מיט דער עשירות פון זיין שפּראַך, וואָס שפּיגלט אין זיך אָפּ דעם פריידיקן געצאַפּל פון קיבוץ, אין זיין גאַנג באַרג אַרויף, אין דעם וואַכעדיקן אויסלייג פון אַ לעבן פון מי און אַרבעט, וואָס כאָטש עס איז ווייט פון צו זיין ראָמאַנטיש, פאַרכאַפּט עס אָבער מיט דער קאָלעקטיווער פרייד פון וואַקסנדיקן ישוב, וואָס שטאָלצירט דערמיט, וואָס —

> אונדזער גרויסער עס־צימער איז נישט פאַרפּוצט
> מיט שיינע פאַרהאַנגען און מיט געמעלן,
> נאָר אויפן טיש פון אַלדאָס גוטס
> טוט מען שטעלן.

צוליב דעם די האַרמאָנישע שלווה, אונטער דעם צעזונטן הימל פון אונדזער הייגטצייטיקער מדינת ישראל, אין דעם אויפזינג פון ביימער אין ווינט, פון אברהם לעוו.

מולד איבער תמנע

(וועגן די לידער פון ריקודה פּאָטאַש)

ביים לייענען די לידער פון דער פּאָעטין ריקודה פּאָטאַש פון ירושלים, א. נ. „מולד איבער תמנע", וואַרפט זיך אין די אויגן איר אינטענסיווע באַמיונג צו וועלן זיין אַנדערש און מאָדערן, אין דעם אויפזינג פון איר ליד, וואָס באַמערקט זיך אַפילו אויך טיילוויז אין איר אָרטאָגראַפיע. זי לייגט, למשל, אויס די ווערטער: אָנלען, אַרכיאָלאָגישער, מינוטע און בלויז, אַזוי: אונלען, אַרכיאולאָגישער, מענועט און בלויס.

דער פּועל יוצא פון איר באַמיונג איז לײדער נישט אינגאַנצן קיין געלונגענער אין דעם זין, וואָס די שטימונג פון ערב־ליד, און אַזאַ שטימונג איז בנמצא ביי יעדן פּאָעט אָן אויסנאַם — די כּאַאָטישע, נישט קלאָרע פּאַרבינדונג פון ווערטער — קריגט ביי איר אַ תיקון אין דער שווערקייט פון נישט־אויסגעטראָגענע לידער, וואָס פאַלן שווער אויף דעם געמיט פון געדולטיקסטן לייענער, כאָטש זי איז בפירוש אָפּגעהיט מיט אַ זעלטענער עקאָנאָמיע אין דעם אוצר פון איר וואָרט, אויף וואָס עס זאָגט עדות דער כמות פון אירע לידער אין אָנגעזיכט פון זייער איכות, וואָס וועגט אַריבער דעם כמות.

צוליב דעם ווערט נאַטירלעך אומבאַדינגט נויטיק פאַרבייצוגיין אַ צאָל לידער אירע, ביים סאַמע אָנהויב פון איר בוך, כדי זיך אַרויסצופלאָנטערן פון דעם כאַאָס פון איר ערב־ליד און שטופּנוויז אַריינגעצויגן ווערן אין דעם צויבער און אין דער מיסטעריע פון לעצטן שומר פון שלמה המלכס קופּער־מינען, וואָס שטייט נישט מער אינדרויסן, ווייל —

איצטער הויבט־אָן די תפילה צו ווערן:\
עס קופּערט זיך לאַנגזאַם\
אין קופּער זיין שטערן...

פון אייגן הויז

עס קופּערט זיך לאַנגזאַם
דער קאָפּ און די האָר;
די אויגן, דער האַלדז
און אויך די אויערן —

פּאַמעלעך ווערט אַ שומר
אין קופּער פאַרלוירן...

אַזוי ווערט דער כאַאָס פון ערב־ליד פאַרוואַנדלט אין ליד, וואָס פאַרכאַפּט און געדענקט זיך אין דער סטאַטיק פון קופּער, וואָס פיבערט אין דער דינאַמיק פון געראַטענע לידער.

פון אַן ענלעכן כאַראַקטער און קלאָרקייט פון סטיל, זענען די לידער „ווידער־קול פון תמנע".

רוף איך בערג,
רוף איך שטיינער;
ענטפערט קול
דעם ווידערקול
נישטאָ דאָ קיינער! —

„קופּערנע נעכט":

אין תמנע
גייען אַרום קופּערנע נעכט
מיט האַלבע קופּערנע לבנהס —

„דער קופּערנער מלך":

קופּערנע אוצרות שרייען פון ערד...

„דאָס דעקטוך איבער תמנע":

מאַמע זיצט אין תמנע
שוין אַ גאַנץ מעת לעת —
מאַמע זיצט אין תמנע,
ס׳דאַרף געשען אַ נס.

וואָס זענען טיף רירנדיק מיט דער איבערגעלאָדנקייט פון יידישער טראַגיק.

אין „מולד איבער תמנע" באַקומט זיך אַזוי אַרום אַ פּאַטעטישער פּרוּוו, דערגרייכונג אַפילו — אין די היינטצייטיקע לידער פון ריקודה פּאַטאַש. עס ווערט דאָ באַלעבט אַן אוצר פון צוריקגעוווּנענער שיינקייט אין די אַמאָליקע קופּער־מינען פון שלמה המלך, וואָס טיילן זיך אויס מיט דעם רייץ און חן פון אַן אייגנאַרטיקער לאַנדשאַפט אין קופּער, אין דעם לבוש פון זעונגען אין קאָלירפולע בילדער.

די טעמאַטיק פון בוך איז בכלל קאָלירפול אין דעם זין, וואָס אָפּגעזען דערפון וואָס דער בוך איז זייער באַשיידן אין כמות, איז ער פונדעסט־וועגן נישט באַגרענעצט טעמאַטיש צום מולד איבער תמנע, און איז גאָר וואָגיק אין איכות.

אַזוי איז, למשל, די ליריק פון „רעקוויעם צו מיין ברודער מרדכי" בכלל אַנדערש, דער עיקרשט זייער פּאַטעטיש, אין דעם זין פון דורכאויס איידעלער און צערפולער איבערלעבונג פון אומפאַרמיידלעכן טויט.

דער געזאַנג פון לעבן און טויט, אָדער — פאַרקערט, באַוועגט זיך דאָ מיט דער דינאַמיק פון אַ ריטם וואָס פאַרוואָרצלט זיך אין דער זעונג פון ווידערגעבורט, וואָס איז דווקא נישט קיין פרומער ווונטש, נאָר דער פאַקטישער אויסלייג אין איר טויער וואָס שטייט שטענדיק אָפן און זאָגט אָן, אַז —

אומקערן וועלן זיך
אונדזערע פרילינגן,
אין הויכע מימאָזעס
אין ווייסע בעז־ביימער,
אין קערשן־בליטן.
עפּל־ביימער וועלן זיך רויטלען
מיט אונדזערע יונגע פּנימער
און קוקאָוועס פון וועלדער
וועלן רופן אונדזער פאַריתומט געלעכטער —
— — — — — — — —

פון אייגן הויז

מיר וועלן זיך אומקערן
מיט אַן אות, מיט אַ גרינעם בלאַט;
אפשר אין ניסן־טעג
און אפשר אין שבט?

אויף דער פּאַן פון צער און טרויער אויף דעם גורל פון אונדזער איינמאָליק לעבן בכלל, אבלות איבערהויפּט, געפינט ריקודה פּאָטאַש באַלד איר גלייכגעוויכט, און עס וואַקסט ביי איר אַרויס אַ סינטעז צווישן לעבן און טויט, די פאַרוואַנדלונג אין סטאַישן אומקער פון אונדזערע פרילינגן אין דער דינאַמיק פון אַ באַנייט, אייביק און קאָליר־פול לעבן.

די בילדלעכקייט פון אירע לידער איז נישט זעלטן אָריגינעל, מיט דעם אייגנאַרט פון אירע איינפאַלן, אין דעם אויסלייג פון קלאָרקייט אין איר לשון.

דער הימל, למשל, שלאָפט ביי איר... אינעם בעט פון וואָלקן... און אַ שטערן גליט אויס איר טרויער, און —

אין מיין אויגן־בעט
האָט זיך אַריינגעשאַרט
דאָס געזאַנג פונעם חזון פאַר דעם טויטן —
די בעזעמלעך פון מיינע אויגן
האָבן אויסגעקערט די נאָדלען וואָס האָבן גענייט
די טויטע קליידער פאַר אים — — — —

ס'אַר אַ שפע פון בילדער אין קלאָרקייט, עס איז דאָ אַריינגעפּרעסט אין איין באַשיידענער סטאַנזע פון אַ באמת וווּנדערלעך און פּאַטעטיש ליד.

אַזוי אויך די אַנדערע לידער פון „רעקוויעם צו מיין ברודער מרדכי״. אַלע, אַלע אָן אויסנאַם — זענען זיי אַדורכגעציטערט, אַדורכגעבליצט און אויסגעפירט מיט דעם חידוש פון נייקייט אין פאָרם, און זעונגען קלאָרע אין אינהאַלט, וואָס דעמאָנסטרירן קלאָר אַ פּאָזיטיווע נייגונג פון ריקודה פּאַטאַש, צו גיין באַרג־אַרויף אין אירע דיכטערישע טואונגען. חי

אַ מוסטער פון אַזאַ דערגרייכונג זאָל גענומען ווערן איר רירנדיקע פּאָעמע „דער זעלבסטמאָרד פון אַ שפּיגל אין שפּיטאָל״, אין וועלכן די טראַגיק פון לעבן רעדלט זיך אַוועק —

צוגעדעקט ,זיט אַ בלויער קינדער־דעק.

די מיסטעריע פון דעם ,לעבן זינגט דאָ אויף אין איר גאָרסטער טראַגיק אין אַ שפּיגל, וואָס איז מיט טרויער אָנגעשוואָלן און, ווו —

דער טויט קלויבט צונויף די טאָוולען פון פיבער.
אין דעם שפּיגל ווייגט די נאַכט.

פּאָעטן זענען געוויינלעך איינזאַמע באַשעפענישן. ריקודה פּאָטאַש איז, נאַטירלעך, נישט קיין אויסנאַם. קיינעם איז אָבער ביי אונדז נישט געלונגען די איינזאַמקייט פּאַר אונדז אויסצווזינגען אויף אַזאַ צאַרט־רירנדיקן אופן, אין זעלטן־שיינע פערזן, ווי ריקודה פּאָטאַש. איר קרויז פון איינזאַמקייט — דערציילט זי אונדז —

...איז אַנדערש, ווי די קרוינען
וואָס עס טראָגן הערשער.
זי האָט אַ ווייך ליכט פון אָונט־בלעטער
וואָס דרעמלען מיט שטילקייט —
די איינזאַמקייט גיט מיר זיידענע לאַטשן.
אַ האַרפע פון שוויגן הענגט אויף מיין וואַנט.

איר שוויגן איז אָבער אַ שווייגן אין דער הויך, וואָס גיט זיך דיר איבער מיט דעם ריטם פון איר דממה דקה׳דיק דינעם געזאַנג דורך אירע אָפענע טירן, וואָס

...זענען דיזעלבע טירן דורך וועלכע
מען האָט געטראָגן דער מאַמעס טויט אַריין,
דער מאַמעס טויט אַרויס
מיינע טירן.

איר באַזונגענע און צעזונגענע איינזאַמקייט ווערט פון איר אויף אַזוי פיל פּאַרבילדלעכט, אַז די זעונגען אירע שטויסן דיך אַריין אין

פון אייגן הויז

אַ נעץ פון איבערלעבונגען, וואָס פאַרכאַפּן דיך ממש מיט דער אַנטפּלעקערישער שיינקייט פון איר דיכטונג, אין דעם אויסלייג פון אָריגינעלע לידער:

פון פרעמדע גערטנער
רופן מיך איינזאַמע ביימער —
וועלקנדיקע בלעטער פאַלן צו מיינע פיס.
זייער תפילה איז העכער פון רייד
און זייער שוויגן בליט צערטלעכקייט —
היל מיך איין אין די בענדער פון לאַנגע גראָזן
און בינד מיך צו מיט זייער שוויגן —

דערפון איז צו זען די שעפערישע ווירקונג פון איר איינזאַמקייט אויף איר דיכטונג, וואָס אָטעמט מיט דער צניעות פון אידעלער פעמיניטעט.

צוליב דעם די פאַרוואַנדלונג פון מענטשן אין סימבאָלן, אין אירע לידער.

איר מאַמע: ...אַ שיינע באַבלעטערטע טאָפּאָליע אין אַ סאָד... אין אַ בלומען־קלייד.... און אַ תפילה גייט ביי איר אָרום...
אין אַן אויסגעקוילעטער יידישער קהילה... וואָס רירט ביז טרערן.

איר ליד „מיין מאַמעס שיך", דער איינציקער איבערבלייב פון אַלע אירע זאַכן, אין אַ קאַסטן אין טרויעריקן רויט, איז אַן אוניקום אין אונדזער דיכטונג.

דאָ רעדט זיך פון כל־נדרי־לאַטשן... אין וועלכע נאָר אַ מלאך גייט... פון יום־כיפּור־שיך... פון בלייכן, בלאָען סאַמעט... און אויך פון וואָכעדיקע, ברוינע, שנורעוואַדלע־שיך, וואָס

זי גייט אין זיי
פון גאַס אין קיך.
ווען ס'קומט דער יאָרצייט,
עפנט זיך אַליין דער שווערער דעק,

יחזקאל בראָנשטיין

און אַלע אין אַ ריי
קלאַפּן אויס אַ טיפן ווײ
און גייען מיטן וועג
צום הר הזיתים,
צו די מתים.

אַ טייל פון אירע לידער זענען איבערגעפּילט מיט חכמה און זיי זענען נאָך דערצו פאַרוועבט אין אַ כאַראַקטעריסטישער ארץ־ישראל־לאַנדשאַפט, וואָס רייצט אין דיר די פאַרשלאָפענע בענקשאַפט פון דיינע אייגענע קינדער־יאָרן, ביים לערנען חומש מיט רש״י. אין איר „אָדע צו מיין טאַטנס אַכציק יאָר״, דריקט זיך עס טיילווייז אויס אַזוי:

איך וואָלט וועלן אויפציען אויף אַ שנירל דיינע תפילות
און גיין מיט זיי איבער די גאַסן,
אַזוי ווי ירושלימער יידן־קורדן,
וואָס צווישן זייערע פינגער
מיט בורשטינען ציילן זיי די ספירה...

איר אָדע צום טאַטן איז בכלל אַ מערקווירדיקע פּאָעמע, אין דעם זין פון אַנטפּלעקערישן אויסדרוק פון איר לעבנס־חכמה, אין דעם סטיל און ריטם פון היינטצייטיקער דיכטונג.

מיין נישט אַז די אַלטע יאָרן זענען טריבע,
זיי זענען ווי אויף אוראַלטעביימער
די קרוינען פון זונען...
מען דאַרף זיי תמיד פאַרקליידן
אין תפילהדיקע מלבושים
און מיט חוזק אַנטקעגן די
וואָס מיינען, אַז זייער אייביקייט איז גרעסער.

די טראַגיק פון אונדזער אומקום־תקופה האָט אויך איבערגעלאָזן אירע קענטיקע שפּורן אויף דער דיכטונג פון ריקודה פּאָטאַש. געווענדט צו דערמאָנען איר „וואָגן מיט קינדער־שיכלעך״ —

פון אייגן הויז

בלויז אַ וואָגן מיט פיר רעדער.
קינדער־שיכלעך
אָן אַ סדר.

און אַ „קינדער־וואָגן מיט אַ ליאַלקע" —

די ליאַלקע שמייכלט,
זי חלומט פון אַ קינד;
ס'איז ליידיק טויט אַרום,
דער וואָגן אויסגעקרימט...

אַז דיין האַרץ זאָל אויפשוידערן מיט די גרעסטע פיינען פון דער וועלט, אין וואָס אייגנטלעך עס דריקט זיך אויס דער זין פון איר ליד: אָנצושטעקן דעם לייענער מיט דעם עמאָציאָנעלן אויפברויז פון איר דיכטונג, וואָס עס גיט זיך איר איין, אָן דעם מינדסטן שאָטן פון ספיקות.

שטערן אין מיין שויב

(וועגן די לידער פון רבקה קאָפּע)

ביים אויפנעמען אַ לידער־בוך וואָס פאַרכאַפּט דיך מאָמענטאַל מיט זיין אויסערלעכן גלאַנץ, עסטעטישן אויסזען, אויסלייג און איינבונד, איז אַלעמאָל פאַראַן אַ געפאַר פון אַ באַלדיקער קאָנקורענץ צווישן דעם אויסערלעכן לבוש פון דעם געשמאַקפול אַרויסגעגעבענעם בוך, מיט ד ע ם תוכן און פאַרנעם פון די לידער גופא.

דער לידער־בוך „שטערן אין מיין שויב" פון רבקה קאָפּע, איז אויף אַזוי פיל פאַרכאַפּנדיק מיט זיין אויסערלעכן אויסזען, וואָס אָטעמט אגב מיט דורותדיקער שיינקייט פון אַ היימיש פאַרצייטיקן און פאַרהיי־ליקטן ירושה־מחזור פון אַ קליינשטעטלדיקער, גוטער און תמימותדיקער מאַמע אין אַ שייטל, אַז דיין וואַכזאַמקייט צו דעם ליד גופא, ווערט ביי דיר באַלד פאַרפּילפּאַכט, כדי דו זאָלסט נישט געשטרויכלט ווערן מיט צופיל באַגייסטערונג פאַר דעם אויסערלעכן פּוץ פון דעם בוך, און קאָנען שענקען די געהעריקע און פולע אויפמערקזאַמקייט דעם עסטעטיש־קינסטלערישן ווערט פון אירע לידער.

שוין דאָס ערשטע ליד פון רבקה קאָפּע א. נ. „לעבן", דעקט אויף די טיילווייזע טענדענץ פון דער דיכטערין, צו פאַרבייטן אַ טייל פון אירע עמאָציעס אויף פילאָזאָפישע נייגונגען אין אַ צאַל לידער אירע.

צוליב דעם איז איר לשון אין אַט די לידער פון דעם כאַראַקטער, אַ ביסל באַשווערט פון אַ נייגונג צו שטעלן דעם טראָפּ מער אויף געדאַנקלעכקייט, ווי אויף בילדלעכקייט. דאָס לעצטע — בילדלעכקייט, איז אָבער עיקרדיקער און מער צוגעפּאַסט צו דיכטונג ווי דאָס ערשטע — פילאָזאָפישע געדאַנקלעכקייט, ווייל דיכטונג — זאָל געדענקט ווערן! — איז אָן יעדן ספק בכלל, מער געפילס־אויסדרוק ביי מענטשן, ווי

דורכויס פילאָזאָפישע געדאַנקלעכקייט, דערצו נאָך אין אַ לשון, וואָס איז דאָ אָפט האַרט און טרוקן.

צוליב דעם איז איר פילאָזאָפירנדיק ליד באַשווערט פון אַ גראָב־פינגערדיקן פּילפּול, וואָס איז אין גרונט גענומען פרעמד דעם ליד אין אַלגעמיין. ווייל ליד, לויט מיין מיינונג — באַדאַרף בטבע זיין אַנטפּלעק־קעריש עמאָציאָנעל, אין דעם לבוש פון אַ לשון, וואָס באַדאַרף זיין בילדלעך און בליצן מיט דער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון וויזיעס קלאָרע, און עס באַדאַרף אים אויך זיין פרעמד דער אומעסטעטישער גראַם פון, לאָמיר זאָגן — אַקאַציע מיט וויבראַציע, צי — דאָזע מיט אַמבראָזע, ווי עס באַקומט זיך אין דעם אַריינפּיר־ליד ביי רבקה קאָפּע.

דער געדולדיקער לייענער — און אַ גוטער לייענער מוז זיין געדול־דיק! — טאָר אָבער נישט זיין געאיילט און באַלד אַרויסטראָגן אַ נעגאַטיוון און איינזייטיקן איינדרוק פון רבקה קאָפּעס לידער.

ווען לידער ליגן זיך אויס אין גרויסע צאָלן אין אַ בוך, באַדאַרף מען זיי בכלל באַהאַנדלען מיט דער אָפּגעהיטקייט, פאַרזיכט און ישוב הדעת פון אַן אויפמערקזאַמען לייענער, וואָס באַדאַרף האָבן צו זיי געדולד, צו לייענען זיי פון אָנהויב ביז צום סוף מער ווי איינמאָל, און אויך — אויף צוריק, ווי מיין ווייניקייט איז זיך אַלעמאָל נוהג, ביים לייענען גוטע פּאָעזיע. דער וואָס באַמיט זיך עס אַזוי צו טאָן, וועט אָן יעדן ספק קיין חרטה נישט האָבן אויף זיין באַמיונג. ער וועט אָן יעדן ספק, אויף דעם אוממיטלבאַרסטן אופן געפינען, דאָס וואָס ער זוכט אין אַ ליד צי לידער: עסטעטישן גענוס פון זעונגען אין דיכטונג, אין צעוואָרפענע, איינצלנע פערזן, אַפילו אויך — גאַנצע לידער.

אַזוי, למשל, איז איר פּאָעמע א. נ. „שטערן איבער מיין געמיט״, וואָס גיט זיך דיר טיילווייז איבער אין איר פרייפערזיקן געבוי, לייכט און געמיטלעך, אָן דער שווערקייט צומאָל, פון אירע געבונדענע פערזן, אין וואָכעדיק־געקינצלטע גראַמען, — מיט דעם צויבער פון אַן עכטקייט וואָס איז אַ מוז, אין דעם אויסלייג פון וואָרער דיכטונג, וואָס איז, מוז און באַדאַרף זיין צעהעלט פון וויזיעס, וואָס באַצווינגען

דיך מיט דער דורכדרינגלעכקייט, כוח און ווירקזאַמקייט פון נשמהדיקע רענטגען־שטראַלן.

אין איר דראַנג צו לעבן און וועלן באַהערשן דעם לעבן, זינגט רבקה קאַפּע אַזוי:

מיין ווילן בליט ערשט,
רויט ווי מאָן,
צו אַ נייעם בראשית. —
פונקט ווי די גערוינערין
פאַר דעם געבורט,
וואָס קאָן פאַר ווייטאָג
רייסן קייטן,
האָב איך צעפליקט
די טויטווייען —
און אַלע דאַמבעס צום לעבן
דורכגעבראָכן,
מיך ווידער געבוירן.
כ׳האָב מיך אויסגעגלייכט
און כ׳לעב!

אָט די פערזן אירע אָטעמען מיט דיכטערישן כוח און פאַרנעם, וואָס פאַלן צענויף מיט דעם דעוויז פון אַלע קונסטן אָן אויסנאַם: צו וועלן און קענען איבערבויען דעם לעבן וויזיאָנעריש, אין הסכם מיט די נייגונגען און די שטרעבונגען פון דעם דיכטער, וועמענס ...ווילן בליט ערשט רויט ווי מאָן, צו אַ נייעם בראשית...

די נייגונג פון רבקה קאַפּע אין אירע לידער צו רעטאָריק, שוואַכט נישט זעלטן אָפּ דעם איינדרוק פון אירס אַ גוט פאַרטראַכט ליד צי פּאָעמע, וואָס שטערט לויט מיין מיינונג, איר גאַנג באַרג־אַרויף צו שלימות. אָפּגעזען אָבער פון די דערמאָנטע דעפעקטן, וועגן אָבער אירע מעלות אַריבער די חסרונות און איר ליד שטעלט מיט זיך פאָר, אַן אייגענעם, אויב נישט אייגנאַרטיקן — צושטייער, צו דער עשירות פון אונדזער דיכטונג און וואָרטשאַפט, אין אַלגעמיין.

פון אייגן הויז

די ליבע־לידער אירע אָטעמען נאָך איצט מיט פאַרשייטן, יוגנטלעכן רייץ, ראָמאַנטישקייט און בענקשאַפט, כאָטש זי האָט שוין דעם מוט צו זינגען וועגן דעם, אַז —

כ׳האָב אָפּגעלעבט אַ האַלבע פון מיין וועלט
און קוק שוין צו דער אומגעהויערער ווייט אַרויף!

שטערט איר עס אָבער נישט צו וועלן זיין —

אַ בלויער קראַוואַט
אויף דיין האַלדז — —
דו זאַלסט מיך אַרומטראָגן,
מיך אַרומטראָגן,
אַ קנאָספּ פאַרשלייפט
אויף דיין האַלדז.
און געשפּאַנט זאַלסטו זיין
אויף אַלע דיינע וועגן
פון מיין אַרומנעם.

ווי זי זינגט אַזוי אוממיטלבאַר שיין אין איר ליד „קאַריאַטידע״, און אין אַ סך אַנדערע לידער אירע פון זעלבן מין און כאַראַקטער, ווי „לאָז מיך נישט שמאַכטן״, און „קום, די טיר מאַך מיר אויף״, „צי ווייסטו״ און „איך וועל דיך זען״.

אירע מעטאַפאָרן טראָגן נישט זעלטן אַ פעמינינעם כאַראַקטער, וואָס גיט צו אַ ספּעציפישן פרויען־כאַראַקטער אירע לידער, וואָס אָטעמען מיט דעם שטילן געזאַנג פון ...אַ פלאַטערל מיט פליגעלעך צענומען... וואָס בלענדט מיט רייץ און ווייטיק פון איינמאָליקן, קורצן, אָבער — דורכאויס שיינעם אויפבליץ פון לעבן און אומקום.

ווען רבקה קאָפּע רעדט און זי זינגט וועגן זינגען, איבערטרעפט זי זיך אַליין אין איר ליריק, וואָס פלאַטערט מיט זעונגען פון אַן אויס־געחלומטער וועלט פון גאָרער שיינקייט, אין אַלגעמיין.

יחזקאל בראַנשטיין

וועו איך זינג,
נידערן די שטערן
ווי פייערדיקע בינען,
איז פול די ערד
מיט האָניק פון געזאַנג.
ווען איך זינג,
ווערט חיה מילד
און שטיין ווערט ווייך...

אַזוי ווערט מיט דעם כוח פון דיכטונג — דיכטערישע זעונגען — ...פול די ערד מיט דעם האָניק פון געזאַנג... און די רשעות פון דער חיה — מילד. דאָס וואָכעדיקע לעבן איז איר אויף אַזוי פיל דערווידער, אַז זי לאָזט זיך פירן פון אירע חלומות און פאַנטאַזיעס, אינטויציע — ביז צו דעם אויסדוכט ...אַז איך לעב אויף אַ נייעם פּלאַנעט...

דער אינטימער קאָנטאַקט פון אַ דיכטער מיט זיין לשון — די ווערטער מיט וועלכע ער באַנוצט זיך צו באַקליידן זיינע רעיונות, געפילן און וויזיעס, איז דער איידלסטער אינסטרומענט זיינער, אַ געשאַנק פון די געטער — אין דער אומזעבאַרער האַנט פון דער יצירה, וואָס העלט־אויף אין דעם דיכטערס מחשבה, אין דעם געלייטערטן אָפּקלייב און סטיל פון אַ ריטמישן לשון, וואָס דערגרייכט ביי אַן עכטן דיכטער די דינקייט פון מוזיק, ווי ביי אַברהם סוצקעווער, למשל. רבקה קאָפּע זינגט וועגן דעם אַזוי:

ווי דורך אַ כישוף אויסגעגליט,
רירן ווערטער מיך אָן,
זיי קומען
פון מיין גומען.
אויף שפּיצן פינגער
קומען זיי
און פאַלן
אין מוזיק־אַרביט.

און דערלייזן אונדז, ווייל איך דאַ צוגעבן — פון דער גאָרער וואָכע־דיקייט פון אונדזער איינמאַליק, טרויעריק לעבן אויף דער ערד...

פון נאָך אַ שטאַרקערן און מער איינדרוקספולן כאַראַקטער, אומ־געהויערער שיינקייט און בילדלעכער קלאָרקייט, איז איר ליד „געבורט״, וואָס איז ממש פאַרכאַפּנדיק מיט זיין ריטם און אויפהעל פון איר אינטויציע, אין וועלכן עס פאַרשותפן זיך אויף גאָר אַן אָריגינעלן אופן די געבורטס־ווייען פון מוטערשאַפט מיט דעם געבורט פון וואָרט. אין אַ סינטעז פון אַן אייגנאַרטיקן באַנעמען ד ע ם געבורט און דעם זין פון וואָרט, אין דעם מויל פון אַ שעפערישער דיכטערין, וואָס רבקה קאָפּע איז.

זאָל עס דער לייענער אַליין אויפזוכן און לייענען, וועט זיך נישט צעברעקלען די גאַנצקייט פון דער איבערלעבונג און די הנאה פון דעם באמת גרויסן און פולווערטיקן ליד.

און טאַקע צוליב דעם, וואָס רבקה קאָפּע האָט באַוויזן זיך שעפעריש איינצולעבן אין דער אַנטפּלעקונג פון דעם וואָרט, איז איר תפילה —

אַרויס פון קלעם זאָל מיין געמיט,
כ׳זאָל קאָנען שלאָגן טרייסט פון ליד.
אַ לויטער־דימענטן געשליפן וואָרט
צוריק געפינען זאָל זיין ווייכן אָרט
און רעגנבויגנדיק דורך אַ שמייכל גיין
אין אַן אָפן מענטשלעך האַרץ אַריין.

וואָס קאָנקרעטע סימנים דערפון, אַז איר תפילה ווערט שוין טיילווייז באַוויליקט און אויך אָנגענומען, זענען קענטיק אין אַ צאָל לידער אירע, איצטיקע, וואָס מעגן אונדז שוין דינען ווי אַן אָנזאָג אויף דער געגאַרטער שלימות אין אירע נאָכקומענדיקע לידער.

ווי אַ טיפּיש יידישע טאָכטער איז רבקה קאָפּע זייער סענסיטיוו צו דעם גורל פון איר אומה. זי איז אָבער גלייכצייטיק קלוג גענוג, נישט צו פאַרשווענכן די טראַגישע איבערלעבונגען אירע מיט אַן איבער־פלוס פון רייד, וואָס דערגרייכן בטבע פונקט דאָס פאַרקערטע... צוליב

דעם זינגט זי מיט אַזאַ איינגעהאַלטענעם ווייטיק און צער, אין איר אָדע צו דער לבנה אַזוי:

פּאַיאַצישער לבנה־קרייד —
צורה פון אַ מענטשן־טרער.
קוק אין פאָדערגרונט פון צייט,
זי שלייפט פאַר אונדז אַ ניי געווער.

זי איז אַזוי אַרום שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם גורל פון אונדזער באַלדיקער צוקונפט, כאָטש זי וויטיקט גלייכצייטיק איבער דעם וואָס עס איז מיט אונדז געשען. זי ווייסט צו דערציילן וועגן דעם, אַז —

אַ נייער משחית וואַקסט שוין אויסעט
צו פאַרוויסטן און צעשטערן — —

און זי זעט שוין אַפילו פאַרויס, מיט נישט ווינציקן גרויל — — אַז די שויס פון דער ...ערד וועט אויף אייביק אַן עקרה ווערן...

זי לאָזט זיך פונדעסטוועגן נישט באַהערשן און פאַרפירן פון אָט דער פינצטערער נבואה. זי זינגט גאָר, אין קעגנטייל — באַלד אויף, מיט אַ געזאַנג פון בטחון:

ס׳וועט ווידער זיין פרילינג,
מיין קינד!
— — — —
דער וואַלד
וועט זיך אָנטאָן אין קלאַנגען
ווי אין צווייט.
— — — —
ס׳וועט ווידער זיין פרילינג,
מיין קינד!

אין דעם באַשטייט דער נצחון פון איר העלזעערישקייט, איבער דעם חושך פון יאוש און פאַרצווייפלונג, וואָס מאַניפעסטירן זיך אין אַ צאָל זייער געראָטענע לידער, א. ב. „פון מיין גאָרטן״.

פון אייגן הויז

דער בוך „שטערן אויף מיין שויב“ פון רבקה קאָפּע, מיט אַ פיינער הילע און ראַנד־צייכענונג פון באַקאַנטן יידישן קינסטלער ב ע ן, שליסט זיך מיט אַ סעריע פיינע לידער, א. נ. „רעפריין“. די גרעסטע פון זיי זענען אָן יעדן צווייפל, די פרייפערזיקע, די לידער — „רעפריין“, „מיין שכנה“, „פּאַריזער מאָזאַיק“ און „ביים טייך טעק“.

כן ירבו!

ליד און מענטש

(לוי גאָלדבערג: „פּירות אויף מיין בוים")

איך בין שוין כמעט דערגאַנגען
צו דער שטופּע
פון אַן איבערבראָך.

(לוי גאָלדבערג)

דער גורל פון אומפאַרמיידלעכקייט מיידט קיינעם נישט אויס. פּאָעטן זענען דעריבער אויך נישט קיין אויסנאַם. אַז די עלטער דערנענטערט זיך צו זיי ווי די טויב צו נחס תיבה, לויכט אויף זייער מענטאַליטעט מיט אַ צעלויכטענעם בין־השמשות־ליכט, וואָס פאַלט ווי אַ צעלויכטענער פּראָזשעקטאָר אויף דעם עבר פון זייער לעבן, וואָס האָט נישט זעלטן אויף זיי אַ דורכאויס שעפערישע ווירקונג. עס טרעפט דעריבער אָפט, אַז די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונגען און אינטים־יחידישע איבערלעבונגען זייערע, קריגן ביי זיי אַ תיקון אין אַ רייפן עלטער, וואָס איז, ווי מיר דוכט — נישט זעלטן אַ ברכה און אַ געווינס פאַר זיי גופא, און אויך פאַר דער ליטעראַטור אין וועלכער זיי שפּילן אַ ראָלע, אין אַלע פאָרמען פון אויסדרוק, די פּאָעזיע אַריינגערעכנט.

לוי גאָלדבערגס לידער־בוך, — דער פערטער אין צאָל — א. נ. „פּירות אויף מיין בוים", איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, אויב איך מאַך נישט קיין טעות — אונטער דעם צייכן און אין כבוד פון זיין זעכציקיאָריקן יובל. כאָטש ביז היינט זענען מיר געוווינט אים צו באַטראַכטן ווי איינעם פון אונדזערע יונגערע דיכטערס — וואָס מאָנט אָן יעדן ספק אַ חשבון הנפש ביי דעם דיכטער.

אַזוי גיך ווי מיר באַמיען זיך איינצולעבן אין די לידער פון זיין בוך, וואַרפן זיך טאַקע אין די אויגן די מאָטיוון פון עלטער, אַ דאַנק דעם איבערבראָך וואָס ער האָט אין זיך דערשפּירט. וואָס פאַר׳סך־הכלען

זיך ביי אים אין אַ חשבון הנפש, וואָס איז ביי אים פאַרוואָרצלט אין אַ געוויסנהאַפטן איינשטעל, אויף דער פּאַן פון אַ זעלטענער און עכטער פּשטות, אין וועלכע עס פאַרנעמט דער אויבנאָן דער אויטאָביאָגראַפישער עלעמענט פון אַ באַשיידענעם פּאָעט, וואָס מאָלט זיך אַליין אין רעטראָספּעקט, אַ סך ערלעכער און בעסער, ווי זיינער אַ ביאָגראַף, אויב אַזעלכער וואָלט זיך געפונען — וואָלט עס געקאָנט טאָן.

לוי גאָלדבערגס בוך הויבט זיך אָן מיט אַ ציקל לידער, א. נ. „אין שאָטן פון נעכטן״, אין וועלכע די טאַטע־מאַטיוון דאָמינירן זיין מענטאַליטעט.

אַלע זיינע לידער אָטעמען מיט דער עכטקייט פון אַ פּשטות וואָס האָט זיך אים איבערגעגעבן פון זיין טאַטן דעם עניו, צוליב דעם פּשוטן פאַקט, וואָס —

אין מיינע טראָטן
בין איך אין אים געראָטן.

די אויטאָביאָגראַפישע לידער פון לוי גאָלדבערג זענען אַדורכגעריזלט מיט אַ דינעם פּאַטאָס, וואָס איז קאַפּאַבל אין דיר אַרויסצורופן אַן אמתע טרער, אויף דעם גורל פון דעם פּאָעט. זיין ליד א. נ. „פון דער היים״, למשל, זינגט זיך אַריין אין דיין געמיט מיט דעם טרויער פון אַ יתום וואָס געדענקט, אַז —

ווען איך בין אַ יתום געוואָרן
צו עלף יאָר, אָן דער מאַמעשער וואַך —
האָט מיין טאַטע געפירט מיך צו
אַ שניידער, זיך לערנען אַ פאַך.

אין אַ ליד פון ניין סטאַנזעס, געלינגט דאָ דעם דיכטער אונדז אָנצושטעקן מיט דער טראַגישער איבערלעבונג פון אַן עלף־יאָריקן יתום־יינגל, וואָס איז שוין דאַן געקומען צו דער מסקנה, אַז —

אַ שניידער וועל איך שוין נישט ווערן.
דער כאַמעט — צו שווער פאַר מיין יאַד.
האָט מיין טאַטע געקושט מיך אין שטערן,
און ווי אַ קינד צעוויינט זיך דערנאָך.

דער פּאָעט זינגט פון אַן אָרעם לעבן —

די אַלטע שטוב איז אָרעם. —

וואָס באַגלייט אים פון זיין פריסטער יוגנט אָן, ביז זיין איצטיקן עלטער. ער געפינט בלויז אַ טרייסט אין דעם, וואָס ...די פּאָליצעס זענען רייך מיט ספרים...

די שטעטל־מאָטיוון טויכן־אויף אין זיין זכרון און באַקומען ביי אים אַ תיקון אין גאָר גוטע לידער.

זיין פּאָעמע „דער ברונעם", איז געזנוג צו אילוסטרירן די צערפולע איבערלעבונג פון דעם פּאָעט, וואָס זינגט מיט שטילן טרויער:

איך ווייס נישט צי איז דאָרט דער ברונעם דאָ,
אין מיר איז ער דאָ, אויב דאָרטן נישטאָ.

אַזוי האָבן זיך אויפגעהיט אין זיין זכרון אַ סך שטעטל־מאָטיוון, וואָס גיבן צו זיינע אויטאָביאָגראַפישע לידער דעם צערפולן חן פון אַמאָל, אין דער פאַרשטענדלעכסטער שפּראַך פון אַ דיכטער פון פּשטות. אינטערעסאַנט איז זיין ליד „מיין טאַטע מאַמע". דער טאַטע —

אַ שבת יום טובדיקער תּנא, און אַ וואָכיקער לא יצלח.

די מאַמע — לויט דעם טאַטנס אייגענער אויפפאַסונג —

די טויב פון שלום בית אין זיינע דלת אמות אויפצוהאַלטן.

און די ליבשאַפט צווישן זיי — אַ צניעותדיקע, פאַרוויטיקט אין דעם עול פון זאָרג פאַר פּרנסה. דער דיכטער ווייסט אָבער אויך פון אַן אַנדערן סוד. דערציילט ער טאַקע דעם טראַגישן אמת, וואָס פּערלט זיך אַרויס פון זייער צניעותדיק לעבן:

און איך געדענק, ווי קענגן אירס אַ ווערטער־האָגל
געזאָגט האָט ער: אַז מיר זאָל זיין פאַר דיינס אַ מינדסטן נאָגל...

און כאָטש די לידער פון „איך שאָטן פון נעכטן" זענען דורכאויס אויטאָביאָגראַפישע, איז אין זיי פונדעסטוועגן אָפּט פאַרוואָרצלט אַ ניצוץ פון אַ רעיון, וואָס איז דורכויס סאָציאַל, כאַראַקטעריסטיש און גילטיק פאַר אַלעמען וואָס קוקט אויף דעם לעבן מיט אָפענע אויגן, ווייסט און געדענקט, אַז —

פון אייגן הויז

אין זון, און אין קינד, און אין קינדס אַ קינד,
איז דער טאַטע דאָ, מיט דעם הויז־געזינד.

ווי לוי גאָלדבערג פאַר׳סך־הכלט עס אין זיין משפּחה־ליד „ראָד פון אייבי־קייט״ (ז. 17). צוליב דעם זיין אויפזינג אין זיין ליד „מיר פעלט״:

אין בענקנדיקער דערמאָנונג, אוי, ווי בין איך אָרעם.
מיר פעלט דער מאַמעס טייטש־חומש, דעם טאַטנס ספרים.

ווי כאַראַקטעריסטיש עס איז די בענקשאַפט פון אַ יידישן דיכטער! נישט נאָך מאַטעריעלע גיטער בענקט אַ דיכטער ביי יידן, נאָר — נאָך דער מאַמעס טייטש־חומש און דעם טאַטנס ספרים.

אונדזער ליבשאַפט צו יידיש־לשון ווערט ביי אונדז אָפט פאַרשונ־דעוועט, אויב נישט אינגאַנצן פאַרשוועכט — אין דעם גרויסן כמות פון לידער, ביי אַ צאָל פּאָעטן אונדזערע. לוי גאָלדבערג האָט מיך דעריבער אָנגענעם איבעראַשט, מיט איין תוכיק און פיין ליד, א. נ. „מיט אַ טאַרבע אויף די פּלייצעס״, אין שייכות מיט אונדזער לשון. אין אַ ליד פון דריי סטנאָזעס ברענגט ער צימצומדיק אַרויס זיין צער, ליבשאַפט און פאַרערונג פון אונדזער פאָלקס־לשון. זיין באַגער איז: אַרויסגיין מיט אַ טאַרבע אויף דער פּלייצע און אויפקלייבן די ברעקלעך פון זיין יידיש לשון, וואָס ווערן אַרויסגעוואָרפן אויף אַן אומזיניקן אופן. דער דיכטער פאַרענדיקט דאָס געראָטענע ליד זיינס אַזוי:

ווי שיימעס קלייב איך מיט אַ ציטער אויף פון זייער שוועל די ווערטער
און צו זיי אויף אַ פּערל־שנור אַרוף יחוסדיק אויפן האַלדז צו טראָגן,
אַז קענען זאָלן זיי מיט תפילה פון זייער שחרית, מנחה, מעריב,
צו גאָט, פאַר אַ קיומדיק יידיש לעבן, פרום דעם אמן זאָגן.

דער שאַבלאָן פון אונדזערע קלאָג־מאָטערס איז צו גאָלדבערגס שבח, דאָ אינגאַנצן נישט בנמצא. זיין ליבשאַפט צו יידיש קומט דאָ ביי אים אַרויס נאַטירלעך און עכט, געצוימט און ערלעך פאַרוויטיקט אין אַ לירישן אויסגוס.

אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן ווי לוי גאָלדבערג נעמט אויף די

עלטער. אוממיטלבאַר, קלוג און עכט, כמעט מיט אַ ברכה אויף די ליפּן, אין פּולן הסכם מיט זיין פּאַעטישן דעוויז:

אויף יעטוועדער שיינקייט זאָגסט: אמן!
זאָגט עס אויף שיינקייט פון עלטער.

צוליב דעם פאַלט אים נישט שווער דער גורל פון אומפאַרמיידלעכקייט, — די עלטער — וואָס ער באַזינגט אַזוי שיין אין זיין ציקל לידער, א. נ. „וואָלקנס אונטער דער זון". ער פאַרכלינעט זיך ממש ביים זינגען:

ס'איז אַ גרויסער גליק. אין אַנגעזיכט פון קינדס אַ קינד־
ווערט אָפּגעטעמפּט צייטס הויכער זייגער־שלאָג.
מיט ליבער פרוי וואָס גורל־גליק דעם זעלבן טראָגט,
גייסט אויף אַ בריק צו יוגנט, און עלטער־טראָט פאַרשווינדט.

זיין אילוזיע וועגן דעם, אַז „דער עלטער־טראָט פאַרשווינדט", שטערט אים פונדעסטוועגן נישט צו באַזינגען דעם אומפאַרמיידלעכן טויט, וואָס פיגורירט אין אַ סך צערפּולע לידער זיינע, וואָס מיידט אפילו נישט אויס זיין כתב־יד, וואָס —

איצט קומסטו ווי אַ מענטש וואָס איז אין גרויער זאָרג פאַרקומערט
און ער פרעגט:
צי אומערסטו וואָס מיט מיר צוזאַמען ווערסטו דאַרפן שטאַרבן?

אין די לידער זיינע א. נ. „ליד, לאַנטערנע מיינע" קומט צום אויס־דרוק דעם דיכטערס ערפּורכט פאַר גאָט, פאַרערונג פון ליד און פון מענטש אין באמת שיינע לידער, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דיכטערס תמימות, צניעות און פשטות, צוליב דעם —

ווייל אַלץ איז גאָטס גאָב —
געבעטלט פון אים.
מיין אָרעמער האָב
איז נעסט, פון זיין שטים.

אין וואָס עס באַשטעטיקט זיך, אַז דער מענטש איז געבוירן אין דעם געשטאַלט פון גאָט...

פון אייגן הויז

מיט דעם כוח פון זיין ליד, וואָס ער פאַרבילדלעכט און פאַרקליידט אין דער רעאַליטעט פון זיין תמימותדיק לעבן, שלאָגט ער אָן דעם טאָן פון אָן עכטקייט, וואָס רירט מיט דער נישט־אויסגעטראַכטקייט פון זיין אָרעמקייט, וואָס פעולט ממש מיט דעם פאַטאָס פון עשירות אין זיין אָרעמקייט, וואָס —

מיט אַ קלומיקל לידער
ווי אַ בעטלער גייז,
גיי איך אַ מידער
אָרעם געקליידט...

און זיין פאַרמעגן באַשטייט אויסשליסלעך פון —

אַ ליד פאַר אַ קישן;
אַ ליד פאַר אַ ברויט;
אַ ליד צו פאַרזיסן
אַ מענטש אין זיין נויט.

דער מענטש אין דעם מענטשן באַומרויקט אים אויף אַזוי פיל, אַז ער שענקט אים אַוועק דאָס סאַמע טייערסטע פון זיין פאַרמעג — זיין ליד, צו פאַרזיסן אים זיין נויט.

זיין פיין פילנדיק האַרץ געפינט אַזוי אַ תיקון אין דעם לירישן אויפזינג פון זיין באַליבטן חוט המשולש: גאָט, ליד, און מענטש, אין די דערמאָנטע לידער זיינע א. נ. „ליד, לאַנטערנע מיינע".

אין דעם עקסטאַז פון זיין זינגען פון־און־צו גאָט, ציטערט ער און ער פלאַטערט מיט דער הכנעה און תפילהדיקייט פון עכטער רעליגיעזיטעט:

ווייל נידעריקער פון גראָז און אָרעמער פון אַ נול
בין איך פאַר דיר, מיין האַר, אין דיין באַהעלטעניש.

און די תפילה זיינע איז:

גאָט, לאָז מיך אַליין, ווי אַ פויגל אין געפאַנג,
כדי שפעטער צו קענען מיט די פליגלען זיך צעשפרייטן

און אָנצוזאָגן, ווי אַ רעגנבויגן, דער נייער וועלט אַנטקעגן,
אַז געזאַנג גייט אויף, ווי זאַנגען נאָך אַ רעגן.

געזאַנג פון באַפרייונג, דערלייזונג — געזאַנג פון גאולה.

זיין ליד „לאַנטערנע מיינע״, דינט אים בפירוש ווי אַ שם המפורש אויף אַרויסצוליכטיקן דעם זין פון ליד אין אַלגעמיין. לוי גאָלדבערג גלויבט באמונה שלימה, אַז דער ...מענטש האָט אַ ליד באַדאַרפט... זינגט ער וועגן דעם אַזוי:

פאַרחידושט פון זיין שאַפונגס־וווּנדער
האָט ער (**דער פּאָעט — י. ב.**) געזאָגט צום ליד: איצט קום
און ברענג אין גאַרער וועלט, אין רונדער,
געזאַנג פון טרייסט, די נויט צו מאַכן שטום.

ס'איז אַ ווונדערלעכע און הומאַניטאַרע אויפגאַבע, דער דיכטער נעמט אויף זיך: געזאַנג פון טרייסט, די נויט צו מאַכן שטום!

גייט ער, דער פּאָעט, אַזוי אַרום איבער דער וועלט, מיט זיין ...ליד, לאַנטערנע מיינע... אין דער האַנט, און ער ווערט נישט מיד

צו זינגען פאַרן מענטש דעם ניגון, וואָס זיין האַרץ דערקוויקט.

אַזוי אַרום, דערהויבט ער דעם מענטש צו דעם זינלעכסטן סינטעז פון גאָט און ליד.

אין זיין באַגייסטערונג פאַר דעם ליד אין אַלגעמיין, דערגרייכט אונדזער דיכטער זייער אַ סך. די מעלה זיינע אין די לידער וועגן ליד איז, וואָס זיין אייגן ליד פאַראַט אים נישט, און פאַלט צוזאַמען מיט זיין אייגענער אינטערפּרעטאַציע פון ליד און זיין אייגענער דיכטונג. צוליב דעם גלויב איך אים ווען ער זינגט:

צו זאָגן קנאַפּ, און מיינען מערער.
אין פּשוטקייט, צו זיין פאַרשטעלטער.
דערגרייכסטו דאָס, אין מי אין שווערער,
ווערט דיין געזאַנג אַ ליכט צעהעלטער.

און זיין ליד „דיכטערישע לאַבאָראַטאָריע״, באַשטעטיקט עס אַמבעסטן.

לוי גאָלדבערגס חשבון הנפש, אין דעם אָנגעזיכט פון אומפאַר־

מיידלעכקייט, פאַר׳סך־הכלט זיך אין דער סאַמע לעצטער סעריע לידער פון זיין בוך, א. נ. „אויג אויף אויג״.

אין לידער געשריבענע אויף אַלגעמיינע טעמעס, אין וועלכע זיין גרויסמענטשלעכקייט ווערט אַרויסגעהויבן איבער דער גרויקייט פון אונדזער וואָכעדיק לעבן.

מיט דאַנק און מיט תפילהדיקער הכנעה רעדט ער זיך דורך מיט דעם באַשעפער, צו וועמען ער איבערענטפערט זיך, ווי אַן אמתער עניו, אין זיין טרעפלעכן ליד, א. נ. „מיט גאָט אין זינען״ טיילווייז אַזוי:

דאַנק איך דיר! כ׳האָב אַלץ גענומען
פון דיין הויך, אין טיפן נידער —

און ווי אַ שטאָלצער מענטש פאַרענדיקט ער אַזוי:

כ׳וועל אָן חובות צו דיר קומען,
פון דעם טאַליקן האַרמידער.

אויף וואָס נישט אַ סך פון אונדז קאָנען און מעגן פרעטענדירן.

ער איז פונדעסטוועגן באַזאָרגט און באַומרויקט וועגן דעם גורל פון זיין ליד אויף יידיש־קודש, און ער פרעגט:

...האָב איך פאַר דעם ווינט געשריבן?
פאַר דעם היישעריק געזייט זיי?

און דער כאַראַקטעריסטישער ענטפער זיינער איז:

ניין! — הער איך אַ שטימע שאַלן! —
גאָב פון גאָט ווערט נישט פאַפאַלן!

וואָס באַרעכטיקט זיך אין אַ גרויסער מאָס אין דעם לידער־בוך „פירות אויף מיין בוים״ פון לוי גאָלדבערג, אין זיין גאַנג צו גאָט, ליד און מענטש.

אַ פּאָעט איז ער, אָריגינעל — נישט

(זעליג דאָרפמאַן: „ליכט אויפן דאָרן״)

די דיכטונג וואָס נויטיקט זיך אין אַ מליץ יושר, די דיכטונג וואָס איז אומפאַרשטענדלעך — רעדוצירט זיך גופא צו דיכטונג אין ציטיר־צייכנס.

לידער וואָס בלענדן נישט מיט דעם רייץ און יערונג פון געדאַנק, זעונג אין בילד, אין דעם אויסלייג פון אַן עמאָציאָנעלן אויפברויז אין דער מענטאַליטעט פון אַ מיטשעפּערישן לייענער, זענען אַלץ וואָס די ווילסט נאָר אַליין: געגראַמטע צי נישט־געגראַמטע „פּערזן״ — נאָר נישט דער עקסטראַקט פון איידעלער זעונג, די וויזיע פון אַ פּאָעט, וואָס באַדאַרף זיין מסוגל צו פאַרוואַנדלען דעם אָפּקלייב פון ווערטער, אין דעם ריטמישן אויפזינג פון שפּראַך אין לידער.

די דיכטונג וואָס איז עכט, רעדט פאַר זיך אַליין. זי נוטיקט זיך אַבסאָלוט נישט אין דער פירשפּרעכונג פון אַ צווייטן וואָרט־קנסטלער — אַ קריטיקער.

די דיכטונג וואָס איז עכט, פּאָרט זיך אָבער אויך נישט זעלטן ביי איין און דעם זעלבן פּאָעט מיט דער אומעכטקייט פון דיכטונג, וואָס שטאַרצט ווי אַ דאָרן און פּירט איבער דעם איינדרוק פון זיינע בעסערע לידער.

אין אַזאַ פאַל, איז דער איינשטעל פון אַ קריטיקער לטובת אַזאַ פּאָעט, אין דער בחינה פון אַ פאַלש־מינצער, וואָס רופט צו זיך אַרויס אַ ווידערווילן אויף אַ צווייפאַכן אופן: ער פאַרשונדעוועט זיין אייגענע טעמאַטיק און ער פאַרגוואַלדיקט דעם איינדרוק פון דעם דיכטערס בעסערע און עכטערע לידער.

פאַר יעדן דערפאַרענעם און מיטשעפּערישן לייענער פון היינט־צייטיקער פּאָעזיע איז דעריבער קלאָר, אַז אויב אַ דיכטער קאָן נישט שטיין אויף זיינע אייגענע פיס און פאַרכאַפּן דעם לייענער מיט דער

עכטקייט פון זיין ליד, שפּראַך, סטיל, בילד און וויזיע — מעג אַפילו דער בעסטער קריטיקער אים צושרייבן די אייגנשאַפט פון זיין אַן אָריגי־נעלער פּאָעט, אין דעם אויסלייג פון די שענסטע אַדיעקטיוון, וועט דער לעצטער נישט פאַרדעקן די שוואַכקייט, באַנאַליטעט און די אומעכטקייט פון יענעמס אַ ליד, וואָס איז אין בעסטן פאַל אַ „ליד" אין ציטיר־צייכנס.

ווי אַן אילוסטראַציע צו מיין היפּאָטעזע, וועל איך דאָ ציטירן דעם אָנהויב פון דעם „ליד" א. נ. „מיכל מיטן איכל" פון דעם לידער־בוך „ליכט אויפן דאָרן", פון זעליג דאָרפמאַן, וואָס לייענט זיך אַזוי:

איער, צוקער, מעל.
איכ׳ל מיר באַקן אַ קיכל — איכ׳ל.

וואָר פאַר אַן אייגנשאַפטן דו זאָלסט נישט צושרייבן און אַריינ־טייטשן אין אָט דעם „ליד" אין ציטיר־צייכנס: סאַרקאַזם, סאַטירע און איראָניע אַריינגערעכנט — וועט עס נאָך אַלץ נישט אָוועקגיין ווייטער פון דער גאָרער באַנאַליטעט אין אָפּגעריבענע גראַמען, וואָס זאָגן דיר אַבסאָלוט גאָרנישט.

די איראָניע דערפון איז, וואָס אונדזערער אַ פּאָפּולערער טאַלאַנט־פולער, גלייכצייטיק אָבער צעבאַלעוועטער, אַפילו פאַרשונדעוועטער פּאָעט־און־קריטיקער, האָט פונדעסטוועגן געהאַט דעם טרויעריקן מוט צו פּראָקלאַמירן און רעקלאַמירן דעם פּאָעט זעליג דאָרפמאַן, פאַר אַן אָריגינעלן דיכטער.

אַ דיכטער איז ער טאַקע יאָ, אָריגינעל אָבער — ליידער נישט.

און נישט אָריגינעל איז ער דערפאַר, ווייל ער טיילט זיך נישט אויס אַפילו מיט קיין שמץ פון נייקייט, וואָס אַן אָריגינעלער דיכטער מוז מיט זיך ברענגען אין דעם אויפזינג פון זיין ליד. זעליג דאָרפמאַן איז עס נישט, נישט אין פאָרם און אויך נישט אין אינהאַלט.

די מעלה פון ביכער וואָס זענען קליין אין כמות, וואָלטן זיך לאָגישער־ווייז באַדאַרפט באַלאַנסירן צו ד ע ר גרויסקייט אין איכות.

ווען אַ לידער־בוך וואָס איז קליין אין כמות איז אָבער פּאַראַלעל אויך קליין אין איכות, שטעלט עס אַוועק דעם דיכטער אין זייער אַ טרויע־ריקער, אויב נישט צווייפלהאַפטער לאַגע. דאָ העלפט אַפילו נישט דער

אומעכטער און נישט גערעכטער איינשטעל פון אַ קריטיקער מיט אַ גוטן נאָמען, זיינעם אַ מיטצייטלער — וואָס באַמיט זיך צו פאַרבייטן פסעוודאָ־דיכטונג אויף דיכטונג.

„ליכט אויפן דאָרן״ פון זעליג דאָרפמאַן איז פונדעסטוועגן יאָ אַ געראָטענער בוך לידער אין דעם זין, וואָס די היינטצייטיקייט פון זיין טעמאַטיק, וואָרפט אַ שאַרף ליכט אויף די טראַגישע איבערלעבונגען פון אונדזער דור. פון אַזאַ כאַראַקטער און אינהאַלט איז זיין ליד „ביים ברעג פון די טעג״, אין וועלכן ער זינגט:

איצט בין איך דער שטויב פון ווינט פאַריאָגט.
פון אַלע וווּנדן בין איך בלויז פאַרבליבן.
איצט בין איך דער נביא וואָס האָט אין אַש געקלאָגט,
נאָר זיין וואָרט איז אין ערגעץ ניט פאַרשריבן.

אין דעם זאָג ...זיין וואָרט איז אין ערגעץ נישט פאַרשריבן... פלאַקערט אויף די טראַגיק פון אונדזער פאַרשוועכטן לעבן, אין דעם אויפזינג פון אַ דיכטער, וואָס כאָטש ער איז נישט קיין אָריגינעלער דיכטער ווי זיין חבר־קריטיקער וויל אונדז איינרעדן — אָטעמט אָבער זיין ליד מיט קלאָרקייט וואָס גיט זיך דיר איבער, אוממיטלבאַר.

אין דער גאַנצקייט פון אָט דעם ליד איז פאַראַן אַ שלימות פון סטיל, וואָס האָט זיך אויסגערונדיקט אין דעם ס״ה פון צוועלף פערזן, וואָס אָטעמען מיט דער עכטקייט פון אַן איבערלעבונג, אין דער טראַגיק פון דעם, וואָס ...די זון האָט פאַרברענט מיין פאַרמעג... און וואָס ...גאָט האָט זיך אין מיר נישט דערקענט...

פון אַן ענלעכן כאַראַקטער, אין זין פון פאַרנעם אין דיכטערישער יצירה, איז דאָס ליד „מה טובו״, וואָס אָטעמט מיט יידישן בטחון, אויף אַ הינטערגרונט פון ליידן און זאָגט בפירוש אַן:

מירן ווידער זייען און ווידער האָפן.
אין שאָטן פון באַרג די נעסטן בויען.
נאָך אַלע גזירותדיקע שטראָפן
אין זיין רשות זיך אָנפאַרטרויען.

פון אייגן הויז

מירן געבערן זין און געבערן טעכטער,
עס וועט נאָך זומערן אויף אונדזער פעלד.
זיין שאָף וועט ווידער איינזאַמלען דער וועכטער.
מה טובו, ווי גוט איז יעקב דיין געצעלט.

דער דראַנג ...אין זיין רשות זיך אָנפּאַרטרויען... איז דאָ נישט קיין רוף אויף צוריק, נאָר דער וויטיקלעכער אויסדרוק פון דער באַנייונג פון אונדזער גלויבן און בטחון אין נצח ישראל.

צוליב דעם, וואָס זעליג דאָרפמאַן איז נישט קיין פּראָדוקטיווער דיכטער, איז ער אין אַ געוויסן זין אַריבערגעשטיגן זיין קריטיקער, וואָס האָט אים דערקלערט פאַר אַן אָריגינעלן דיכטער אין אונדזער ליטעראַטור — דערמיט, וואָס זיינע לידער זענען קליין אין צאָל און נישט זעלטן מער קאָנצענטרירט פון יענעמס לידער, וואָס גרויסט זיך אַוודאי מיט דער פילצאָליקייט פון זיינע לידער און ביכער.

און כאָטש זעליג דאָרפמאַן דריקט זיך אויס אין זיין „געזאַנג צו שיינקייט", אַז —

איך זינג אַ גאַנצן טאָג —

איז עס בפירוש אַ גוזמא, אין דעם ליכט פון זיין באַשיידענעם בוך לידער, אויף וועלכן ער האָט אונדז געלאָזט וואַרטן צוועלף לאַנגע יאָר. דערפאַר אָבער גלויבן מיר אים יאָ, ווען ער זינגט אין זעלבן ליד:

פון אַלע דערגרייכונגען זאָל בלייבן אַן אָרט,
אַן אָרט פריי מיט די פליגלען צו שוועבן.
דעם דיכטערס האַרץ זאָל זיך צאַפּלען אין וואָרט
און מיט טרוימען באַזוימען דאָס פּשוטע לעבן.

זיין פריערדיק ליד „מה טובו" און אַ סך אַנדערע לידער זיינע, באַשטעטיקן, דוכט מיר, אַז זיין דיכטער־האַרץ צאַפּלט אין זיין וואָרט און ער באַמיט זיך טיילווייז יאָ ...מיט טרוימען באַזוימען דאָס פּשוטע לעבן...

אין דעם ליגט זיין דערגרייכונג:

באַשיידן — אין פאָרנעם. טיילווייז אָבער וואָגיק אין אינהאַלט.

זעליג דאָרפמאַן איז אַן יעדן ספק אַ ליריקער. אַזוי ווי אָבער ער איז נישט קיין פּראָדוקטיווער דיכטער און אַן יעדן ספק, ווייט דערפון וואָס זיין קריטיקער וויל אים און אונדז איינרעדן אַז ער איז: אַן אָריגי־נעלער פּאָעט — האָט זיך זיין פּאָעזיע פאַר׳סך־הכלט צו פרומע ווונטשן, ווי עס באַקומט זיך אין זיין ליד „טרויער זינג אין מיר״:

זינג דאָס ליד פון אַלע געזאַנגען.
זינג דעם אָנהייב — דעם ערשטן געשריי.
זינג דעם צאַפּל פון לעצטן פאַרגיי.

מיט מיין גאַנצן דרך ארץ פאַר זעליג דאָרפמאַן און זיין ליד, מוז איך דאָ זאָגן, אַז איך האָב ליידער נישט געפונען ...דאָס ליד פון אַלע געזאנגען.... ...דעם אָנהייב — דאָס ערשטע געשריי... און אויך נישט דעם ...צאַפּל פון לעצטן פאַרגיי... אין זיינע לידער.

זיין אויפזינג צו „די דייטשן־דיכטער״ איז אַדורכגעזעלט מיט יידישן צער און ווייטיק. זיין קללה — אַ געצוימטע. דערביי איז זי פאַרזייט מיט אַ כאַראַקטעריסטיש יידישער ברכה, וואָס פאַרענדיקט זיך אַזוי:

שווייגט טויזנט יאָר
און מער.
און זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען אויף אייך,
נאָכער.

דער באַנאַלער „נאָכער״ איז דאָ דווקא זייער גוט צוגעפּאַסט צו די די דייטשן־דיכטער, וועמען אונדזער דיכטער פאַרמשפּט צו טויזנט יאָר שווייגן און מער.

אין לעצטן ס״ה ווילט זיך באַטאָנען, אַז אָפּגעזען דערפון וואָס זעליג דאָרפמאַן איז נישט קיין אָריגינעלער דיכטער, האָט ער מיט זיין לידער־בוך „ליכט אויפן דאָרן״ זיך אַלץ איינס אַריינגערינגלט אין דער גאָלדענער קייט פון אונדזער קאָלירפולער פּאָעזיע, ווי אַ פּאָעט וואָס יאָגט זיך נישט נאָך כמות אין דיכטונג נאָר שטעלט דער עיקרשט דעם טראָפּ אויף איכות — דער חוט השדרה פון דיכטונג וואָס איז עכט.

חלום־יידיש אין ליד אויף יידיש

מאַטעס דייטש: „צום נאָענטסטן שטערן יידיש״)

ביים לייענען און אָפּשאַצן היינטצייטיקע ווערטן פון עכטער דיכטונג אויף יידיש לשון, איז כמעט ווי אָבליגאַטאָריש זיך צו רעכענען מיט דעם פאַקט, אַז אונדזער דיכטונג האָט זיך דערשלאָגן צו אַזעלכע וויט־גרייכנדיקע קינסטלערישע הויכן, שפּראַכלעכן אויפשטייג און מוסטער־האַפטע פאָרמען, אַז צו אירע אייגנשאַפטן וואָס פּאָעזיע בכלל איז אין זיך כולל, מעגן מיר ביי איר אויך מאָנען, אַ צוואייגענען צו זיך דעם אויסשליסלעכן עודף פון אַ יידישן הינטערגרונט, אַפילו — טעמאַטיק, ווי אַ צוגאָב צו דעם אוניווערסאַלן און הומאַניסטישן כאַראַקטער פון אונדזער פּאָעזיע אין אַלגעמיין.

די יידישע פּאָעזיע פון אונדזערע טעג איז אויף אַזוי פיל קאָלירפול און רייך, אַז אָפּגעזען דערפון, וואָס ...דאָס פּנים פונעם לייענער, ווי מאַטעס דייטש דריקט זיך אויס אין זיין „פּאָרויסוואָרט״ אין זיין לידער־בוך: „צום נאָענטסטן שטערן יידיש״ — וואָס די פּאָעזיע נייטיקט זיך אין אים זייער שטאַרק, איז מיר פרעמד ווי דאָס פּנים פון גאָט... — קאָן זי פונדעסטוועגן מער נישט פאַרטראָגן קיין סתם גראַמעריי, צי אַפילו ווייס־פערזיקן שעטנז. צוליב דעם זענען אונדזערע פּאָדערונגען צו איר אויסגעשפּראָכענע, און מיר דערוואַרטן פון יעדן דיכטער מיט טאַלאַנט, צו זיין עכט אין דעם אויספיר פון זיין טעמאַטיק און טאָקע נישט זיין גלייכגילטיק צו אונדזער יידישער לאַנדשאַפט און אויסגעשפּראָכענעם דראַנג צו פאַרפּנימען אונדזערע נויטן און זיך באַמיען אויפצוהיטן אין דעם זיכרון פון אונדזער ליטעראַטור, כאָטש טיילווייז, די שפּורן פון אונדזער פאַרשוועכטן לעבן, וואָס אונדזער דור האָט נאָך געהאַט די זכיה ערשט צו האָבן געוועזן צו אים אַליין פאַרשותפט, אַפילו געניסן פון אונדזער באַלד פאַרשווונדענעם שטייגער און טראַדיציע.

די טעמאַטיק פון „פּאָעטישע געשטאַלטן", דער ערשטער ציקל לידער פון בוך „צום נאָענטסטן שטערן יידיש" פון מאַטעס דייטש, איז פאַר מיר דערפרייענדיק אין דעם זין, וואָס זי פאַלט צענויף מיט דער טעזע, אַז פאַר אַ היינטצייטיקן יידישן פּאָעט איז אָבליגאַטאָריש אויף אַזוי פיל צו פאַרזינגען זיין דיכטונג מיט יידישער טעמאַטיק, אַז זי זאָל זיך איינפאַך אויסטיילן און זיין אָנזעעוודיק מיט איר יידישן קלימאַט, פיל פנימדיקייט פון אונדזער איצט און אויך באַלד פאַרגעסענעם עבר.

וואַרפט זיך טאַקע אין די אויגן דאָס געשטאַלט פון ר' לוי יצחק, וואָס —

מיט דיר וויל איך זיך אויס אויסטענהן
פאַר דיין אויסדערוויילטן פאָלק ישראל — — — —

שרה בת טובים, ועמענס —

...איין האַרציקע תחינה פליסטערט פול מיט פאָלקס־געבעט — — — —

דניאל —

מיטן יידישן חלום אָקעגן יעדער טראַף — —

ברוך שפינאָזע, וואָס איז

...בשלום אַוועק
אַוו דער ריינער, קאַלטער שכל הויערט.

פּרץ, אין זיין

עלנט און אַליין, נישט אַרומגערינגלט פון פוילישע יידן — — —

און אַ צאָל אַנדערע יידישע פּערזענלעכקייטן, אויך אַ היפּשע צאָל אַלוועלטלעכע, וואָס פריער פון אַלץ אונטערשטרייכן זיי די היימישקייט פון דעם פּאָעט מאַטעס דייטש, מיט גאָר אַ סך היסטאָרישע פיגורן אונדזערע, וואָס דינען אים פון צייט צו צייט ווי אַ הינטערגרונט און שליסל צו אונדזער פיינפול אָבער קאָלירפול יידיש לעבן אין אַלגעמיין, און דינען אים דער עיקרשט ווי אַ סטימול צו זיין דיכטערישער עבודה, וואָס איז שוין צוליב דעם אַליין וויכטיק אין איר פאַרנעם און אָפּט אוין' וואָגיק אין איר פאַרמירונג און אויספיר, ווי אַן עודף צו דעם אויפזינג זיינעם אויף אוניווערסאַלע טעמעס.

די דיכטונג וואָס איז עכט, איז תמיד אַקטועל אין דעם אָפּקלייב פון אירע ווערטן. צוליב דעם, דוכט מיר — ווייסט זי נישט פון קיין אַלט־צי ניי־זיין, אין דעם זין פון אויסדרוק אין פאָרמען. ביי אַן עכטן דיכטער איז צוליב דעם די קלאַסישע פאָרם פון אויסדרוק, קיינמאָל נישט אין ווידערשפרוך, צו דעם היינטצייטיקן פרייען פערז. אַ דיכטערישע פערזענלעכקייט קאָן דעריבער צוגעגליכן ווערן צו דער זון, וואָס געפינט אַלעמאָל אַ דורכגאַנג און וועג צו באַלייכטן די וועלט, אין אַלע סעזאָנען פון יאָר. דערמיט מיין איך צו זאָגן, אַז אַ דיכטער מוז דווקא נישט זיין מאָדערן אין זיינע לידער, לויט די אָנגענומענע באַגריפן פון זיין צייט און זיין דור. ער באַדאַרף, מוז זיין און איז דיכטער, אין יעדער פאָרם זיינער פון אויסדרוק. צוליב דעם איז אייגנטלעך נישט נויטיק צו דעפינירן וואָס אַזוינס עס מיינט מאָדערניזם, אויף וועלכן איך וועל אַלצאיינס שפּעטער אָנווינקען — אין דיכטונג. דיכטונג, ווי געזאָגט, — אויב קינסטלעריש און עכט אין איר אויסדרוק — איז קיינמאָל נישט אַלט און אַלעמאָל — ניי.

דאָס ביסל טעמפּעראַמענט וואָס האַלט זיך אויף אין אַ טייל לידער פון מאַטעס דייטש, איז פונדעסטוועגן ווייט נישט גענוג, אים אויס־צוטיילן ווי אַ דיכטערישע פערזענלעכקייט מיט אויגן אין קאָפּ, וואָס באַדאַרפן זיין מסוגל פון זיך אַרויסצובליצן די קלאָרסטע זעונגען פון אַ פּאָעט, וואָס מוז זיין קאַפּאַבל זיך צו פאַרטיפן אין די פּראָבלעמען פון זיין צייט, און אויך קאָנען אַריבערשפּרייזן דורות און תקופות; דערנענטערן דעם פריידיקן צי צערפולן עבר, צו דעם געזאַנג פון אונדזערע טעג, און אויך קאָנען מבשר זיין, פאָרויסגיין — דעם אויפזינג פון אַלץ נאָך פאַרהוילענעם מאָרגן.

אָט די אייגנשאַפטן פון אַ דיכטערישע פערזענלעכקייט, פעלן אים אינגאַנצן. צליב דעם איז ז י י ן דיכטונג, דורכויס מיטלמעסיק. זי לאָקט נישט אַפילו, מיט זיין איבערטריבענער ליבשאַפט צום נאָענטסטן שטערן יידיש...

דער דיכטער וואָס לאָזט זיך פירן בלינד פון זיין טעמאַטיק און נישט פאַרקערט, און מאַטעס דייטש לאָזט זיך פירן פון זיין טעמאַטיק

וואָס באַהערשט אים, אָנשטאָט ער זאָל איר באַהערשן — אַנדערש וואָלט דאָך דער כמות פון זיינע לידער נישט אַריבערגעוואויגן דעם איכות זייערן, אַזאַ דיכטער פעלט ספקות — אַ קריטישע באַציונג צו זיך און זיין ליד. צוליב דעם זענען די לידער זיינע שטאַרק פאַרוואָסערט, גלאַנצן מיט דעם פאַלשמינץ פון פוסטער רעטאָריק, דערצו נאָך איז דעם לבוש פון נישט זעלטן אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

אַזאַ פּאָעט איז מאַטעס דייטש.

עס פעלט אים דעריבער דער חותם און אייגנאַרט פון אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט, וואָס באַדאַרף און מוז קענען באַהערשן די טעמאַטיק פון זיין ליד, אום צו קענען עס דערהויבן און דערפירן צו שלימות אין פאָרם און אין אינהאַלט, אָן די שמד־שטיק פון פאַלשע אילוזיעס.

זיין באַגייסטערונג פאַר זיין טעמאַטיק האָט אָפט אַ שעדלעכע ווירקונג אויף זיין לעקסיק, וואָס כאַטש זי קוועלט ביי אים צומאָל אויף מיט אַן אומגעריכטן גראַם, אַסאָנאַנס, אַפילו א ניי וואָרט — קומט עס ביי אים אַרויס אַזוי האַמעטנע־מטושטש, אַז עס רופט צו זיך אַרויס אַ ווידערווילן.

דאָס וואָס עס געלינגט אים אָבער יאָ אין אַזעלכע פּאָעמעס, ווי „ארץ רויזענבלאַט", „משה חיים לוצאַטו", „פּרץ", צי „זישאַ לאַנדוי", גיט זיך אים לידער נישט איין אין אַזאַ באַריידעוודיק צעשוווּמענער, מאמריסטישער פּאָעמע, ווי „משה זעט דאָס לאַנד", ווו דער געיעג נאָך גראַמען פירט אים פשוט אַרונטער פון דעם דרך המלך פון וואָרער דיכטונג. דערפאַר איז ער אָבער פּאָעטיש רירעוודיק אין זיין פּאָעמע „ווען יאָסעלע ראָזענבלאַט זינגט", וואָס פיבערט מיט יידישן פּאַטאָס צו אַזאַ גראַד, אַז

אַ שטיק הימל פאַלט פלוצלינג אַריין אין הויז
און ליגט צו צום שפּילקעסטל אַ גריילעכן אויער:
איין קלייניקייט, סע זינגט דאָך יאָסעלע ראָזענבלאַט...

די באַליבטסטע טעמע ביי מאַטעס דייטש איז אָן יעדן ספק, אונדזער יידיש לשון. אויף דעם זאָגט עדות זיין פריערדיק נישט געראָטן בוך

„מאַנדלברויט יידיש״ און דער נאָמען פון זיין איצטיק בוך, וואָס דעמאָנסטרירט עס אויפסנײ אויף דעם קלאָרסטן אופן.

מיין איינדרוק אָבער איז, אַז דווקא דאָ שטרויכלט ער. דער רוח הקודש פון עכטער דיכטונג, ווערט דאָ ביי אים אַרויסגעשטויסן פון אַ פּראָזע, וואָס הגם זי איז געשריבן אין קורצע שורות, פעלט זיי אָבער אָפּט דער צימצום, וואָג און גלייכגעוויכט פון פּאָעזיע, וואָס איז דער חוט השדרה פון אמתער דיכטונג, וואָס מוז פאַרכאַפּן מיט דעם אויפ־לויכט פון וויזיעס, אין אַ ריטם וואָס אַקצענטירט זיך אין אויסגע־האַמערטע פערזן.

זיין „שבט יידיש״, כאָטש מערסטנטיילס געשריבן אין היפש פאַר־ווערטערטע און פילצאָליקע פערזן, איז, דוכט מיר, אַ דירעקטער המשך פון זיין בוך „מאַנדלברויט יידיש״, אין וועלכן דער עפּיגראַם אין פערזן, דער אַפאָריזם — אין ברייטע פּראָזע־שורות, פאַרנעמען דעם אויבנאָן, אין וועלכן דער פּאָעט האָט אַגב זעלטן אָנגעשלאָגן אַ דורכויס פּאָעטישן טאָן, וואָס זאָל זיין פאַרוויקלט אין דורכויס דיכטערישע וויזיעס אין אויסגעהאַמערטע פערזן, וואָס זאָלן זיך געדענקען.

ווי אַ דיכטער וואָס לידערט שוין אַ סך יאָרן, רייסן זיך אָבער אויך ביי אים אַרויס געלונגענע פערזן, ווי אין זיין פּאָעמע „יידישלאַנד״, וואָס וועקט מיט יידישן צער, גרויס התפעלות, פאַרערונג, גלויבן און בטחון אין אונדזער יידישלאַנד, ווי למשל —

אויף די שלאַכטן ביי דער וואָלגע,
אין וואַרשעווער געטאָ,
האָט דאָס לעבן פאַרגעסן אינעם טויט...

אַזאַ אויפזינג איז זיכער פאַרוואָרצלט אין דעם עקסטראַקט פון וואָרער דיכטונג, וואָס אָפּעריט מיט דער עשירות פון מחשבה, אָריגינעלע המצאות. דייטש זינגט ווייטער אַזוי:

אָט אויך אַזוי איז אונדזער יידיש שאַפן;
דאָס פיל גילגולדיקע פאָלקסוואָרט — יידישלאַנד.
סע האָט פאַרגעסן אַז סע גייט אונטער,

יחזקאל בראָנשטיין

און ס'איז אַרומגערינגלט מיט אונטערגאַנג
און האַלט דאָך אין איין שאַפן אַלץ נייע באַשאַפן,
פון וווּנדער איבער וווּנדער — אַן אייגענעם וווּנדער.

מיר דוכט, אַז ווען מאַטעס דייטש וואָלט זיך באַנוגנט מיט אָט דעם וווּנדער איבער וווּנדער — אַן אייגענעם וווּנדער, אים נישט אַזוי פיל וואַריאירט און עקספּלואַטירט; אים נישט פאַרוועטערט מיט אַזוי פיל רעטאָרישע זאָגעכצן, וואָלט זיין חסידישע באַציוּנג צו יידיש, אַרויס־געקומען אַ סך וואָגיקער און ווירקזאַמער. מאַטעס דייטשן וואָלט בימי ה. לייוויק, אברהם סוצקעווער און חיים גראַדע, געמעגט געדענקען אונדזער זיידע מענדעלעס אַ פאַרזאָג, אַז פון אַ קונסטווערק באַדאַרף מען אַרויס־קוועטשן דאָס וואַסער, איידער מ'גיט עס איבער אין רשות הרבים...

מאַטעס דייטש איז אין אַ געוויסן זין, אַ געדאַנקלעכער דיכטער. זינגט ער דאָך אין זיין ליד „מיין עשירות", וועגן דעם אַזוי:

איך בין דער ייד פון געדאַנק.

ער איז אָבער גלייכצייטיק אויך אַ צעכראַסטעטער און צעשוווּמענער פּאָעט.

זיין מחשבה נעמט צומאָל ביי אים די אויבערהאַנט איבער זיינע עמאָציעס.

אין דעם אויפבּרויז און צעשוווּמענקייט פון זיין געדאַנקען־עשירות, איז ביי אים אויך פאַראַן אַ ליידנשאַפטלעכע טענדענץ צו וועלן זיין אַנדערש. און כאָטש זיין שפּראַך איז נישט קיין אָרעמע, פאַרוואָרצלט אין אַ אידיאָמאַטישן יידיש, וואָס שפּרודלט אָפט מיט פאָלקישקייט און איז גלייכצייטיק אויך איבערגעזעטיקט מיט אַן עשירות פון העברעישע עלעמענטן, וואָס גיבן בכלל צו אַ סך וואָג און קאָליר אונדזער יידיש לשון, פאַרלירט ער זיך אָבער נישט זעלטן, אין אַ מישמאַש פון געזאַנ־דערשטע ווערטער, דערצו נאָך אין שלעכטע גראַמען, וואָס לאָזן איבער הינטער זיך אַ שלעכטן, צי גאָר געשמאַקלאָזן נאָך־טעם, וואָס דערפירן דעם עיקר — אַ טייל פון זיין דיכטונג — צו אַ פוסטן אָנשטעל, אַ רעטאָ־ריק פון וועלכער ער וואָלט זיך שוין לאַנג צוריק געמעגט באַפרייען.

ווי אַ מוסטער פון געדאַנקלעכע לידער ביי מאַטעס דייטשן, קאָנען דינען זיינע לידער א. נ. „פלאַם פון מיין שטאַם", וואָס פיבערן אַגב אויך מיט דעם שטאָלץ פון זיין ייד־זיין און יידישקייט־באַוווסטזיין, אין צומאָל גאָר גוטע לידער, כאָטש נישט זעלטן צו אָפּן און דעקלאַראַטיוו.

נישט דער ברענענדיקער נישט־פאַרברענטער דאָרן־בוש —
דער לעצטער שמע־ישראל־קוש
ברענט און ווערט נישט פאַרברענט.

דאָס וואָרט פון זיין אומה איז דער
...ברענענדיקער עץ החיים פון אונדזער פאָלקסמאַמע יידיש.

די לידער א. נ. „פאָעטיש, וואָרטיש, ווערטיש" ווערן ממש פאַר־טרינקען פון דער באַרעדעוודיקייט פון דעם פאָעט, אַרום דעם יום־טוב פון זיין אייגענער עבודה, אַרום זיין אייגענעם ליד. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דיכטער איז זיין אייגענער זאָג:

ווען נישט דאָס לעבן פאַרן שעפערישן וואָרט,
פאַרשטיינערט געוואָרן וואָלטן מיר אויפן אָרט.

און אין זכות דערפון וואָס ער אַליין איז פאַרגלויבט אין דער שעפערישקייט פון זיין וואָרט, איז ער אונדז מזכה מיט אַזוי פיל געזאָגטע, געדאַנקלעכע לידער, וואָס פאַרגעשטאַלטיקן אים ווי אַ דיכטער ביי יידן, וואָס איז אויף אַזוי פיל פאַרגלויבט אין דער שליחות פון זיין וואָרט, אַז ער האָט אַזש דעם מוט צו איראָניזירן איבער דעם מלאך המות און זינגען:

אַוועק פון אים, דו מלאך המות, דו!
ער טראַכט אַצינד, ר' מאַטעסל טראַכט.
וויס, ווען ער טראַכט — דער עיקר — יידישע טראַכטונג,
איז דער מלאך החיים דערנעבן, די רעכטע האַנט.

אין דער חכמה זיינער, צו פאַרשותפן צו זיך די ...יידישע טראַכטונג... ליכטיקט במילא אויף דער אַראָמאַט פון ליד אין אַלגעמיין.

מיט דעם כוח פון זיין פען, וואָרט און ליד, איראָניזירט, שלאָגט

און טרייבט אָפּ פון זיך דעם טויט מאַטעס דייטש, אַז אים דוכט זיך
אַזש, אַז —

עס ווערט דער אַכזריותדיקער טויט הכנעהדיק שטיל..

און ווילן וויל ער נישט אַנדערש, ווי —

זיך מיט פלאַם באַהעפטן,
איך וויל מגולגל ווערן אין פייער.

דער עיקרשט און טאַקע צוליב דעם, ווייל —

מיין ירושהדיקער, יידישער שטאַם איז גאַלע פייער.

זיין יידישקייט־באַוווסטזיין גייט אים פאָרויס ווי אַן עמוד־הענן בייטאָג
און ווי אַן עמוד־האש ביינאַכט, און באַלייכט אים זיין פּאָעטישע מחשבה.
צוליב דעם איז ער טאַקע אָפּט זייער רירנדיק, איבערהויפּט אין אַ צאָל
פון זיינע געזאַנגען א. נ. „פייערדיקע פייגעלעך אינעם דיכטערס קאַמין״,
וווּ עס קומען טיילווייז צום אויסדרוק זיינע צער־געפילן אויף אונדזער
גרויסן חורבן.

מיט אַלע קדושים און מאַרטירער פון דער וועלט
בין איך אין אַלע צייטן פילמאָל מיטגעשטאָרבן,
מיטן יידישן חלום אַקעגן...

קלאָגט אויף זיין געזאַנג. דערביי איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז
דער יידישער חלום איז דאָס באַגלייט־פייגעלע אויף אַלע זיינע וועגן
און אומוועגן פון זיין דיכטערישן לעבן. אַזוי אויך אין זיין אַ ביסל צו
לאַנגער פּאָעמע אויפן נאָמען פון דער זעלבער סעריע לידער, אין
וועלכע ער באַטאָנט:

איך פלי. איך פלי מיט אַלע פייער־פייגעלעך אַהער־אַהין
און מיט די זעקס מיליאָן וואָס וויכערן אין מיין קאַמין
מיט יידישן חלום — אַקעגן — — —

דער יידישער חלום טוט זיך נישט אָפּ פון זיין ליד, יומם ולילה.

די צווייטע העלפט פון זיין ליריש ליד „אַן אַלטער רעקאָרד״,
אָטעמט מיט דעם פּאַטאָס פון אַ לירישן זינגער. ביים אָנהויב לייענט
זיך עס אַזוי:

פון אייגן הויז

איך בין אַליין אין אָקטאָבערדיקן וואַלד,
קיינער איז נישטאָ לעם מיר.
די שטילקייט רעדט ווי שטענדיק...

און עס פאַרענדיקט זיך אַזוי:

איך בין אַליין און נער זיך מיט דער אַליינקייט
ווי גאָט אין ליכט און אין פינצטערניש, —
און ווי ער — ווייס איך נישט
וווּ איך הויב זיך אָן
און וווּ איך ענדיק זיך.

ווען מאַטעס דייטש זאָל זיך האַלטן אין די ראַמען פון אַזאַ צימצום, ווי אין אָט דעם ביי אים זעלטענעם לירישן אויפזינג זיינעם, וואָלט ער אָן יעדן ספק מער דערגרייכט ווי מיט דער איבערוועגנדיקער מאָס פון כמות אין אַ גאַר גרויסער צאָל פון זיינע באַריידעוודיקע לידער.

די שיינקייט פון פּאָעזיע ליגט, אין איר דראַנג נאָך אייביקער באַנייונג. ווי כוואַליעס אויף דעם ים, וואָס באַמיען זיך אין זייער סטיכיע אַריבערצויאָגן איינע די אַנדערע, אַזוי באַמיט זיך די פּאָעזיע פון איין דור אַריבערצויאָגן די פּאָעזיע פון אַ פריערדיקן דור. אין אָט דעם געיעג און זעלטענע דערגרייכונגען, אַנטפּלעקט זיך, דוכט מיר, דער סוד אין די דעפיניציע פון מאָדערניזם אין דיכטונג, וואָס מיינט פּשוט: היינטצייטיקייט.

מאַטעס דייטש, דוכט מיר, כאַפּט אַ היפּש ביסל איבער די מאָס אין זיין געיעג צו וועלן זיין אַנדערש און מאָדערן, אין זיין דיכטונג. זיין באַרעדעוודיקייט אַליין, דערצו נאָך דער אָנווענד פון מאָדנע שווערע ווערטער אין זיין דיכטונג, ווי למשל: ליבטיזם, וואָרטאַליזם, אַלעראַליך, אַרומרום, סאַטורנאַליע, אויטענטיק, אויפמערקווירדיקייט, עקזיסטענצלעך, עלעקטראָפּירט, טויטאַלן, איצטשאַפט, אויסגעהערן, געשטילטיקט, חומש־טימלעכן־מאָמענט און ענלעכע ווערטער, פאַלן שווער אויף דעם געמיט פון אַ לייענער פון פּאָעזיע, אין וועלכער זיי פּאַסן זיך אַבסאָלוט נישט אַריין; זיי זענען דער דירעקטער גורם פון אַ פאַרקערטער ווירקונג; אַנשטאָט צו הויבן־און־דערהויבן די שטימונג ביים לייענער, שטויסן זיי גאָר אים

אַרויס־און־אַוועק פון אַזאַ „דיכטונג“, צוליב דעם פשוטן טעם, וואָס אַזאַ נאַיוו אָפּעריִרן מיט אומקלאָרע ווערטער אין פּאָעזיִע, שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָנוווּקס פון ווילדגראָז, וואָס נישט די דיכטונג און זיכער נישט דער געדולדיקער לייענער, אַפילו דער בעסטער — וויל, באַדאַרף און קאָן עס פאַרטראָגן און טאָלערירן.

פּאָעטן פון אַלע גראַדאַציעס זענען חוץ בעלי חלומות, אויך באַהערשט פון אַ באַשטימטער תמימות וואָס גיט זיי צו דעם חן פון צעבאַלעוועטע קינדער. אָט די תמימות ביי מאָטעס דייטשן טויכט אַרויס פון דעם סטיל פון זיינע לידער, וואָס איז ביי אים אַלעמאָל פאַרוועבט אין זיין מחשבה און פאַרקליידט זיך אויך צומאָל אין אַ דורכויס פּאָעטישער המצאה, וואָס רייצט מיט איר שיינקייט.

דער ים איז אַ חלום וואָס זוכט זיך שטענדיק אַרומעט
און קאָן זיך אַליין און זיין טרוים נישט געפינען.

דריקט עס, מיר דוכט, אויס אַמבעסטן.

ווי אַ היינטצייטיקער פּאָעט וואָס צערטלט און ציטערט אַזוי איבער דעם גורל פון אונדזער נאָענטסטן שטערן יידיש, האָט מאָטעס דייטש צוגעטראָגן זיין באַשיידענעם צושטייער צו דעם אוצר פון אונדזער קאָלירפולער און רייכער דיכטונג אויף יידיש־קודש, וואָס געפינט אַן אויסדרוק אין זיינע טעמעס אויף יידישע מאָטיוון, ים־ און קאַליפאָרניע־לידער, טויט און קידוש־השם־מאָמענטן, אוניווערסאַלע טעמעס און דער עיקרשט, אויף זיין באַליבטער טעמע — צום נאָענטסטן שטערן יידיש; חלום־יידיש אין זיין ליד אויף יידיש.

װוּנדער פון באַנײַונג

(משה שטײנגאַרט: „אינדרויסן פון דער װעלט״)

צוליב דער נישט־אָרגאַניזירטקייט פון אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, פאַרזעען מיר אָפט װערטפולע װערק װאָס דערגרייכן אונדז נישט נאָר אין אונדזערע פּעריאָדישע אויסגאַבן, נאָר לײדער אויך אין די ביכער פון מחברים אָן עלנבויגנס.

װי אַ יוצא מן הכלל, װעל איך זיך הײַנט באַמיען אָפּצושטעלן אויף אַן אַרבעט פון אַ נאָך פאַרהעלטנישמעסיק יונגן און צואָגנדיקן דיכטער (מחבר פון אַ גרעסערער ערשטלינג, אַ בוך לידער א. נ. „אַלײן״) — משה שטײנגאַרט. די צען לידער זײַנע, א. נ. „אינדרויסן פון דער װעלט״, װאָס זענען געדרוקט אין דעם פּסח־נומער פון „אידישער קעמפער״, תש״ד.

„אינדרויסן פון דער װעלט״ פון משה שטײנגאַרט, איז אַ טיף־רירנדיקע, פילאָזאָפיש־מיסטישע סעריע לידער, װאָס איז גלײכצײַטיק אויך די תפילה פון אַ פּאָעט, איבער װעמען

די זון, אַ פײַערדיקע שװערד, הענגט איבער מיר
פונעם ערשטן ערשט, װען כ׳האָב דײַן װעלט דערזען.

און —

דורך די אַלע װינטן הער איך דײַן ערשטן רוף —
דײַן ערשטן קול מיך פרעגן װוּ איך בין.

װאָס צער׳ט אויף דעם לעבן פון דעם פּרט — דעם מענטש — װאָס זעט זיך גופא אין דעם ליכט פון אומפאַרמײַדלעכן אונטערגאַנג.

די לידער אָטעמען מיט דער אָריגינאַליטעט פון אַ דיכטער, װאָס איז מחדש גאָר אַ סך.

צום אַלעם ערשטן אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין אָט די געזאַנגען זײַנע, אַ זעלטענע נײגונג צו אַ שפּראַך־עשירות װאָס ברענט ממש מיט דעם חידוש פון שעפערישקייט, װאָס דערזאָגט און דערהויבט זיך צו אַן אָריגינעלער קלאָרקייט אין דעם אויפזינג פון אַן אײגנאַרטיקייט אין סטיל.

...איך נעם אויף דעם געלאָדענעם צער
פון אַלץ װאָס שטאַרבט זיך אין מיר אַרײַן.

דער שניי וויטערט אָוועק דעם טאָג פון מיר. —
...ווער שטיל ווי דאָס איז
וואָס פרירט מיך אַריין אין ווייסן ליכט.
פון ווערנדיקן פרילינג וואָס וועטערט זיך אַריין
אין דער וועלט. —
דער טאָג וואָס האָט מיך מיט פראָסט פאַרשטילט,
האָט זיך שוין אַרויסגעווינטערט פון מיינע אויגן.

זענען מיסטערן פון שעפערישע סטיל־בייקייטן, ווונדער פון שפּראַכ־לעכע באַנייונגען, וואָס וועלן זיך מיט דער צייט פאַרברייטערן, אויסקלאָרן און פאַנאַנדערבליען זיך אין דעם אוצר פון אַן אייגענעם און אייגנאַרטיקן אויפנעם פון נשמה־איבערלעבונגען.

דער פאַרנעם פון שטיינגאַרטס לידער א. נ. „אינדרויסן פון דער וועלט״, איז גאָר אַ גרויסער.

עס איז אַ געלונגענער פּרוּוו, אויסצווייטיקן דעם צער — פאַרגענג־לעכקייט — פון דעם לעבן פון דעם פּרט, אויף דער פאָן פון אַ טראַגישקייט זיך אַליין צו זען־און־דערזען, ווי אַן אַנטפּלעקונג וואָס קומט אומגעריכט — אינדרויסן פון דער גאָרער וועלט, וואָס איז אין קעגנזאַץ צו דעם לעבן פון דעם פּרט — אייביק.

אין זיין געיעג און נייגער נאָך אַ באַשייד פאַר דעם ווייטיקדיקן, צערפולן און קורצן לעבן פון דעם פּרט אויף דער וועלט, נעמט דער דיכטער אויף דאָס געזאַנג פון דער וועלט מיט גאָרן חידוש, און ער פרעגט:

איז דאָס די וועלט וואָס דו האָסט זען געוואָלט ?
איז דאָס די וועלט וואָס דו האָסט זיך אויסגעמאָלט ?

מיט דער עמפינדלעכקייט פון אַ זעקסטן חוש, זעט ער דעם פּרט ווי אַ טייל פון אַלץ וואָס לעבט און בליט.

צוליב דעם פאַרצווייפלט ער נישט און ער געפינט גאָר, אין קעגנטייל, אַ טרייסט אין דעם וואָס —

איך בין דער זעער און דער דערזעענער
אין אָפענער וועלט פון לויטער ליכט,
וואָס שטראָמט איבער מיר נאָענט און אומגעריכט.

פון אייגן הויז

צוליב דעם נעמט ער אויך אויף

...מיט לויב דעם ערשטן שפּראַך פון צווייט.

און —

כ׳שפּיר דעם סוד פון ווערן, זיך עפענען איבער מיר,
און זיך פאַרמאַכן פאַרן שאָטן פון מיין האַנט־באַריר.

צוליב דעם אַליין איז אים געשענקט די אַבסאָלוטע זכיה צו זען דיך אין מאָרגנדיקער ערשטקייט אַנטפּלעקט...

צו וועלכער עס זענען בלויז זוכה די סאַמע זעלטנסטע זעערס — יחידי סגולה.

אַזוי דערהערט זיך משה שטיינגאַרט ...צו אַלץ וואָס גרינט און בליט... כאָטש זיין אייגענער גורל, דער גורל פון דעם פּרט — איז פון תמיד אָן פאַרזיגלט, צו זיין ...שטענדיק אינדרויסן פון דיר אַרויסגעשטעלט...

צוליב דעם דער זעלטענער אויפזינג פון זיין תפילה —

פאַר מיר, צעעפן מיינע לעפצן מיט ברכה פון דיין וואָרט
און שענק מיר דעם טראָט צו גענענען צו דיר
מיט געלייטערטן צער פון אָפּגעקומענעם חוטא.
אין שעה פון נישט נאַכט און נישט טאָג —
אין אַ וועלט וואָס נידערט אין לעצטן פאַרנאַכט,
לאָז פאַלן אַ דינעם שטראַל מיט נס צעהעלט
און פיר מיך אַריין אין דיין ערשטער, גאַנצער וועלט.

דאָס איז די תפילה פון אַ גאָט־געבענטשטן דיכטער אין טאָגן, דער ערשטער צו וועלן אַריינגעפירט ווערן ...אין דיין ערשטער, גאַנצער וועלט... מיט דער ...ברכה פון דיין וואָרט... אויף זיינע צעעפנטע לעפצן. די גאַרונג און שטרעבונג פון יעדן דיכטער וואָס איז עכט אין זיין אויפפאַסונג פון וועלט־און־מענטש — אויף דער שוועל פון זיינע נאָכקו־מענדיקע, נאָך נישט־געזונגענע לידער, וואָס וועלן האָפנטלעך גאָר אין גיכן קומען, אויפזינגען און דערגאַנצן די דערקענטעניש פון גאָט, וועלט און מענטש, אין דעם אויסלייג פון לידער, וואָס זאָלן אין זיך כולל זיין די דינאַמיק און די גאָרע שיינקייט פון דער נאַטור, אין דער קרוינונג פון דעם מענטש אויף דער ערד.

ה. רויזענבלאַט

(צום פינפטן יאָרצייט)

ביכער, ווי מענטשן — קאָנען קיין עוולות נישט פאַרטראָגן. און כאָטש עס פעלט זיי דער לשון פון מענטשן און זיי קאָנען זיך דירעקט מיט דיר נישט צונויפרעדן, באַזיצן זיי אָבער יאָ די זעלטענע מעלה פון קאָנען שווייגן אין דער הויך. אַ סענסיטיוון און געוויסנהאַפטן מענטשן, קאָנען זיי אַפילו נישט זעלטן אויך פאַרשעמען, ביי זיין צופעליקן קאָנטאַקט מיט דעם באַטרעפנדיקן ספר צי ספרים, צו וועלכע דו האָסט בכלל, אויב נישט קיין גאָר אינטימע, איז אָבער פאָזיטיווע באַציונג צו זיי, נאָר, צוליב צופעליקער נאַכלעסיקייט, האָסטו זיי פאַרנאַכלעסיקט. געלאָזט זיי זיך שטויבן אין שכנות מיט אַנדערע ביכער, אונטער איין דאַך.

אַזאַ דערפאַרונג האָבן איך אַנומלטן געהאַט, ווען מיין בליק האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן די רוקנס פון די סאַמע לעצטע ביכער פון מיין בן עיר — ה. רויזענבלאַט.

צו מיין אייגענער איבעראַשונג, וויל איך אָבער דאָ דערמאָנען, אַז אַ גרויסע צאָל פון זיינע לידער, זענען אייגנהענטיק דאָרט פון מיר פאַרזייט מיט באַמערקונגען מיינע, וואָס זאָגן עדות, אַז איך האָב זיי בשעתם געלייענט מיט די בעסטע כוונות, אַפילו אינזינען געהאַט איבער זיי צו שרייבן, נאָר צוליב מיר איצט אומבאַקאַנטע סיבות, צופעליק פאַר־נאַכלעסיקט.

אין דעם זין, האָט זיך אין מיין פאַל, אויפסניי באַשטעטיקט דער אמת פון אַ פאָלקס־ווערטל, אַז עס איז קיינמאָל ניט צו שפּעט.

און איצט, צו דעם פינפטן יאָרצייט פון דעם דיכטער, איז דוכט מיר די פאַסיקסטע צייט אַ טראַכט צו טאָן אין דער הויך וועגן דעם פּאָעט ה. רויזענבלאַט און, אַזוי אַרום אים אָפּצאָלן כאָטש אַ טיילוויין און פריוויליקן חוב, וואָס טאָר נישט פאַרלוירן גיין.

ביים אויפנעמען, אָפּשאַצן און הנאה האָבן פון דער דיכטונג פון ה. רויזענבלאַט, איז אַבסאָלוט נויטיק צו נעמען אין באַטראַכט זיין פּאָעטישע אַנטוויקלונג, וואָס איז מיט אַ סך מי אים אָנגעקומען אין משך פון צענדליקער יאָרן.

ווי אַ רינג אין דער קייט פון אונדזער דיכטונג בכלל, דינט אונדז רויזענבלאַט ווי אַ בריק צווישן דער אַזוי גערופענער דיכטונג ביי יידן, אַ דורכויס פּרימיטיווע און נאַיווע — און דעם נאָכקומענדיקן קינסטלערישן ליד, וואָס האָט זיך אגב שפּעטער אַנטוויקלט צו גאָר הויכע קינסטלערישע דערגרייכונגען, פאָרמען און שפּראַכלעכע ווערטן.

ווי אַן אמתער מתמיד און געדולדיקסטער עקשן, האָט רויזענבלאַט יאָרנלאַנג ביי אונדז „געפּראַוועט פּאָעזיע", ווי ש. ניגער האָט אים דאָן ריכטיק כאַראַקטעריזירט און אָפּגעשאַצט, אָבער —

די ערשטע לידער זענען פּרי,
אין פרילינג אויפגעגאַנגען.
נאָר זאַמדיק איז געווען די ערד,
און מאָגער מיינע זאַנגען.

זינגט רויזענבלאַט אַליין וועגן דעם, אין זיינע „אויטאָביאָגראַפישע פערזן", אין זיין בוך „אין שענסטן טאָג פון האַרבסט", נאָכפאָלגנדיק דערביי די אַנטוויקלונג פון אונדזער ליד אין אַלגעמיין.

דער דיכטער האָט מיט פלייס זיך צוגעפּאַסט צו דעם גאַנג פון דער צייט; סטאַיש אויפגענומען אירע וויבראַציעס און פון איר זיך געלאָזט באַיינפלוסן צו אַזאַ גראַד און הויך, אַז מיט דער צייט האָט ער פון איר איבערגענומען אירע קינסטלערישע מיטלען, וואָס ער האָט מיט נישט ווינציקן אייפער און אויך טאַלאַנט צוגעאייגנט, צו דעם פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער פון ז י י ן אייגן ליד. און אין דעם אָוונט פון זיין לעבן, אין אַ טיפן עלטער, אונדז אַלע איבעראַשט מיט אַ זעלטענער רייפקייט און שלימות, וואָס איז בלויז אייגן די זעלטנסטע יחידי סגולה.

דער בעסטער אויסדרוק פון זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען שפּיגלט זיך דעריבער אָפּ אין די סאַמע לעצטע לידער־ביכער זיינע: „מיין

ליכטיקע נסיעה״, „אין שאָטן פון מיין בוים״, „אין שענסטן טאָג פון הערבסט״ און „פאַרנאַכט״.

ביים איינלעבן זיך אין דעם תוכן און גרויס־קינסטלערישן ווערט פון די לידער־ביכער זיינע, קלאָרט זיך פאַר דיר אויס אַ דיכטערישע פערזענלעכקייט מיט אַן אייגענעם פּנים, וועמענס מאָנונגען צו זיך גופא, גאָט, וועלט און מענטש, האָבן זיך, ווי געזאָגט, — אין לויף פון צענד־ליקער יאָרן באַמיונג, אויסגעקריסטאַליזירט אין די דינסטע ניואַנסן פון אַ פּאָעט, וואָס אַזוי גיך ווי ער האָט זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון זיינע לאַנגיאָריקע בלאָנדזשעונישן, האָט ער זיינע פאָדערונגען צו זיך אַרויס־געוווּנדערט פון זיינע פּאָעטישע מעשים טובים, וואָס האָבן זיך אויף תמיד צוגעאייגנט צו דעם אוצר פון אונדזער פּאָעזיע, וואָס אָטעמט און פּיבערט מיט אייביקע ווערטן, צו וועלכע מ׳קאָן און מען טאָר נישט זיין גלייכגילטיק און מען מוז זיי אויפנעמען מיט דער חשיבות פון ווערטן, וואָס דאָמינירן און וועלן דאָמינירן אונדזער מענטאַליטעט, אין הסכם מיט דער גאָרער שיינקייט און אויך די פיינלעכסטע איבערלעבונגען פון אונדזער צייט און דור, פון וועלכן רויזענבלאַט איז געווען אַן עדות, געלעבט, געליטן, געשאַפן און אויך געווירקט אויף אים.

רויזענבלאַטס ליד ווערט באַהערשט פון אַן איינגעשטעלטן נוסח וואָס גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן, ווען אַפילו ער בייט טיילווייז זיין פאָרם און ער פּאַסט זיך צו צו די ווינטן פון דער נייער צייט, וואָס זי ציט אויף זיך אַרויף די בגדים פון אַ סטיל, וואָס פּיבערט מיט די נייקייטן פון היינטצייטיקע באַגריפן פון בילד, פאָרם און אויך אינהאַלט.

צוליב דעם איז ביי אים שייך צו זינגען אין איין אָטעם און אונטער איין דאַך, אויף אַלטמאָדישע און היינטצייטיקע טעמעס, אין דעם לבוש פון דעם פּאַטאָס פון אונדזערע טעג, אין וועלכע עס קומט אַגב טיילווייז צום אויסדרוק, דערצו נאָך אויף גאָרנישט קיין שרייענדיקן, נאָר זעלטן דיך און איידעלן אופן, זיין צער איבער אונדזער נייסטן חורבן:

וויי גרויס ס׳איז געווען די געפּאַר
ביי גבעון, אָ גאָט, נישט פאַרגעס,

פון אייגן הויז

אַז היינט איז זי גרויס — אין לשער! —
און גרעסער דאַרף היינט זיין דער נס.

און זיין געבעט איז:

אַ טרייסל טאָן זאָל זיך די ערד
און אויסלעשן זאָל זיך די זון!
צום לעצטן מאָל: — הויב אויף דיין שווערד
און פיר אונדז, יהושע בן נון.

אין דער זעלבער צייט אָבער, פאַרטיפט ער זיך בכלל אין דעם וואונדער פון וואָרט, אין זיין אַני־מאַמין־אַריינפיר צו איינעם פון זיינע ביכער, אין וועלכן ער ווייזט אָן, אַז דער וואָס באַדאַרף געניסן פון קינסטלערישע ליטעראַטור־ווערטן —

...איז נישט מחויב אויסצושטיין ...דעם דיכטערס געבורטס־ווייען...

וואָס אייגנטלעך מיינט עס, אין אַנדערע ווערטער, אַז די חבלי לידה אין די עקספּערימענטירנדיקע ווערק פון אַ דיכטער — די רויערע — זיינע אייגענע ווערק פון דעם מין און כאַראַקטער — אַריינגערעכנט, זענען נישט וויכטיק, ביים פאַר׳סך־הכלען דעם קינסטלערישן ווערט פון זיין אַרבעט, ווייל —

...דער וואָס שאַפט דאָס ליד... איז מחויב, ווי... דער בוים,
צוצושטעלן דעם געניסער פון די פירות זיינע, רייף און צייטיק...

און דאָס רייפקייט און די צייטיקייט פון רויזענבלאַטס דיכטונג האָט זיך פאַר אונדז ערשט אַנטפּלעקט אין איר גאַרער שיינקייט, אין די דערמאָנטע ביכער זיינע, ערב דעם אָנקום פון זיין נאַכט. זיין טעזע, אַז —

...ניט אָפּשפּיגלען... איז דער קינסטלער מחויב די וועלט,
נאָר זי אַרויסשפּיגלען פון זיך מיט אַן אייגענער אַרויס־
שטראַלונג, מיט אַן אייגענער אויסטייטשונג...

פּאַלט טאַקע צענויף מיט דעם אויפהעל און דער באַנייונג פון ז י י ן ליד, אין די דערמאָנטע ביכער זיינע.

יחזקאל בראָנשטיין

דאָ, אַמווייניקסטנס, ווייסט ער שוין צו באַטאָנען, אַז —

...דער וואָרער פּאָעט זעט מיט אַן אינערלעך פֿאַרבאָרגן אויג
די וועלט, ווי זי (באַ) דאַרף זיין.

ווייל —

...ליד לעבט אין ...אייגענעם זכות... עס פֿאַרמאָגט אַן אויג
וואָס קוקט פֿון אינעווייניק אַרויס און זעט די וועלט מיט
איכישע סענטימענטן... איר עובדה איז — סטימולירן דאָס
מענטשלעכע האַרץ מיט עסטעטישן גאַרן נאָר די שענסטע
געניסן פֿון לעבן — צער און טרויער אַריינגערעכנט...

און ה. רויזענבלאַטס ליד פֿון די שפּעטערע יאָרן זיינע — דאָס איכיש־לירישע, סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע; זיינע באַלאַדעס, מעשׂיות, עפּישע און תנ״כישע — פֿון די דערמאָנטע ביכער זיינע, לעבט טאַקע אין דעם זכות פֿון זיין האָבן באַזעסן אַן אייגנאַרטיק אויג „וואָס קוקט פֿון אינעווייניק אַרויס" און וואָס נעמט אויף די גאָרע וועלט מיט איר גאָרער שיינקייט, צער און טרויער, אויף זיין רויזענבלאַטישן שטייגער, אין די ראַמען און די דערגרייכונגען פֿון אונדזער דור, לשון און דיכטונג בכלל, פֿון וועלכער ער גופֿא טיילט זיך אויס, ווי אַ שעפֿערישע פּערזענלעכקייט, מיט דער עכטקייט פֿון זיין ליד, וואָס וועט אונדז אַלעמאָל דינען ווי אַ נר תמיד אין אונדזער וועג צו ווייטערדיקע דערגרייכונגען אין דעם אוצר פֿון אונדזער ליטעראַטור אין אַלגעמיין, די דיכטונג אונדזערע — איבערהויפּט.

דער עסיי

(אין שייכות מיט „דער נס בעל־שם־טוב״ פון אליעזר שטיינמאן) *

ווי שווער עס זאָל נישט זיין צו דעפינירן דעם מהות, איכות און פאַרנעם פון דעם עסיי, וועט אָבער יעדער שעפערישער לייענער, שרייבער און קריטיקער מוזן מודה זיין, אַז דער עסיי איז אַן אָריגינעלער און דעם דורכויס שעפערישער פאַקטאָר אין דער ליטעראַטור, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ער איז דורכויס אַנדערש; אינדיווידועל, און נישט דאָגמאַטיש אין זיין צוגאַנג צו די פון אים בהאַנדלטע פּראָבלעמען.

די קאָנסטרוקציע פון דעם עסיי איז דורכויס אַן אָריגינעלע.

אָריגינעל איז ער אין דעם קאַלירפולן אויסוואַל פון זיין טעמאַטיק און אין זיין אינדיווידועלן סטיל, וואָס אַנדערש, בייט־און־באַנייט זיך אַלעמאָל ביי איין און דעם זעלבן עסייאיסט, אין הסכם מיט דעם קלימאַט אָדער סביבה פון זיין אויסדערוויילטער טעמאַטיק.

דער עסיי, לויט מיין אָפּשאַצונג, איז אַ פאָרם אין דער שרייב־קונסט, וואָס הויזט צווישן דער בעלעטריסטיק און דער ליטעראַטור־קריטיק. צוליב דעם מעגן מיר אים צושרייבן די אייגנשאַפט פון אַ סינטעז, וואָס וואַקסט פון זיי ביידע אַרויס, מיט דער אויסשליסלעכער רעכט און פּאַטענץ צו שטיין אויף די אייגענע פיס און זיך אויסטיילן, ווי אַ זעלבסט־שטענדיקע פאָרם אין שרייבן.

דער עסיי איז ווי אַ שטעקן מיט צוויי עקן, אָדער גאָר ענלעך צו אַ מטבע מיט צוויי זייטן.

פון איין זייט אָדער קוק־ווינקל, פאַרנעמט זיך דער עסייאיסט מיט אַן אַלגעמיינער טעמאַטיק, אין וועלכער ער איז בלויז אויף אַזוי פיל איבערקלייבעריש, אויף וויפל זיין טעמע דינט אים און דערמעגלעכט אים

---

* „די גאָלדענע קייט״, נומער 37, 1960.

אַליין, זיך אַליין צו פאַרטיפן און אילומינירן זיינע אייגענע, יחידישע פּאָטענצן, אין פולן הסכם מיט זיין גאַנצן געפּלס-לעבן.

פון דער אַנדערער זייט ווידער, האָט דער עסייאיסט אויך אַ נייגונג זיך צו אידענטיפיצירן ווי אַ טיילווייזער ליטעראַטור-קריטיקער, וואָס טיילט זיך אויס מיט זיין אַנדערשדיקן צוגאַנג צו ליטעראַטור-ווערטן, ווי די פון דעם פּראָפעסיאָנעלן ליטעראַטור-קריטיקער, וואָס איז בטבע אָנגעוויזן אויף איינגעשטעלטע דאָגמעס, וואָס זענען נישט זעלטן אַ שטער אין דער אויפפאַסונג פון ליטעראַטור-ווערטן, וואָס זענען אַלעמאָל דינאַמיש און ווייכן באַוווסטזיניק אָפּט אָפּ פון איינגעשטעלטן נוסח און סדר, גיבן זיך באַוווסטזיניק אונטער דעם גאַנג פון דער צייט און סביבה, און האָבן אַפילו אַ נייגונג צו ברעכן טראַדיציעס און באַצוועקן אָפּטמאָל, פאָרויסגיין דער צייט און עפּעס מחדש זיין, וואָס די פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטור-קריטיק וויל נישט און קאָן טאַקע אפשר אויך נישט פאַר־טראָגן, אַ דאַנק איר רגילות און דאָגמאַטישן צוגאַנג צו ליטעראַטור-ווערטן.

צוליב דעם איז די עסייאיסטישע ליטעראַטור-קריטיק אַלעמאָל אַ מער אימפּולסיווע, און לאָקט מיט איר נייגונג זיך-אַליין אַרויסצוהייבן ווי אַ שעפערישער עלעמענט אין דעם אוצר פון דער ליטעראַטור.

די עסייאיסטישע ליטעראַטור-קריטיק איז דעריבער בלויז טיילווייז אָנגעוויזן אויף די ווערק פון אַנדערע שרייבערס, וואָס דינען זיי בלויז ווי אַן אָנרעג און שטויס-קראַפט פון זיך-אַליין אַרויסצוכישופן אייגענע קונסט-ווערטן. זיי שיסן דערביי, צוויי פייגל מיט איין שאָס: זיי דעקן אויף און באַלייכטן עמאָציאָנעל די קונסט-ווערק פון אַנדערע שרייבערס, און זיי זענען גלייכצייטיק אויך גענוג קרעאַטיוו, אַז זייערע אייגענע אַרבעטן זאָלן פירן אַן אייגענע ווירטשאַפט אין דער מלוכה פון וואָרט, און גלייכצייטיק באַטראַכט און אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי כוהנים, אין דער עבודה פון פאָרשטעלן מיט זיך אַן אייגענע פאָרם אין דער ליטעראַטור.

אין זיין זעלטענעם עסיי „דער נס בעל-שם-טוב" אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אליעזר שטיינמאַן ווי אַן עסייאיסט מיט אַן אויסגעשפּראָ־כענער, אייגנאַרטיקער אויפפאַסונג פון זיין טעמע, אין די ראַמען פון אַ שפּעדיקער שפּראַך-עשירות, פאָרם, אינהאַלט און פירוש פון חסידיזם

בכלל, דעם בעל־שם־טוב — איבערהויפּט, וואָס ער באַטראַכט און פּאַר־מולירט ווי אַ נס.

קודם כל וואַרפט זיך אין די אויגן די עשירות פון אַ ריטמישער שפּראַך, וואָס ווירקט אויף דעם לייענער מיט דער מאַגיק פון אַבסאָלוט עכטער דיכטונג.

זיין פאַרערונג פון דעם בעל־שם־טוב פיבערט מיט אַזאַ התפעלות, אַז עס באַקומט זיך ביי אים אַ בעש״ט־געשטאַלט, ענלעך צו אַ דעמב, אַזש ...ביז אין די הימלען אריין...

שטיינמאַן באַמיט זיך און ער ווייזט טאַקע אויך אָן, אַז כאָטש גאונות און אַלץ וואָס קומט דערמיט ...ציט טאַקע איר יניקה פון רוח הקודש... איז זי אויך אָן ענין פון ...מי און פלייס... צוליב דעם שרייבט ער צו די גרויסקייט פון דעם בעש״ט, ווי צו אַ ייד אַ יחיד, וואָס איז ...אַנדערש פון אַלע אַנדערע... ווייל ...ער גופא איז אַ נס...

ער פאַרפנימט די חידושי־תורה פון דעם בעש״ט דערמיט, וואָס ...ער גופא איז כולו חידוש...

ער הויבט אַרויס דעם הויפּט־עיקר פון דעם בעש״טס תורה אין דער השערה און באַגרינדונג, אַז דינען גאָט קאָן מען ...דער עיקרשט דורך שמחה און האָפענונג, גלויבן און בטחון...

דער עסיי אַלס גאַנצער איז אויף אַזוי פיל אַרומנעמענדיק, די טעמע — אַזוי פאַרכאַפּנדיק, אַז שטיינמאַן בליצט ממש מיט עסייאיסטישע חידושים און עקספּרעסיעס אין אַ געזאַנג צו חסידות בכלל. אין דעם ברען פון זיין התלהבות, רייסן זיך ביי אים אַרויס אַזעלכע וווּנדערלעכע שלאַג־ווערטער, וואָס אין זייער ריטמישער באַהעפטונג און אויסדרוק, פאַרוואַנדלען זיי זיך אין איינגעשלאָסענע אַפאָריזמען, וואָס פאַרשפּיצן זיין אויפפאַסונג פון חסידיזם אין זיין פאַרערונג פון דעם בעש״ט, צו אינהאַלטרייכע אויפזאַצן, וואָס בעטן זיך ממש אויסצוסדרן אין אַ באַזונ־דערער אַרבעט.

אין קעגנזאַץ צו די בעלי מוסר, מקובלים און חסידים פאַר דעם בעשט״ס צייטן, ווען דינען גאָט איז געווען אַן ענין פון התבודדות, פון

זוכן אַ תיקון פאַר זיך, ווייזט שטיינמאַן אָן, האָט ...דער בעל־שם־טוב נישט געזוכט, נאָר געפונען...

הערט פאַר טשיקאַווּעס ווי דער עסייאיסט שטיינמאַן פּערלט ממש מיט געזאַנג וועגן דעם בעל־שם־טוב. איך ציטיר ווערטלעך:

...אַ היימישער איז ער געווען אומעטום. לויטער ווי אַ קוואַל, שנעל ווי אַ שטראַל, לויכטנדיק ווי אַ פאַקל, צאַרט ווי אַ פידל, אייליק ווי אַ בליץ, טיף ווי אַ ברונעם, וואַרעם ווי אַ טרער, און אַזוי ווי זי, זיס און חיותדיק, כולו דביקות און התלהבות, און דאָך אַזוי באַטראַכט און באַזאָכט; יעדער זאָג און יעדע תנועה זיינע — געוויגן און געמאָסטן; אייניק און איינציק און אַליינִיק, און דאָך מיט דעם פאָלק אויס־געקניפּט און אויסגעבונדן. פאָלק איז געווען זיין צאַפּל, דעריבער איז ער געוואָרן טייער און ציטערדיק ווי אַ שוואַרצאַפּל...

איז כאָטש עס איז געשריבן אין פּראָזע־שורות, לייענט זיך עס ווי אַ פראַגמענט פון אַ פּאָעמע צוליב דעם, ווייל די שפּראַך איז דאָ אַ ריט־מישע און אַ בילדלעכע, אָנגעלאָדן און איבערגעלאָדן מיט אימאַזשן וואָס רייצן דיך פאַנטאַזיע מיט דער עשירות פון זייער דערפינדערישקייט, רייץ און שיינקייט, וואָס איז בלויז אייגן אַ דיכטער וואָס איז עכט, מיט וויזיע און פאַרנעם.

דער בעל־שם־טוב וואַקסט דאָ אויס ווי אַן אייגנאַרטיקע געשטאַלט פון אַ לעבנספולן, האָפענונגספולן און פריידפולן יידן, וואָס פאַרוואַנדלט אונדזער תשעה באב אין אַ שמחת תורה. און די חסידים זיינע — זיי דערפירט שטיינמאַן צו אַ שלום מיט דעם עולם הזה און צו אַ שפּאָגל נייער אחדות ...פון אַ גרויסער יידישער ברידערלעכקייט... וואָס איז ביי אונדז נישט געווען בנמצא, ביז צו דעם בעל־שם־טוב.

דער מענטש אין דעם בעל־שם־טובס תורה, פאַרנעמט דעם אויבנאָן. זיין חשיבות איז ריזיק און ...אַלץ הענגט אָפּ פון דעם מענטש, די גאַנצע וועלט וואַרט אויף אים, ער זאָל איר געבן אַ תיקון.

די נייע יידישקייט וואָס דעם בעש״ט איז געלונגען אויסצופורעמען און אַריינפּיבערן אין אַן עדה „פאַרזאָרגטע און דערשלאָגענע יידן״, וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אין ...אַ פריילעכע חברה, אַ געשלאָסענע חברשאַפט... אָט די טעמאַטיק פון אליעזר שטיינמאַנס עסיי, האָט אויף דעם מחבר געהאַט אַזאַ שעפערישן איינפלוס, אַז דער עסיי זיינער, א. נ. „דער נס בעל־שם־טוב״ איז אַרויס פון דעם גדר פון אַ קינסטלערישער באַלייכטונג און אָפּשאַצונג, זיך אַליין פאַרוואַנדלט אין אַן אייגנאַרטיקער פּאָעטישער אַרבעט, וואָס איז אַ שטאָלץ פאַר דעם מחבר און אַ וואָגיקער געווינס און צושטייער צו אונדזער עסייאיסטיק אויף יידיש־קודש.

„דאָס פינטעלע ליד", פון יחיאל האָפער

דער עסיי וואָס איז אַרויסגעוואַקסן ווי אַ סינטעז צווישן דער בעלעטריסטיק און דער ליטעראַטור־קריטיק, צו וועלכער ער האָט זיך אַזוי אינטים פאַרקרובהט, האָט ווי אַ צוגאָב צו זיינע אָריגינעלע אויפגאַבן און התחייבותן, אינטויטיוו צו רעאַגירן אויף אַלץ אַן אויסנאַם, זיך אויך צוגעאייגנט, צו אַ געוויסן גראַד, זיך אַפילו פאַראייגנט — צו דער ליטעראַטור־קריטיק, צו וועלכער ער טראָגט צו זיין אייגענעם, איך וואָג אַפילו זאָגן — אָריגינעלן צושטייער.

צוליב דעם איז דער נוסח פון דעם עסייאיסט אין זיין ליטעראַטור־קריטיק, נישט קיין סקאַרבאָווער, נאָר אין קעגנטייל, דורכויס און אויס־שליסלעך אַן אייגענער. אים איז אַפילו פרעמד און נישט אייגן דער לשון פון אַ פּראָפעסיאָנעלן ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס האָט אַ שטאַמ־פּאָווע נאָמען פאַר לאַנג פאַרגעסענע, אָפּגעריבענע באַגריפן און טערמינען פאַר ליטעראַטור־ווערטן, וואָס מוזן זיך בייטן ווי דער לעבן גופא. ווייל אַלץ וואָס לעבט, זאָל געדענקט ווערן — און ליטעראַטור לעבט אויך אין דעם געדעכעניש פון דורות — איז אַבסאָלוט דינאַמיש און נישט סטאַטיש. צוליב דעם טאַקע בייטן זיך אונדזערע באַגריפן, אויך אין שייכות מיט ליטעראַטור־ווערטן. און יעדער דור, תקופה און די טרעגער פון אירע זיך בייטנדיקע קולטור־ווערטן און באַנייטע פאָרמען פון שאפן, טראָגן צו זייער אייגענעם צושטייער אין אַ נייעם שפּראַך־לבוש, אין פולן הסכם מיט דער צייט אין וועלכער זיי קומט אויס צו לעבן און צו שאַפן.

דער עסיי, א. נ. „דאָס פינטעלע ליד" פון יחיאל האָפער, געהערט צו דער מחשבה און וויזיע, ווי אַ צוגאָב צו זיין כמו־בעלעטריסטישן סטיל אין דעם לבוש פון אַ בילדלעכן לשון. דער דערציילער — ער אָפּערירט מיט דער אַקציע פון די פון אים באַשאַפענע העלדן און טיפּן.

דער עסייאיסט באַנוצט זיך נישט זעלטן מיט בעלעטריסטישע מיטלען, ווי אַ פּאָעט באַנוצט דעם מעטאַפאָר. צוליב דעם האַלט איך, אַז עס איז

פאַראַן אַ רעלאַטיווע, כאָטש נישט קיין טעאָרעטיש באַגרינדעטע — פאַר־בינדונג, צווישן דער בעלעטריסטיק און דער עסייאיסטיק.

דער עסיי, א. נ. „דאָס פינטעלע ליד״ פון יחיאל האָפער געהערט צו יענעם אָפּקלייב פון דער עסייאיסטיק, וואָס איז קריטיש־פאָרשעריש, אָריגינעל — אויב איר ווילט — און מער פון אַלץ, אַ דערהויבנדיק געלונ־גענע, אין זין פון קלאָרקייט און פאַרשטענדלעכקייט פון איציק מאַנגערס ליד.

און געלונגען איז דער עסיי דערפאַר, ווייל דער מחבר איז אַן אויס־געשפּראָכענער עסייאיסט און נישט קיין פּאַטענטירטער ליטעראַטור־קריטיקער אין דעם דערמאָנטן זין, וואָס ווייסט נישט אַנדערש ווי בלויז גיין אין שפּאַן פון אַן אָנגענומענעם שאַבלאָן. צוליב דעם איז יחיאל האָפערס באַמיונג נישט קיין פאַרשווענדערישע. זיין דערגרייכונג — שלימותדיק.

יחיאל האָפערס עסיי „דאָס פינטעלע ליד״, וועגן דער דיכטונג פון איציק מאַנגער, געדרוקט אין דעם נומער פערציק „די גאָלדענע קייט״, באַשטייט פון פיר טעזן: סוד, חן, בענקשאַפט און סביבה.

דער מחבר באַמיט זיך דאָ צו אַנטפּלעקן דעם סוד פון דיכטונג אין אַלגעמיין, דעם סוד פון מאַנגערס ליד — איבערהויפּט, מיט גאָר אַ סך התנצלות. לויט דער מיינונג פון יחיאל האָפער, לאָזט זיך אָט דער סוד בכלל נישט אַנטפּלעקן. זיין פאַרטיפונג אין מאַנגערס ליד, אין די קאָליר־פולסטע דעטאַלן, איז ביי אים אָבער יאָ גורם די ווונדערלעכע אַנטפּלעקונג, אַז ...אין דער טיפקייט פון מאַנגערס געפיל און טיפקייט פון געדאַנק, אין דער פּראָפּאָרץ צווישן דעם קליינעם וואָרט מיט דער גרויסקייט פון געפיל וואָס ווערט דורך דעם וואָרט אַרויסגעבראַכט, ליגט אַ גרויסער טייל פון דעם סוד פון מאַנגערס פּאָעטישן חן...

אין זיין טעזע „סוד״ ווערט אַרויסגעהויבן דער כוח פון ...פּאָעזיע, וועלכע איז כולו פרייהייט... און די השערה פון דעם מחבר איז, אַז ...ס׳קאָן זיין אַז ס׳איז פאַראַן אַ נשמה אַזאַ, וואָס יעדעס ליד מוז זי באַזיצן... אויב דאָס ליד באַדאַרף זיין אמתע פּאָעזיע...

און דער אויספיר זיינער איז, אַז ...איציק מאַנגערס לידער האָבן, פאַרמאָגן די דאָזיקע נשמה... און אַז ...דער אינהאַלט און די פאָרם פון זיין ליד זענען פשוט בתכלית הפשטות...

יחיאל האָפער ווערט נישט מיד צו וואַריאירן זיינע אָנשויונגען אין אַלגעמיין, בנוגע דיכטונג.

אין דעם פּראָצעס פון אַרויסצויבערן פון זיך די סודות פון דיכטונג, גיט זיך אים איין צו אינטערפּרעטירן די דיכטונג פון איציק מאַנגער, וואָס פאַלט צענויף מיט יחיאל האָפערס השערה ...אַז טאַלאַנט איז אַ מאַשין וואָס אַרבעט איבער און פאַרמירט פון פּאָעטישער סובסטאַנץ, פּאָעטישע שאַפונגען... מיט אַזאַ געבענטשטער שעפערישער סובסטאַנץ, האַלט יחיאל האָפער — איז באַשאָנקען געוואָרן איציק מאַנגער. און ווייל ער האַלט, אַז ...איציק מאַנגער איז דורכאויס פּאָעט, קאָן זיין, אַז דער סוד פון פּאָעזיע ליגט אין דער פּאָעטישער גאַנצקייט....

און די פּאָעטישע גאַנצקייט מאַנגערס ווערט פון אים אַזוי אַרום, לאָגיש אויפגעקלערט און אויך נישט ווינציק אידעאַליזירט.

די צווייטע טעזע זיינע — חן, וואָס דער מחבר נעמט זיך „נישט אונטער צו דעפינירן״, קומט ביי אים אַלצאיינס אַרויס זייער חנעוודיק שוין דערמיט אַליין, וואָס יחיאל האָפער וויזט אָן, אַז ...מאַנגערס חן ליגט אין דעם, וואָס ער קאָן מיט איין וואָרט... אַרויסברענגען טיפקייט...

יחיאל האָפער פוצט זיך נישט אין קיין פרעמדע פעדערן. ער איז דירעקט, אָפנהאַרציק און אויך עכט. דאָרט למשל, ווו ער פילט זיך נישט זיכער, אומבאַשטימט, און ער ווערט נאָך דערביי באַהערשט פון אַ געפיל פון ספקות, זאָגט ער פשוט און אָפן: ...כ׳וויס נישט... אויב זיין אינטויציע, וואָס איז אַגב זייער אַ רייכע — און שכל הישר, טראָגן אים אָבער אונטער אַ פיינעם געדאַנק, באַמיט ער זיך אים צו באַטאָנען מער ווי איינמאָל, און ווען נויטיק, אים אַזוי פיל מאָל אַרומריידן און טייטשן, ביז ער איז זיכער אַז ער אַליין האָט אים גוט מסביר געווען פאַר זיך גופא און אויך פאַר דעם לייענער זיינעם.

...קונסט, לערנט אונדז יחיאל האָפער — איז בכלל רעוואָלט, און

פּאָעזיע — אַוודאי און אַוודאי... און ...מאַנגערס רעוואָלט איז פול מיט חן, ווייל דער יסוד פון זיין רעוואָלט איז אומעט, איז עלעגיע... און אַז זיין חן איז דורך און דורך יידישער חן... און איך האַלט, אַז פונקט ווי מאַנגערס חן, לויט יחיאל האָפער — ליגט אין דער אַקטיוויזירונג פון איין וואָרט זיינעם, אַזוי ליגט אויך אַן אייגנאַרטיקער חן אין האָפערס אויסטייטש פון אָט דעם חן ביי מאַנגערן.

די דריטע טעזע — בענקשאַפט, ווערט פון יחיאל האָפער אַרויס־געהויבן ווי אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר ...אין בענקשאַפט צו באַשאַפונג... ווייל ...פאַר דעם קינסטלער, און דאָס איז גילטיק אין אַלע פאָרמען פון קונסט — איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן פון בענקשאַפט באַשאַפן צו ווערן...

און פונקט ווי אַרום דער פריערדיקער טעזיס זיינעם — חן, בליצט ער אויך דאָ מיט עסייאיסטישע המצאות אַרום דעם, אין דעם אויסלייג פון ...מאַנגערס בענקשאַפט וואָס איז אייגנטלעך: האָפענונג... און וואָס ...ער — מאַנגער — האָט דאָס נחת־טראַגנדיקע וואָרט אויפגעהויבן עד רום כל הפּאָעטישע מעלות. ער האָט — האַמערט אונדז יחיאל האָפער אַריין אין קאָפּ — דאָס דאַזיקע דעטראָניזירטע וואָרט צוריק אינטראָ־ניזירט; ער האָט צוריק אָנגעפילט דאָס וואָרט בענקשאַפט פול מיט בענקשאַפט...

האָפערן געלינגט צו באַווייזן, אַז אויב ביי מאַנגערן חזרן זיך איבער אַ סך מאָטיוון זיינע, זענען זיי ענלעך צו דעם האַרץ־קלאַפּ ביי אַ מענטשן... ווי איין קלאַפּ מאַכט נישט נאָך דעם צווייטן, נאָר ער קלאַפּט אויס דאָס לעבן, ער איז דאָס לעבן גופא...

די לעצטע און פערטע טעזע הייסט — סביבה. דאָ ווערט אַרויס־געהויבן מאַנגערס יחוס, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין דער סביבה ...פון דעם פריילעכן שניידער־מייסטער הלל מאַנגער און אַנדערע שניידער־געזעלן, פון וועלכע איציק מאַנגער האָט געירשנט דאָס פינטעלע ליד, וואָס ציט איר יניקה נאָך פון די בראָדער זינגער. דער אויספיר זיינער איז, אַז ...מאַנגער איז אַ דיכטער פון סביבה... ער זינגט פאַרן פאָלק...

פון דעם געזאָגטן און קנאַפּע אויסצוגן פון יחיאל האָפערס עסיי,

זעען מיר, אַז דער עסייאיסט האָפּער, איז ווייט פון גיין אין שפּאַן, אויף אויסגעטראָטענע וועגן און אין דעם סקאַרבאָוון נוסח פון פּראָפעסיאָנעלן ליטעראַטור־קריטיקער ביי יידן, וואָס זעט בטבע נישט ווייטער פון דער נאָז, און ער איז נאָך אַלץ פאַרפלאָנטערט אין די מעשים טובים פון אונדזערע פאַרדינסטפולע ראשונים — די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס מאַכן אים אָבער גלייכצייטיק טויב און בלינד צו דעם אויפבלי פון דער נייער צייט — דעם אָנוווקס און ביז איצטיקן המשך אונדזערן. דערמיט מיין איך צו זאָגן און באַטאָנען, אַז יחיאל האָפּער, ווי אַ סך אַנדערע געראָטענע עסייאיסטן אונדזערע — גייט זיך זיין אייגענעם וועג אין זיין עסייאיסטישער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס זיין געראָטענער עסיי „דאָס פּינטעלע ליד״, דעמאָנסטרירט אויף אַ גאָר פיינעם אופן, מיט זיין שפּראַך־עשירות און דער איבערגעלאָדנקייט פון אָריגינעלע המצאות און שעפערישער אויפּפּאַסונג פון עכטער דיכטונג, אין דער פשטות פון אַ סטיל, וואָס איז צוגענגלעך פאַר יעדן אַקטיוון און מיט־שעפערישן לייענער, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין די ליטעראַטור־ווערטן פון זיין צייט און דור, אָן די שמד־שטיק פון פוסטער גאווה און גאַרנישט זאָגנדיקער מליצה.

די תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס פון י. ראַפּאָפּאָרט

(עסייעט)

די תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס פון י. ראַפּאָפּאָרט לייענען זיך מיט דערזעלבער עקשנותדיקער איינגעהאַלטנקייט און קאַרגשאַפט פון איבער־לעבנדיקן געניוס, אַ דאַנק דער אָריגינאַליטעט פון ראַפּאָפּאָרטס המצאות — ווי עס לייענט זיך דער תנ״ך גופא.

און נעמען נעמט זיך עס דערפון, וואָס דער מחבר, דער זעלטן עכטער, קרעאַטיווער און געוויסנהאַפטער ליטעראַטור־קריטיקער י. ראַפּאָפּאָרט, האַלט דיך געשפּאַנט און צוגעשמידט צו דער גייסטרייכקייט פון זיין געראָטענעם ספר, מיט דער זעלטענער עשירות פון זיין איבערלעבונג, אין דעם לבוש פון אַ סטיל, וואָס פאַרכאַפּט מיט דער בליציקייט פון זיין מחשבה און דעם פּאַטאָס פון זיינע פּלאַמיקע עמאָציעס, וואָס זענען טיף פאַרוואָרצלט אין ז י י ן אינטויציע, פאַר׳כפלט מיט ד ע ר שפּירעוו־דיקייט פון ז י י ן חכמה, צו קאָנען פאַרוואַנדלען אַ פאַרפּלאָנטערטן ענין א י ן דעם אויסלייג פון קלאָרקייט, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

אויף וועלכן קאַפּיטל פון זיינע תנ״ך־אימפּראָוויזאַציע־עסייען דיין בליק זאָל נישט פאַלן, ציטערט־אויף דיין האַרץ מיט גאַפונג און מיט שטוינונג, אויף דעם קאָכעדיקן אויפברויז פון זיין פאַרטיפונג אין ד ע ם עפּאָס פון דעם תנ״ך, וואָס ווירקט אויף דיר מיט דעם שעפערישן כוח פון זיין שפּראַך־עשירות, וואָס ליכטיקט זיך אַריין אין דיר מיט דער פשטות פון קלאָרקייט, אָן דעם שאַבלאָן פון רעטאָריק.

ווי אַ געניטער טויכער שווימט ער אַרום אין דעם ים התנ״ך, און מיט די געבענטשטע מיטלען און טאַלאַנט פון זיין כוח הדיבור, פּערלט עס פון אים אַרויס די פאַרבאָרגנסטע אוצרות פון ז י י ן עפּאָס, וואָס גיבן זיך דיר איבער מיט דעם רייץ פון זייערע אייביקע ווערטן, אין דעם אָנגעזיכט פון אַמאָליקע געשעענישן, אין דעם לבוש פון ענלעכע, היינט־

צייטיקע איבערלעבונגען, אין דער מענטאַליטעט פון אַ מענטשן פון אונדזער צייט אין אונדזער דור.

די תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס פון י. ראַפּאָפּאָרט פּיבערן גלייכצייטיק אויך מיט אַ באַשטימטער געוואַגטקייט מצד דעם מחבר, אַ כאַראַקטעריס־טישע אייגנשאַפט פון זיין ליטעראַטור־קריטיק — וואָס, אין דער אומ־אויפהערלעכער יערונג פון זיין באַגייסטערונג פאַר די גרויס־עטישע און אוניווערסאַלע ווערטן פון אונדזער תנ״ך, האָט ער אויך דעם מוט אָפּצופרעגן און אָפּצוּוואַרפן אַ סך שטעלן אין תנ״ך, וואָס זעען אים אויס צו זיין דאָרנדיק און איבעריק — נישט עכט — און וואָס פּאַסן זיך אַבסאָלוט נישט אַריין אין דער סכעמע פון דעם פלאַמיקן אמת פון נבואה, וואָס מוז אומבאַדינגט זיין עכט אין דעם עצם פון איר איבערלעבונג.

אַ יידיש שטעטל אין אַ נייעם לבוש

(יעקב זיפּער: „צווישן טייכן און וואַסערן״)

ווען דער עסטעטישער אויסזען און צוזאַמענשטעל פון אַ יידישן ספר פּאַלט צוזאַמען מיט אַ טרעפלעכן און גוט אויסגעפּירטן תוכן, איז פּשוט אַ פאַרגעניגן זיך מיט אים צו באַהעפטן, אים לייענען און פון אים הנאה האָבן.

דער נייסטער בוך „צווישן טייכן און וואַסערן״ פון יעקב זיפּער, מאַכט באַלד אַזאַ איינדרוק.

דו קאָנסט זיך פּשוט זאַט נישט אָנקוקן אויף אים.

דו ווילסט אים פּשוט פון דיין בליק און האַנט נישט אַרויסלאָזן.

צוליב דעם אָבער וואָס ביים לייענען אַ בוך אַפילו, געדענקט זיך מיר די הזהרה פון אונדזערע חז״ל: אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו, וועל איך דאָ גלייך אַוועקשטעלן אַ פּונקט און שוין איבערגיין צו דעם תוכן, געבוי און פאַרנעם פון זיפּערס זייער געראָטענעם ווערק, וואָס פאַרכאַפּט דיך ממש מיט זיין אַנדערשדיקן צוגאַנג צו זיין טעמאַטיק — אַ יידיש שטעטל, אין גאָר אַ נייעם לבוש.

די זיבן „בריקן״ זיינע, דער ערשטער אָפּטייל פון זיין וווּנדערלעכן ספר — מאַכן דאָ דעם איינדרוק, ווי אַ בעלעטריסטיש־מיסטישער אַריינפיר צו דער מעשה פון זיין יידיש שטעטל אין „קליין־פּוילן״ פון אַמאָל, וואָס ער האָט דאָ פאַראייביקט לדורות.

שוין די ערשטע מעשה זיינע — „די לאַנגע בריק״, קוועלט־אויף מיט דעם חלום פון אחרית הימים, אין דעם געמיט פון אַ פאַרצייטיק היימישער און גוטער באָבע, וואָס באַלעבט די זעונג פון משיח פאַר יידישע קינדער, אין דעם פּרימיטיוון און דאָך געלייטערטן סטיל פון אַ כמו חומש־מעשה, אין דער פאַרזיכערונג, אַז זי — „די לאַנגע בריק״ — ...וועט מיט אונדז איניינעם דערלעבן משיחן צו פירן אויף זיך...

זיפּערס „בריקן״ האַלטן דיך געשפּאַנט מיט דעם צויבער פון לעגענדע, פאַרוועבט אין אַ סטיל פון חידושים, אין דער פּשטות פון אַ שפּראַך

וואָס גיט זיך דיר איבער אָן דער מינדסטער באַמיונג פון דיין זייט, זיי צו באַנעמען און דער עיקרשט פון זיי הנאה צו האָבן.

„דאָס קורצע בריקל" זיינס אָטעמט אויך מיט דער מיסטעריע פון אַ מסורה ...אַז בלויז פון אויבנאויף איז עס אַ בריקל... אין דער אמתן איז עס גאָר עפּעס אַנדערש...

און אָט די אַנדערשקייט, האַלט דיך געשפּאַנט און רופט ביי דיר אַרויס די אילוזיע און די איבערלעבונג פון דעם שוין איצט באַלד פאַר־געסענעם טראַגישן אַמאָל, ווייל דאָ איז שוין טאַקע אויך פאַרוויקלט דער אַקטועלער און דורכאויס טראַגישער אומקום פון צוויי יונגע לעבנס: דער בראַוועס טאַכטער און דעם מילנערס זון ...ווייל דער טאַטע האָט... געשטערט...

דאָ קומט אויך צום אויסדרוק דער נייגער און די בענקעניש נאָך ביאת המשיח, וואָס ...ער וועט קומען פון יענער זייט ...אַריינרייטן אין שטעטל, און גאַנץ קהל... וועלן אים אַנטקעגן לויפן...

אין אָט דער מעשה זיפּערס, האַלט זיך אויף די תמימות פון דורות יידיש לעבן, וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוועכט, און קריגט ביי אים אַ נייעם תיקון, ווי געזאָגט — אין דעם לבוש פון אַן אייגנאַרטיקייט וואָס איז אים אַליין אייגן.

די מחיצה צווישן דעם לעבן פון גוים און יידן אין אַמאָליקן „קליין־פוילן", טאָגט־אויף אין בולטע קאָלירן אין דער מעשה „די אַלטע בריק".

זיפּער דעקט בהדרגהדיק אויף די ליכט־און־שאָטן־זייטן פון זיין שטעטל, מיט אַ מערקווירדיקער קלאָרקייט.

אַזוי, למשל, טיילט זיך אויס פייגע לאה די משוגענע, אין זיין „פּאַשע־בריקל". אפילו זי, די משוגענע — געדענקט אין איר משוגעת צו חלומען און זינגען:

שלאָפט ניט יידן
שלאָפט ניט טרייע,
מ׳קאָן אים נאָך פאַרזאַמען —
גייט אַנטקעגן משיחן
אַלע צוזאַמען.

פון דעם איז צו זען, אַז די משיח־אידייע איז דאָ נישט קיין צופעליקע, נאָר אַ גוט־דורכגעטראַכטע און אויסגעפּיבערט אויף דער פאַן און דער מענטאַליטעט פון אַמאָליק יידיש לעבן, וואָס האָט קאָנטיק נישט קיין אָנהויב און אויך נישט קיין סוף...

דערביי איז וויכטיק צו באַטאָנען דעם סוף פון דעם פּאַשע־בריקל, ווי דער סוף פון אַלע זיינע זיבן בריקן — ...די דייטשן האָבן דאָס טייכל אויסגעטריקנט, צענומען די רעשטלעך פון די בריקן און פאַרברענט צוזאַמען מיט גאַנץ קהל...

צווישן די זיבן בריקן זיפּערס איז אויך פאַראַן איין מזלד־קע בריק — די מיטלסטע.

אָט די בריק טיילט זיך אויס מיט איר באַזונדערער מיסטישער שיינקייט.

דאָ טיילט זיך אַרויס אַזאַ זעלטענע פּערזענלעכקייט מיט זיין גאָרער עניוות — ברוך דער מגיד, ...דאָס שיינדל פון הויף... מיט דער שיינקייט פון אַ תלמיד חכם, מיט ...אַ קול וואָס דרינגט אַריין אין אַ מענטשנס האַרץ... אַז דו פילסט ווי עס גלעט און וואַרעמט און רודערט גלייכצייטיק אויף... ביי זיין דערציילן ...אַ באַקאַנטע אגדה. מיט זיין מויל און גלעטנדיקן ניגון, לעבט זי אויף מיט גאָר אַ ניי לעבן און רמז...

און פונקט ווי ברוך דעם מגידס קול גלעט און וואַרעמט, אַזוי וואַרעמט אויך און עס גלעט זיפּערס אופן פון דערציילן אָט די מעשיות זיינע, וואָס גיבן זיך דיר איבער אין דער עשירות פון זיין זאַפטיקן לשון, אָן פליטערלעך און אָן געקינצלטע מיטלען פון רעטאָריק.

פון אָט דער בריק באַגלייט מען דעם מגיד אויף זיינע ווייטע נסיעות. און פון זיינע רייד פילט מען אַרויס ...אַז ער באַשאַפט פאַר דיר אַ נייעם הימל און אַ נייע בענקשאַפט אויף דער ערד...

ביים לייענען אָט די מעשיות האָסטו טאַקע די אילוזיע, אַז עס פלאַטערט איבער דיר אַ נייער הימל און דו ווערסט באַזעלט פון בענק־שאַפטן, זעלטענע און נייע.

דאָ פילסטו ...בחוש — ביסט אינמיטן פון גרויס געשען...

אַהער דערטראָגן זיך מעשיות פון די גרויסע שטעט, וואָס רעדן צו

די געמיטער פון דער יוגנט מיט אַ תשוקה עפּעס צו טאָן ...אַרויסרייסן זיך פון דעם העק...

דער אָנהויב פון טאָגן — דער אַמאָליקער איבערברוך פון שטעטלשן שטייגער־לעבן.

דער מגיד אַליין חלומט דאָך פון ...אַן אַנדערן דרך, ווי צו ברענגען דעם עולם צו נייע פּירונגען און דאָך נישט פאַרלירן דעם עיקר...

און דער האַלב־צעדרייטער ביינישל, וואָס טענהט צו דעם מגיד: „ס'איז אַ רחמנות אויף דיר, דו גלויבסט און האָסט מורא פאַר דעם אין וואָס דו גלויבסט", סימבאָליזירט מיט זיך דעם מגידס געוויסן, וואָס פּיבערט מיט פאַרוואָרף: ...ווילסט דערהאַלטן די שאָל און צעברעכסט זי מיט די אייגענע הענט... — דעקט אויף די ספקות פון דעם מגיד אויף דעם אוממיטלבאַרסטן אופן, אין דעם כאַראַקטעריסטישן סטיל און אופן פון יעקב זיפּערס דערציילן אַ מעשה.

„דאָס שמאָלע בריקל", וואָס איז אין דער אמתן גאָר קיין בריקל נישט — דעקט שוין אויף גאָר אַ ניי ווינקל אין דעם אַמאָליקן לעבן פון שטעטל, וואָס פאַרבינדט, אַזוי צו זאָגן, דעם נעכטן מיט דעם היינט, אַ דאַנק דער פּוילישער שקאָלע וואָס מ'האָט אַרום אים אויפגעבויט, און אין וועלכער יידישע קינדער זענען געווען געצוווּנגען צו גיין.

דאָ ווערט געמאָלן אין בולטע קאָלירן, אַ ווייטיקדיק בילד פון די איבערלעבונגען פון יידישע קינדער אין דער אַזוי גערופענער פּוילישער שקאָלע, אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון דעם פּאַן קאַזשיק.

דעם דיין'ס טעכטערל, דבורהלע, טיילט זיך דאָ אויס מיט איר נאַטירלעכער חכמה. זי „בלייבט קיינמאָל נישט שולדיק קיין ענטפער" אויף די בייסיקע און כאַראַקטעריסטישע חוזק־אָנפאַלן מצד דעם פּוילישן פאַרוואַלטער אויף די יידישע קינדער.

„דער טאַטע, זאָל לעבן, האָט מיר געזאָגט — טענהט זי אַלעמאָל — אַז אין אונדזערע הייליקע ספרים שטייט אַנדערש..."

מיט אָט דער קינדערישער תמימות אירער, שלאָגט זי דעם דערוואַקסענעם פּאַן קאַזשיק און זי דערגרייכט מערער ווי ער מיט זיין רשעות און גאָרער שטרענגקייט.

אַ דערציילונג *

(אין שייכות מיט „דאָס אמתע בילד" פון יעקב זיפּער)

צווישן די אומצאָליקע נישט־געשריבענע געזעצן פון דער בעלעט־ריסטיק, ווי בכלל אין יעדער פאָרם פון דער וואָרט־קונסט, איז פאַראַן איין געזעץ וואָס איז חל און דאָמינירט די מענטאַליטעט פון יעדן אַחריות־פולן שריפטשטעלער מיט טאַלאַנט. און דאָס איז: דער באַוווסטזיין ווען און ווו אַוועקצושטעלן אַ פּונקט ביים שרייבן, כדי נישט אַריינ־צופאַלן אין איבערחזרונג און חלילה נישט איבערפירן די דערגרייכטע רעזולטאַטן פון זיין טעמאַטיק, וואָס מוז און זאָל זיך פאָרמירן אין הסכם מיט דעם קאַרדינאַלן פּרינציפּ: צו דערגרייכן אַ מאַקסימום אין איכות, דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ מינימום אין כמות.

אונדזער הייגצייטיקע חורבן־ליטעראַטור, וואָס באַשטייט מערסטנ־טיילס פון דאָקומענטאַלער און קולטור־היסטאָרישער כראָניק, האָט אָן יעדן ספק, פון זיך ביז איצט אויך אַרויסגעוווּנדערט אַ גענוגנדיקע צאָל בעלעטריסטישע און האַלב־בעלעטריסטישע ווערק; אַ גרויסע און רייכע צאָל פּאָעמעס, אַפילו רייפע לידער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר, ביי אַ געהעריקן אָפּקלייב, אַ קאָלאָסאַלן, קאָלעקטיוון בנין פון קינסטלערישע איכה־מאָטיוון; דערגרייכונגען, וואָס האָבן אָבער ליידער נאָך נישט דערגרייכט קיין פולן קינסטלערישן אויסדרוק.

עס טרעפט אָבער נישט זעלטן, ווען אַ טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער שלאָגט אָן אין זיינער אַן אַרבעט פון דער חורבן־טעמאַטיק, אַן אינדיווידועלן טאָן וואָס צווינגט דיך ממש צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, און טאָקע אויך אַ טראַכט טאָן אין דער הויך וועגן זיין קינסטלערישער דערגרייכונג.

יעדע דערציילונג, ווי אַ פאָרם אין דער וואָרט־און שרייב־קונסט, מוז

---

* „די גאָלדענע קייט", נומער 36.

האָבן אַן אָנהויב, מיטן און סוף, און דעם לבוש פון אַ שפּראַך וואָס מוז זיין קלאָר און פאַרשטענדלעך פאַר דעם וואָס לייענט איר, באַלד, נאָך דעם ווי זי גייט איבער פון דעם רשות־היחיד — דעם שרייבער, אין דעם רשות הרבים — דעם כלל.

די טענדענץ פון דער ליטעראַטור אין אַלגעמיין, די דערציילונג אַריינגערעכנט — באַדאַרף, מוז און זאָל זיין, צו שטיין אויף אַ באַשטימטער עטישער הויך, וועמענס אוממיטלבאַרע אויפגאַבע באַדאַרף זיין, אַרויס־צופערלען פון דעם באַטרעפנדיקן העלד פון דער דערציילונג דאָס סאַמע בעסטע און גוטע, אויף אַ הינטערגרונט, וואָס זאָל זיין כאַראַקטעריסטיש און מוסטערהאַפט פאַר דעם מין מענטש אין אַלגעמיין, אין זיין שטרע־בונג צו אַ לעבן פון יושר, אין דעם פאַרהעלטנישמעסיק קורצן שפּאַן פון זיין לעבן אויף דער ערד, און ער טאָר אַבסאָלוט נישט פאַרשעמען זיין באַשעפער, אין וועמענס געשטאַלט דער מענטש — דער פּרט — איז באַשאַפן.

הינטער יעדער געשריבענער אַרבעט, אין וועלכער פאָרם זי זאָל נישט זיין געשריבן — מוז פונקציאָנירן די פּערזענלעכקייט פון אַ שעפע־רישן שריפטשטעלער מיט וויזיע און פאַרנעם, וואָס מאָדולירט זיין פּערסאָ־נאַזש און דאָמינירט די אַקציע אין דעם באַטרעפנדיקן ווערק זיינעם אין דעם ליכט פון זיין וועלט־באַנעם, אויף אַ הינטערגרונט פון שיינקייט און מעשים טובים. דער באַטרעפנדיקער שרייבער מוז און באַדאַרף קענען פאַרפנימען דעם כאַראַקטער פון דעם העלד פון זיין דערציילונג, צו אַזאַ גראַד, אַז ער זאָל אָטעמען מיט דעם לעבן פון אַ מענטשן וואָס באַדאַרף זיין נישט נאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר די מיטמענטשן פון זיין צייט און זיין דור, נאָר ער מוז אויך אומבאַדינגט אין אים אַריינצוויבערן דעם פּערל פון אַן אייביקן ווערט אין דער ליטעראַטור, וואָס אידענטיפיצירט זיך אין ווערק וואָס זענען דויערהאַפטיק און אָנרעגנדיק גענוג מיט זיי זיך צו פאַרנעמען; מ׳זאָל זיי קאָנען לייענען און הנאה האָבן פון זיי אויך אין אַ שפּעטערדיקער תקופה אין דעם וויטן עתיד, ווי מיר באַגייסטערן זיך היינט צוטאָג, למשל, מיט די ווערק פון סערוואַנטעס, טאָלסטאָי, פּרץ, ביאַליק און גאָר אַ סך אַנדערע שריפטשטעלער.

אַרויסגייענדיק פון אָט דעם שטאַנדפּונקט באַמי איך זיך דאָ, אָפּצו־שאַצן און אַנאַליזירן די דערציילונג פון י. זיפּער, א. נ. „דאָס אמתע בילד“.

י. זיפּער איז דער מחבר פון צוויי פּראָזע־ביכער, פון וועלכע זיין „געוועזן איז אַ מענטש“, מעשיות וועגן בעש״ט — טיילט זיך אויס ווי דער זעלטנסטער צושטייער צו אונדזער קינסטלערישער פּראָזע־ליטעראַטור, מיט זיין דורכאויס פּאָעטיש־קינסטלערישער שיינקייט, וואָס איז אַבסאָלוט וואַגיק מיט זיין דויערהאַפטן, אייביקן ווערט, און איז איצט, אַ דאַנק דעם צווייהונדערט־יאָריקן יאָרצייט פון בעש״ט, אַבסאָלוט אַקטועל. דאָ איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אַז זיפּער האָט אַליין מייסטערהאַפט איבערזעצט זיינע בעש״ט־מעשיות אויף עברית, וואָס איז פּאַרעפּנטלעכט געוואָרן אין בוך־פאָרם, אין ישראל.

„דאָס אמתע בילד איז אַ דערציילונג געשריבן אויף דער פּאַן פון יידישער טראַגיק. די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ שטעטל אין פּוילן, וואָס בשעת עס איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט אין דער צייט פון בהלה, האָט דער זעלטענער גלח קוזניצקי זיך צוריקגעצויגן אין זיינע דלת אמות און ...געגלאָצט מיט גלאָזיקע אויגן אויף דער יעזוס־סטאַטוע...

די טענדענץ פון דער דערציילונג איז, אַרויסצוברענגען דאָס מסירת נפש און גרויס־מענטשלעכקייט פון דעם גלח קוזניצקי (אין דעם ליכט פון מאַרטירערשאַפט), וואָס האָט נאָך ווי אַ סטודענט אין סעמינאַר ...נישט געקאָנט פאַרטראָגן די לערערס, וועלכע האָבן פאַרגעשטעלט יעזוסן ווי אַ נעבעכל...

ער האָט גאָר געבענקט נאָך אַ דערלייזער, אַ שטאָלצן, וואָס גיט זיך נישט אונטער! זייענדיק באַנומען פון ספקות, האָט ער אַלעמאָל געמיינט, אַז דעם ...סוד פון גאָטס־מענטש, אַ דערלייזער — פאַרשטייט מען אינגאַנצן פאַלש...

ער פרייט זיך מיט דער סטאַטוע פון יעזוסן, וואָס ער האָט געקראָגן ווי אַ מתנה — און ער טרייסט זיך דערמיט, וואָס ...דאָס נייע יעזוס־בילד האָט ער געהאַלטן פאַר אַ גוטן אָנהויב און אַז שפּעטער וועט מען

אינגאַנצן פאַרווישן די בלוט־פלעקן... אַז נישט, וועט מען זיי מאָלן אַזוי, אַז פון די טראָפּנס וועט אויפגיין אַזאַ שיין פון שטאַרקייט, אַז יעדער טראָפּן וועט בכוח זיין אויפצוטרייסלען אַ וועלט...

אים האָט זיך דורכאויס געוואָלט זען אַן אַגרעסיוון און קרעפטיקן יעזוס, וועמענס ווערטער, ווי ...אַקאָרדן אַזעלכע דינע... שנירלען זיך ווייט אַוועק, און זיי פאַרנעמען די ווייטסטע ווייטן...

די פאַנטאַזיע זיינע מאָלט אים אויסטערלישע בילדער פון אַפּאָקאַ־ליפּסיס. אָבער, ווי נאָר ער פאַרמאַכט די אויגן, דערזעט ער „דאָס אמתע בילד״ און ער רופט אויס: ...ס׳איז יעסוס. יאָ, ער אַליין, אָדער — גאָר חיים דוד שניידער פון דער גאַרבאַרניע־גאַס... וועמען ער האָט געזען פאַרפייניקט ווערן פון די באַלאַכאָווצעס...

זיפער מאָלט דאָ אַ רעאַליסטיש בילד אין בולטע קאָלירן, ווען דאָס שטעטל איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, מיט אַלע שרעקן און שוידער פון אַ פּאָגראָם. קוזניצקי אָבער אַליין, טיילט זיך דאָ אויס ווי אַ זעלטענער טיפּ פון די גאָר ווינציקע חסידי אומות העולם, וואָס גייט דאָ אַרום אין דער הייליקער סוטאַנע און בעט אין יעזוסעס נאָמען ביי די צעווילדעוועטע סאָלדאַטן, נישט צו מאָרדן. די כוליגאַנעס לאַכן פון אים, נעמען ביי אים צו דעם צלם און ברעכן אים נאָך אַן דערביי די ביינער.

אַצינד זעט ער שוין קלאָר חיים דוד שניידער אַ צעבלוטיקטן, נישט יעזוס, אַ געבויגענער, אַ דערשלאָגענער — נאָר פון יעדן קנייטש זיינעם שפּאַרט אַרויס ...אַ מאָדנע זיכערקייט און איינגעשפּאַרטקייט... און פון ...אינעווייניק האָט אַרויסגעהילכט אַן אַנדער שפּרוך, אָט דער שפּרוך וואָס ער האָט געהערט אַ גאַנצע נאַכט אַרומלויפנדיק איבער די יידישע גאַסן: שמע ישראל ד׳ אלוהינו, ד׳ אחד...

דער קלאַפּ אין טיר רירט אים נישט. ער וויל נישט אַרויסגיין אויף דער גאַס. ער קאָן די וועלט אין פּנים נישט קוקן. ער קאָן ביי זיך אַפילו נישט פועלן אויפצוהויבן דעם צלם און בענטשן זיי — די עדה אין קלויסטער, נאָך דעם ווי ער האָט געזען וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס.

אין דעם גאַנצן קאָשמאַר פון זיינע איבערלעבונגען, שפּאַרט פאַר אים אַרויס אַ מאָדנע זיכערקייט פון אַלע שפּאַלטן: מיר וועלן אַלץ איבערקומען. ער זעט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ צווישן די דעכער. איין אויג — קוים געעפנט. ער קוקט אַריבער אַלץ און ער פרעגט — צו וועמען? וווהין?

דערבאַרעם זיך, פאָטערל, מ׳וויל אונדז אַלעמען אויסקוילן...

ער כאַפּט די סטאַטוע, לויפט אַרויס אין גאַס מיט די דריי יידן וואָס שלעפן זיך אים נאָך און דערציילן, אַז די לעגיאָנערן האָבן צענויפ־געטריבן דאָס גאַנצע שטעטל יידן אין מיטן מאַרק און ווילן אַלעמען צעשיסן.

אַרום דעם קליינעם קלויסטערל איז זיי אַנטקעגנגעקומען דער משוגענער פאַן סקזשינסקי, האַלטנדיק אַ צעבראָכענעם פידל אין איין האַנט און אין דער אַנדערער — אַ בילד פון דער הייליקער מאַריע.

— פאַניע קאָכאַני, — רופט ער אויס — דו גייסט אויך אַהין? — און ער באַטאָנט: — מיט די געפייניקטע איז גאָט...

אים באַמבלען זיך אין קאָפּ די רייד פון דעם בישאָף: „דאָס אמתע בילד" איז פאַרהוילן, ווער ס׳איז זוכה, זעט דאָס ריכטיקע געשטאַלט.

ער דערקענט דעם משוגענעם סקזשינסקי, וואָס ...דרימפּלט אויס, מיט אַן אייגענעם ניגון, פּסוקים פון מיצקעוויטשעס „דזשאַדי" און אויך פון אונדזער תהלים...

דער משוגענער אַנטפּלעקט זיך דאָ אין זיפערס צימצומדיקן געמעל, ווי אַ מענטש אַ קלאָרער, וואָס באַטאָנט: ...כ׳האָב געמיינט אַז דו ווייסט ווען דער טאָג פון משפּט קומט...

די באַגעגעניש מיט דעם משוגענעם און זיינע אָפּגעהאַקטע רייד, וועקן אין גלח אַ חשק אים ווידער צו פרעגן. ער פאַרגעסט אַז ער איז אַ משוגענער און ער פרעגט אים — וואָס וועט זיין אַז מ׳וועט קלינגען אין די גלעקער? — דער ענטפער איז: — די טייוולאָנים פאַרפייניקן די הייליקע קינדער... די ערד איז ווידער פאַרגאָסן מיט בלוט... דאַרפן קלינגען די גלעקער. דער טאָג פון שאַנד איז אָנגעקומען!

אַזוי ווערט אָפּגעשאַצט די פּאָגראָם־סיטואַציע אין די רייד פון קלאָמפּערשט משוגענעם פּאַן.

דער גלח וואָס איז אַליין כמעט פון זינען געריררט און צעוויטיקט פון דער פּאָגראָם־איבערלעבונג, גייט נאָך. אים קלינגט נאָך אַלץ אין די אויערן דער זאָג פון דעם בישאָף: — ווער ס׳איז זוכה, דער זעט דאָס אמתע בילד.

דער מאַרק איז איבערגעפּולט מיט צעשראָקענע און פאַרפּייניקטע יידן, מענער, פרויען און קינדער. אין דעם ליאַרעם נישטערט דער גלח מיט די אויגן און ער זעט: צעקרימטע פּנימער, פאַרגאָסענע מיט בלוט, פון דער עדה יידן. ער ציטערט. אין מוח שלאָגט מיט האַמערס. ער שרייט. ער רעוועט: מענטשן, וואָס טוט איר? ער זעט מער גאָרנישט. לעגיאָנערן קוקן בלויז אויף דער משונהדיקער סטאַטוע מיט טעמפּקייט. פּלוצים דערהערט ער: — אַ טויט די שונאים פון פּוילן:

עס דערהערט זיך אַ קלינגען פון גלעקער, דער גלח לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני און שלוכצט הויך: אַזוי פיל קין׳ס, יעזוס ליבער. זע נאָר ווער עס טראָגט דעם צלם דיינעם!

און צו די יידן: ...פאַר אייך, ברידער, געפּייניקטע, קלינגען די גלעקער איצט. נעמט מיך צווישן אייך, מיט אייך איז דער האַר, איר זענט אייביק...

ער האָט זיך געבויגן און פאַרנייגט פאַר זיי, ווי פאַר אַ הייליק בילד.

עס שאַפט זיך אַן עפּענונג און דער גלח ווערט אַריינגענומען אין מיטן.

— זאָל אייך דער האַר באַצאָלן — האָט ער אַ מאָדנעם צאַפּל געטאָן.

— טויט די שונאים פון קריסטוס! — רעוועט אַ קול.

— פריער הרגעט מיך מיט אים! — שטרעקט דער גלח די קריסטוס־סטאַטוע אַנטקעגן דעם אָנגעלויף.

ער ווערט אומגעוואָרפן פון אַ בלאַנק פון אַ שווערד אויף דער ערד. און זיפער פאַרענדיקט זיין דערציילונג אַזוי:

...אַ צעטראַמפּלטער אין דער גלח קוזניצקי געלעגן אין מיטן מאַרק

צווישן אַלע הרוגים; איין אויג האַלב אָפן און פאַרטרערט. דאָס אַנדערע — פאַרקלעפּט מיט פערד־שמוץ. און לעבן אים — די קריסטוס־סטאַטוע, וואָס האָט געבלישטשעט אַנטקעגן דער זון פון אַ קאַלוזשע בלוט אַרויס...

דער קינסטלערישער ווערט פון דער פאַרכאַפּנדיקער דערציילונג ליגט אין דער אויפפאַסונג פון דעם פּאַגראָם־מאָטיוו אין אונדזער פּראָזע, אין זיפּערס אַנדערשדיקן צוגאַנג צו דעם פּראָבלעם, אָן ביאַליקס מוסר און אָן שאַפּיראָס קללה.

צו זיפּערס שבח איז דאָ ווערט זיך אָפּצושטעלן אויך אויף דעם, וואָס עס איז אין זיין דערציילונג נישט בנמצא. איך האָב דאָ אינזינען די צעשוומענקייט פון קללות, וואָס באַהערשן און דאָמינירן אין די פּראָזע־ווערק פון אונדזער הייַנטצייטיקער חורבן־ליטעראַטור. מיין איינדרוק איז, אַז ער האָט אָן דעם אַנגעשלאָגן אַ העכערן טאָן און אָן יעדן ספק, צוליב דעם טאַקע מער דערגרייכט.

זיפּערס שפּראַך איז אַ זויבערע און קלאָרע. ביי אים איז נישט שייך קיין געפליגלטע רעטאָריק, וואָס איז איבעריק אין יעדן קונסט־ווערק. צוליב דעם אַליין דערגרייכט ער זייער אַ סך, און אַ דאַנק דער פּשטות פון זיין שפּראַך־עשירות איז זיין דערציילונג צוגענגלעך פאַר יעדן איינעם אָן אויסנאַם.

דער סטיל זיינער איז געצוימט און געלייטערט, צימצומדיק פאַר־שפּיצט, אָן דער פּגימה פון איבעריקע רייד, וואָס פאַרפירן נישט זעלטן אַ פּראָזע־שרייבער און פירן אים אַראָפּ פון דעם אָנגעצייכנטן דרך המלך פון אַ קינסטלער, פירן איבער און מאַכן קאַליע דעם אָנגעשלאָגענעם טאָן און אויפזינג פון זיין ווערק.

דער הויפּט־העלד פון דער דערציילונג, דער גלח קוזניצקי, פּיבערט ממש מיט דער דינאַמיק פון אַ פּערזענלעכקייט, וואָס ווייטיקט דער עיקרשט אויף דעם גורל פון אַנדערע — די יידן — און בעט אין יעזוסעס נאָמען: „נישט צו מאָרדן".

דער יידישער „לא תרצח" אין דעם מויל פון אַ גלח, באַקומט דאָ אַ נייעם זין און גאָר אַ זעלטענעם תיקון.

אויף דעם אוממיטלבאַרסטן אופן ליכטיקט אויף אין זיין מחשבה, די עקשנותדיקע זיכערקייט פון די פאַרפייניקטע און פאַגראַמירטע יידן: מיר וועלן אַלץ איבערקומען... און בשעת איין צעבלוטיקט אויג קוקט אין דער מהומה צו אים אַריבער און פרעגט: צו וועמען? וווהין? — איז דער ענטפער אָן ווערטער, נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך: מ י ט ד י יידן!

זיין געוויסנהאַפטער איינשטעל באַקומט זיך אין דעם קורצסטן איפגעשריי זיינעם: — מענטשן, וואָס טוט איר?

און ביים אויפקלינג פון די גלעקער דערזעט ער אַזוי פיל קין׳ס מיטאַמאָל, אַז אין איין הרף־עין שלאָגט ער אָט דעם טאָן פון זיין עכטסטער איבערלעבונג:

— נעמט מיך צווישן אייך, מיט אייך איז דער האַר, איר זייט אייביק. פריער הרגעט מיך מיט אים!

דער ביי־טיפּ פון זיפערס דערציילונג, דער משוגענער סקזשינסקי מיט דעם צעבראָכענעם פידל, טיילט זיך אויס מיט זיין באַזונדערער איידלקייט; אונטער דעם אויסרייד פון כלומרשטער צעדרייטקייט, איז ער קלאָר געגוג זיך נאָכצופרעגן אויף דעם ...טאָג פון משפט... און פאַטעטיש אויסרופן:

— דער טאָג פון שאַנד איז אָנגעקומען.

אַזוי האָט י. זיפער פאַראייביקט און פאַרהייליקט דעם גלח קוזניצקי אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך פריוויליק אַריינגעבלוטיקט אין דער קרוין פון אונדזער מאַרטירערשאַפט און וועט אייביק לעבן אין דער געדעכעניש פון אונדזער קינסטלערישער פראָזע, אַ דאַנק דער קאָרעקטקייט פון דעם מחבר וואָס ווייסט, ווען און ווו אַוועקצושטעלן אַ פונקט, פאַרבינדן דעם אָנהויב מיט דעם סוף דורך דעם סינטעז פון אַ מיטן, און בכלל אַריינפּאַסן דעם סיפור המעשה אין אַ ראַם פון פשטות, וואָס ווירקט אויף דעם לייענער מיט דער עכטקייט פון זיין איבערלעבונג.

די דערציילונג

(„אין די הויכע פענצער״ פון אליעזר בלום)

אַ דערציילונג וואָס איז ווערט אָנגערופן צו ווערן דערציילונג, מוז אָפּערירן מיט די האַנדלונגען פון אירע העלדן און טיפן, אין דעם אויסלייג פון דער באַשאַפענער סביבה פון דעם דערציילער, אין דעם לבוש פון אַ סטיל און אַ לשון וואָס מוז זיין עכט און אַרויסרופן צו זיך דעם נויטיקן אינטערעס, צו וועלן איר לייענען אין איר פולער גאַנצקייט, פון דעם אָנהויב ביז צום סוף.

אליעזר בלום וואָס האָט אָנגעהויבן ווי אַ פּאָעט, שפּעטער איבער־געגאַנגען צו שרייבן עסייען, און די לעצטע יאָרן זיך גאָר אַ סך אָפּגע־געבן מיט בעלעטריסטיק, איז ביי אונדז געוואָרן גאָר אַן אינטערעסאַנטער דערציילער.

ער באַהערשט די אַלע פאָרמען פון שרייבן צו אַזאַ גראַד, מאָס און הויך, אַז ער קאָן, ווען ער וויל — זיי באַוווסטזיניק קאָמבינירן און דערפירן צו דער האַרמאָניע פון איין אַרבעט, אונטער דעם שוץ פון איין דאַך, לאָמיר זאָגן לשם ביישפּיל — אַ דערציילונג.

צוליב דעם איז זיינע אַ דערציילונג אין זיך אָפּט כולל עלעמענטן פון די אַלע דריי דערמאָנטע פאָרמען פון זיין שרייבן.

זיין דערציילונג א. נ. „אין די הויכע פענצטער״, זעט מיר אויס צו זיין ווי אַ מטבע, וואָס מוז האָבן און האָט — צוויי זייטן, כאָטש די פאָרם זיינע איז דאָ אַ דורכויס איינהייטלעכע — אַ בעלעטריסטישע.

דער מחבר האָט דאָ אויף אַ קלוגן אופן באַשאַפן, מיט דער הילף פון דעם אָנוועגנד פון אַ גאָר איידעלן סאַטירישן אָנהויך, אַ דערציילונג פון אַ דואַליסטישן כאַראַקטער.

דער ערשטער טייל פון דער דערציילונג, פיבערט און בליצט, מיט היינטצייטיקע מחשבות. איך זאָג: היינטצייטיקע און נישט מאָדערנע, ווייל דער באַגריף מאָדערניזם, אין זיין אָנווענד אין שייכות מיט ליטע־ראַטור־ווערטן, האָט זיך ביי אונדז אויסגעליידיקט פון יעדן ווערטפולן

אינהאַלט און ער דינט בלויז ווי אַ שם המפורש, שוץ און פאַלשער אויסרייד, פאַר פסעוודאָ־דיכטער, שרייבער־גראַפאָמאַנען, וואָס באַמיען זיך אַריינצורייסן אין דער ליטעראַטור, אונטער אַלע אומשטענדן.

דער מחבר אליעזר בלום, וואָס אָפּערירט, ווי געזאָגט, מיט היינט־צייטיקע מחשבות, ווי אַ שריפטשטעלער מיט באַשטימטע נייגונגען און אויסגעשפּראָכענע אָנשויונגען, קומען דאָ צום אויסדרוק דורך דעם מויל פון דעם העלד פון זיין דערציילונג „נעט", וואָס רעאַגירט כלומרשט תמעוואַטע אויף היינטצייטיקע פּראָבלעמען. לפנים אָבער — ווי אַ פּשוטער אַרבעטער, ווי אַן עלעווייטאָר־מאַן אויף דעם קעמפּוס פון אַן אַמעריקאַנער אוניווערזיטעט, כאָטש זיין ...פּראַקטישע צוגרייטונג פאַר זיין פּאָזיציע... איז גאָר פאַרגעקומען אויף אַ קאַלטער, שטיינערנער באַנק... אונטער דעם פרייען הימל.

אליעזר בלומס העלד פון זיין דערציילונג „נעט", ווייסט שוין פונדעסטוועגן, אַז — ...היינט, מאָרגן, וועט דער מענטש זיך אַראָפּגאָפּלען פון דער ערד און זיך אַרויסלאָזן אויף עקספּעדיציעס צו דער לבנה, די שטערן, דעם מילכוועג... אפשר קריגן סיגנאַלן פון מענטשן אין ווייטע, אומבאַקאַנטע הימלישע וועלטקייטן... כאָטש דער אמת איז, דערציילט אונדז דער מחבר — אַז ...ס'איינציקע הימלישע וואונדער, וואָס נעט האָט אַמאָל געזען ,איז געווען אַ ליקוי חמה...

דערמיט אייגנטלעך, גיט דער מחבר זיך גופא אַרויס, ווי דער טרעגער פון זיין העלדס מחשבות. עס שטערט אים אָבער גלייכצייטיק אויך נישט, אַריינצוחלומען אויף אַן איראָנישן אופן אין נעטס מחשבה... ידיעות וועגן דעם מהלך פון דאַנען אַהין — די אומענדלעכע דיסטאַנצן אין דעם אוניווערס, וואָס דאָס איז אין ווידערשפּרוך צו דער גאַנצער מענטאַליטעט פון זיין העלד — און דערביי פילן ...אַז מיר זענען נישט אַליין... אַז עס איז דאָ ערגעץ נאָך אַ וועלט — און נישט ווי יענע־וועלט... די געשטאָרבענע, נאָר טאַקע וועלטן מיט לעבעדיקע מענטשן...

דער העלד זיינער, נעט — פרעגט אַליין און ער ענטפערט אויך אַליין:

— מיט וואָס וואָלט עס געזײַען אַזוי גוט, נעט?

— ס'וואָלט געווען הימלעכער, ענטפערט ער זיך אַליין — מיר וואָלטן געוווּסט, אַז מיר זענען נישט אַליין. דער גאַנצער טראָבל, — באַטאָנט נעט־בלום — נעמט זיך דערפון, וואָס מיר זענען אַליין...

נעט האָט פונדעסטוועגן קיינמאָל ...נישט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק... פון די טומלדיקע דיסקוסיעס וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון די פּראָפעסאָרן און סטודענטן, וואָס זיי האָבן אַלעמאָל געפירט אין דעם עלעווייטאָר. דערמיט באַשטעטיקט זיך ווידער און אויפסניי, אַז די פריער־דיקע טיפע רעיונות זיינע, געהערן נישט אים, נאָר דעם מחבר גופא וואָס האָט פון אים ביז איצט אַרויסגערעדט, כאָטש דער העלד זיינער האָט זיך צוגעהערט צו אַלץ ...מיט קאָפּ, געהערט מיט שוויס אויפן שטערן... צו זיך אַליין אָבער זאָגט ער, אויך איראָניש — „דאָנט בי עי פול" — דער דזשאָב פון אַן עלעווייטאָר־מאַן איז אַ שפּילעכל אין פאַר־גלייך מיט דעם דזשאָב פון אַ סטודענט, ווער שמועסט אין אונדזער צייט, ווען דער היינט און די זיכערקייט פון אונדזער מאָרגן ...הענגט אויף דער וואָגשאָל פון אַטאָמישע וויסנשאַפטן... וואָס זענען אים, דעם העלד פון דער דערציילונג, סתם נישט אייגן, לגמרי פרעמד און אומבאַקאַנט.

און דאָ טאַקע קומט פאָר אַן איבערברוך אין דעם גאַנג פון דער דערציילונג, אָנגערעגט פון אַ שמועס אַזאַ, אַהינטער דער פּלייצע פון נעט דעם עלעווייטאָר־מאַן, צווישן אַ פּראָפעסאָר און זיינע יונגטלעכע סטודענטן. נעט הערט זיך צו, בשעת יענער דעקלאַרירט: — די שטודיר־נדיקע יוגנט דאַרף זיין ביי זיך באַוווּסט, אַז מיר זענען די טרעגער פון דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, אומצוקערן דעם מענטש צום מענטש, וואָס ער זאָל עווענטועל זיין גרייט פאַר דעם טעסט, דעם אַזוי צו זאָגן אינטעלעקטועלן ווידערשטאַנד, אין אַ פאַרמעסט מיט מעגלעכע מענטשן פון אַ ווייטער, קאָסמישער ציוויליזאַציע...

די מחשבה וואָס דאָמינירט געוויינלעך די מענטאַליטעט פון דעם מחבר אליעזר בלום, וואָס איז ווי געזאָגט, אויך אַ טאַלאַנטירטער עסייאיסט רייסט זיך דאָ אַריין אין דעם גדר פון אליעזר בלום דעם בעלעטריסט, און

באַהערשט דאָ טיילווייז, די טעמאַטיק פון זיין דערציילונג, וואָס פאַרנעמט זיך באַלד מיט דעם רעאַליסטישן טייל פון דעם סיפור המעשה, אין וועלכן ער פאַרבינדט דעם אָנהויב מיט דעם סוף.

דער אָנטווישטער העלד, נעט, — איך וואָלט געזאָגט: אָט דער נעט, וואָס איז מער נאַטירלעך אין זיין גאָר פשוטקייט, ווי אין דער ראָל פון אַן אינטעלעקטואַל, ווי ער קומט דאָ אַרויס אין דעם ערשטן טייל פון דער דערציילונג — ווערט דאָ אויף אַ נאַטירלעכן אופן צונויפגעפירט מיט אַ וואַש־פרוי. דער מחבר איראָניזירט אַפילו צופיל איבער דער דאָזיקער פאַרבינדונג זיינער. צו זיין קרעדיט זאָל אָבער דאָ געזאָגט ווערן, אַז עס גיט זיך אים פאַרט איין, אַ דאַנק זיין נאַטירלעכער חכמה און באַגאַבטקייט פון אַ זעלטענעם באָאָבאַכטער — צו פאַרפנימען דעם צד שכנגד — אַליס, וואָס איז „דיר נישט עליז”... עס פאַרבינדט זיך אַזוי אַרום אַ געוויינלעכער ראָמאַנס, וואָס נידערט אַרונטער דעם אַזוי צו זאָגן טיפערן און פאַרטיפטן אָנהויב פון דער דערציילונג צו אַ סך־הכל, וואָס איז לויט מיין מיינונג פלאַך, און נישט האַרמאָניש מיט דעם אָנהויב. אָבער — נישט אין דעם האַנדלט זיך. דער עיקרשט איז, אַז די דער־ציילונג זיינע האָט אַ גאָר פיינעם אָנהויב און אויך אַ סוף, אין די ראַמען פון אַ פאַרשטענדלעכן סטיל און לשון, אין הסכם מיט דעם געזאַנג פון אונדזער צייט און תקופה, ...ווען מען רעדט שוין אַפילו פון סיגנאַלן פון מענטשן אין דער אָדער יענער פון די וועלטן — אַ סברה, אַז פונקט ווי ס׳ציט אונדז אַרויף צו זיי, אַזוי ציט זיי אַראָפּ — צו אונדז.

צווישן חלום און וואָר — יידישער בטחון

(דוד פלינקער: „אַ דור וואָס ריכט אָפּ גלות — זינגט״)

די דערציילונג „אַ דור וואָס ריכט אָפּ גלות — זינגט״, פון דוד פלינקער, אין דעם יובל־העפט „היימיש״, וואָס דערשיינט אין תל־אביב, אונטער דער רעדאַקציע פון דעם זעלטן ענערגישן שריפטשטעלער משה גראָסמאַן איז דוכט מיר, איינע פון יענע זעלטענע פערל אין אונדזער היינטצייטיקער בעלעטריסטיק, וואָס פאַרדינט באמת, אַז מ׳זאָל זיך אויף איר אַרומקוקן, אָפּשטעלן זיך און וועגן איר אַ טראַכט טאָן אין דער הויך.

די דערציילונג איז אויף אַזוי פיל קאָנדענסירט אין דער אויפפאַסונג פון איר טעמאַטיק און סטיליסטישן אויסדרוק, אַז זי פאַרכאַפּט דיך ממש מ׳יט דעם צויבער און קלאָרקייט פון אַ נישט־אויסגעטראַכטן דור וואָס ריכט אָפּ גלות און — זינגט.

דער רעאַליזם וואָס באַנוגנט זיך נישט בלויז מיט דער אָבסערוואַציע פון רעאַלע פאַקטן אין לעבן און באַמיט זיך צו פאַרברידערן זיין טעמאַטיק כאָטש טיילווייז, צו אַ טרוימערישן ראָמאַנטיזם, גיט צו זיין אַרבעט דעם בלענד פון אַ חלום אויף דער וואָר, וואָס פאַריומטובט זיך צו דער אָריגינאַליטעט פון אַן אייגנאַרטיקייט, וואָס פיבערט זיך נישט זעלטן אַריין אין דעם אויפהעל פון סימבאָלן, וואָס לאָזן זיך אינטערפּרעטירן אויף פאַרשידענע אופנים.

די אַקציע אין דוד פלינקערס דערציילונג וויקלט זיך פאַנאַנדער אויף דער פאָן פון טראַגיק, אין דעם ליכט פון אַ רעאַליטעט וואָס לאָזט זיך גובר זיין פון ראָמאַנטיש־יידישן בטחון, אין דעם אויסלייג פון אַ חלום אויף דער וואָר.

יידן פאָרן אין וועג נאָך חצות. דער פורמאַן פאַרקירעוועט זיך אויף אַ זייטיקן וועג.

— ס׳וועט זיין אַ קירצערער וועג דורך דעם וואַלד.

אַט, ...ערשט געווען צווישן אַ ברויזנדיקן ים פון מענטשן, פורן, אויטאָס, מיליטער־וועגענער... און שוין אין אַ שטיל־שטילן וואַלד. מ׳טראַכט: אפשר וועט מען אַנטרינען ווערן? געשען אַ נס? און אַזוי־אָ, האַלב־דרימלענדיק, שטויסט מען זיך אַרויס פון דער טרויעריקער וואָר און מען חלומט זיך אַריין אין דעם ברען פון אַ חסידישן חלום, וואָס רייצט מיט דעם ברען און התלהבות פון נגינה...

...עס זינגט עפּעס אין האַרץ, עס זינגט אַ געזאַנג אָן ווערטער, און אויך אָן קלאַנג... אַזש... אַלע גשמיותן צעשווימען... עס ווערט עפּעס אַזוי לייכט און ליכטיק...

עס נעמט אָבער נישט לאַנג, די טרויעריקע וואָר מישט זיך אַריין — און עס דערהערט זיך... אַ בייזע, שטרענגע שטים:

— שטייך בלייבן!

דער וואַלד פאַרשווינדט. די רעאַליסטישע שילדערונג פאַריאָגט דעם טרוימערישן ראָמאַנטיזם, וואָס ווערט ווי אויסגעלאָשן און... די ווירקלעכקייט קומט צום אויסדרוק. מלחמה, עראָפּלאַנען, פּליטים נעבעך...

פון די פאַרשווינען מיט שטעקנס אין די הענט, טיילט זיך אויס אַ יונגער גוי מיט חוצפּה אין פּנים און אַ ווייסן אָרעם־באַנד.

— מיר זענען פון זיכערקייטס־דינסט.

אַלע ווערן אַרעסטירט.

דאָ קומט אַ רעאַלע שילדערונג אין דעם אַרעסט־הויז, ווו זיי ווערן גראָד גוט באַהאַנדלט. אינדערפרי פאַרענטפערט זיך אַפילו דער שומר פאַר זיי:

— וואָס זאָלן מיר טאָן, עס איז דאָך קריג...

נאָך מיטאָג — ווידער אין וועג.

ביינאַכט בלייבט מען שטעקן אין אַ חושך מצרים. מען ווייסט נישט ווו מען געפינט זיך, נאָר אַ געפיל זאָגט זיי אונטער, אַז ...מען שטייט אין אַ גרויסן פּלאַץ...

עס הערן זיך טריט, און אין דער פינצטערניש הערט זיך אַ שטים:

— יידן?

— אַוודאי יידן, ווי דען?

זיי גייען אַלע אַרונטער, און עס באַשטעטיקט זיך, אַז עס איז ...די שטים פון דעם סעקרעטאַר פון יידישן סיים־קלוב — ד״ר ק.

געפונען האָבן זיי זיך אין כאַראַסטקאָוו, כאָטש ס׳איז דאָס ערשטע מאָל אַז ...מיר הערן דעם נאָמען פון אַזאַ „כרך״...

דאָ קומט אַריין דער הומאָר־עלעמענט, פאַרפעפערט מיט דעם אָנהויך פון דער איראָניע.

— וואָס הייסט ווי אַזוי איך קום אַהער, — וויצלט זיך דער ד״ר ק. — איך בין פון כאַראַסטקאָוו, ווי דען... וואָס־דער־אמת, האָב איך עס געהאַט שוין פאַרגעסן, נאָר אַז מען איז געלאָפן, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז כ׳האָב נאָך אַ טאַטן ביז 120 יאָר אין כאַראַסטקאָוו און איך בין שוין דאָ פון פרייטיק.

דוכט זיך בלויז אַ וויציקע אָנצוהערעניש — איך בין פון כאַראַסט־קאָוו — דערביי איז אָבער כדאי צו באַמערקן דעם אגב אורחאדיקן אויפמיש פון האָבן „געלאָפן״ פון דער גרויסער מהומה, אַז די שרייענדיקע באַגלייט־עפעקטן, וואָס רירן אַלצאיינס מיט דעם בלויזן דערמאָנען אָן אומגליק פון לויפן און זיין נע ונד.

מ׳איילט אַוועק אין דער גאָרקיך, ווו מ׳דערלאַנגט אַלעמען טיי. און דאָ קומט פאָר אַ דראַמאַטישע ענדערונג אין דעם גאַנג פון דעם סיפור המעשה. ביי אַ טישל אין אַ ווינקל זיצן יידן אין אָפגעריבענע זשיפּעצעס. ס׳איז שבת צו נאַכטס, זיצן יידן נאָך ביי דער מלווה מלכה. מיטאַמאָל הייבט זיך אויף אַ ייד מיט בלאָנדע באָרד־און־פּיאות און רופט פריילעך אויס:

— געוואַלד, יידן, וואָס עפּ׳ןס מיט אַזאַ מרה שחורה צו געזעגענען דעם שבת? און כאָטש קיינער ק׳קט זיך נישט אום, זעצט ער זיך אַוועק און עס דערהערט זיך באַלד אַ פריילעך געזאַנג, ...איינער פון יענע חסידישע זמרלעך, ביי וועלכע יידן נעמען זיך יום־טובדיק אַקסל ביי אַקסל, און לאָזן זיך אין אַ ריקוד...

אַזוי פאַרוואַנדלט דוד פלינקער די טרויעריקסטע וואָר פון אונדזערע טעג, אין דעם חלום פון אַמאָל.

דער עולם פרעגט פונדעסטוועגן:

— היתכן, ר׳ ייד? מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה?

דער ייד ברומט אָבער ווייטער דאָס זמרל און ענטפערט מיט צעשמייכלטע אויגן:

— אין פלוג טאָקע אַ האַרבע קשיא, נאָר אַז מען וויל, איז עס גאָר קיין קשיא נישט.

און עס גייט אַוועק אַ מעשה מכוח די מלאכי השרת וואָס ענדיקט זיך דערמיט, וואָס —

...אַז מ׳טרינקט זיך אַליין, און פונדעסטוועגן האָט מען בטחון, און מ׳זינגט און מ׳גלויבט, אַז דער אויבערשטער וועט העלפן און עס וועט קומען די ישועה.

און אָט דער ייד גלויבט!

ער דערציילט ווי נישט גוט עס איז לעצטנס געוועזן. און אויב ס׳איז פאַרצייטנס אפשר אויך אַזוי געוועזן, זענען אָבער דעמאָלט געוועזן ...צדיקים גדולים, וואָס האָבן אויסגעלייזט דעם דור...

און ווייטער: — לעצטנס ווייסט מען נישט דערפון... נישט געוועזן דער וואָס זאָל אויסלייזן דעם דור... עס קאָן דאָך אָבער נישט זיין, — טענהט ער — אַז גלאָט אַזוי אין דער וועלט אַרייך, זאָל מען חלילה פון אַלע יידן מאַכן אַ תל עולם, אַז הייליקע יידישע קהילות זאָלן ווערן צו שטויב און צו אַש...

ער זעט צופיל עצבות, צופיל טרויער. און ער באַטאָנט, אַז ער אַליין, זינגט אויך נישט שטענדיק. אַז מ׳דערמאָנט זיך, אַז די בני בית זענען נישטאָ און מען ווייסט נישט ווו זיי צו זוכן... אָט פאָר איך פון שטאָט צו שטאָט און זוך זיי... אָבער, מען איז דאָך יידן. שטאַרקט מען זיך. איז מען גובר די נישט גוטע רעיונות. טרייבט מען פון זיך אָפּ די מרה שחורה, רייסט מען זיך אָפּ פון דער עצבות. און די אויגן הויבן אָן זעען, און די אויערן — הערן. און דאַן רייסט זיך פון האַרצן אַרויס אַ געזאַנג.

אשרינו, מה טוב חלקנו... עפּעס אַ קליינינקייט זוכה צו זיין צו לעבן אין אַ דור וואָס ריכט אָפּ גלות.

דער ייד זינגט העכער. די יידן ווערן וואַך. עס גלייכן זיך אויס די קנייטשן פון זייערע פּנימער. אין די פאַרלאָשענע אויגן צינדן זיך פייערלעך און עס רייסט זיך אַרויס אַ געזאַנג... אשרינו, מה טוב חלקנו.

די קליינע קינדער הערן אויף וויינען. זיי קוקן מיט גאַפונג אויף די זינגענדיקע יידן און פּאַטשן מיט די קליינע הענטלעך. יידן טאַנצן און זינגען. און אין פינצטערן דרויסן רייסט זיך אַ מעכטיק געזאַנג:

...זאָל שוין זיין די גאולה
און משיח זאָל שוין קומען!

אַ דור וואָס ריכט אָפּ גלות — זינגט.

דער סיפור המעשה איז דאָ וווּנדערלעך איינגעפּאַסט אין אַ ראַם פון פשטות, אָן די שרייענדיקע עפעקטן פון גרויליקע אַקציעס און קללות.

די גאַפונג פון די קינדער און דער פריידיקער אויפפּאַטש פון זייערע קליינע הענטלעך אין דעם צימצום פון דער אויפפּאַסונג, דינט דאָ ווי אַ סימבאָל פון המשך פון יידיש לעבן, וואָס זינגט־אויף מיט עקשנות אין דעם המשך פון דער נאַכט, דאָס ליד פון בטחון, צווישן חלום און וואָר.

די דערציילונג ליידט נישט פון קיינע פּגימות און איז אָן יעדן ספק מוסטערהאַפט אין איר שפּראַך־לבוש, ריין פון שעטנז און רייך אין אינהאַלט.

דער מחבר, דוד פלינקער — האָט מיט זיין דערציילונג דעמאָנ־סטרירט, ווי אַזוי אונדזער יידישער בטחון פונקציאָנירט אין אונדזער מענטאַליטעט אונטער די אומגינסטיקסטע אומשטענדן, נישט באַנוצנדיק זיך דערביי מיט קיין שרייענדיקע מיטלען, וואָס ווירקן צומאָל פאַרקערט, דערגרייכן נישט דעם צוועק וואָס דער דיכטער שטעלט זיך.

סימבאָל און לעגענדע פון יידישער וואָרטשאַפט

(יעפים ישורין יובל־בוך, 1960)

ס׳איז מער ווי אַ זכיה און אַ דערגרייכונג פאַר אַ מענטשן פון אונדזער דור,ביים לעבן צו ווערן אַ ...סימבאָל און אַ לעגענדע... ווי יאָסל קאָהן דריקט זיך טרעפלעך אויס אין זיין באַשיידענער אָבער אַחריותפולער כאַראַקטעריסטיק וועגן יעפים ישורין — אונדזער ענערגישסטן און באַשיידנסטן ביבליאָגראַף פון אונדזער קאָלירפולער און רייכער ליטעראַטור.

יעפים ישורין איז, לויט דעם פאַרנעם פון זיינע ביבליאָגראַפישע דערגרייכונגען, ווי דניאל טשאַרני דריקט זיך אויס — אַ פענאָמען און אַ נס...

אונדזער אומדערמידלעכער, לויט זיינע אַקטיוויטעטן, מער ווי אויף איין געביט פון דורכאויס שעפערישער עבודה — יעפים ישורין, איז, אין ווידערשפרוך צו זיין אַריפמעטישן עלטער אָן יעדן ספק, דער אייביק יוגנטלעכער מיטגייער און פאָרויסגייער אין דעם דינאַמישן אויפהעל, גאַנג און פאַרנעם פון אונדזערע ליטעראַטור־ווערטן.

אַ מיטגייער איז ער, אַ דאַנק די זיך אייביק פאַרמערנדיקע רעזול־טאַטן פון זיינע ביבליאָגראַפישע דערגרייכונגען, וואָס פאַלן צענויף, מיט דעם זיך אַלץ באַנייענדיקן אויפשטייג פון אונדזערע ליטעראַטור־ווערטן.

אַ פאָרויסגייער איז ער דערמיט, וואָס אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו און זעלטענער באַמיונג, ווערט געלייגט דער גרונטשטיין פאַר אַ קאָנ־סטרוקטיוון אויפבוי פון אַ ליטעראַטור־געשיכטע ביי יידן, וואָס איז פאַר־וואָרצלט אין די דערגרייכטע רעזולטאַטן פון דער זעלבער באַמיונג זיינער, ווי אַ ביבליאָגראַף פון דער בעסטער קוואַליטעט.

אונדזער ביבליאָגראַפיע וואָלט אין זין פון אַ נאַכלעסיקער באַציונג צו איר מצד אונדזער עפנטלעכקייט, אָן יעדן ספק ביי אונדז פאַרבליבן פאַרוואָרלאָזט, ווען זי וואָלט ביי לייטן, באַדאַרפט זיין אָנגעוויזן אויף

דעם חסד פון אונדזערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, צי סתם קהלשע פאַרזאָרגער.

און אויב זי איז עס בפירוש נישט, און זי האָט דאָך דערגרייכט צו זעלטענע רעזולטאַטן, אַפילו אַסטראָנאָמישע ציפערן אין די הענט פון אַ יחיד, אין זין פון ...אחריות... דערצו נאָך אויף אַ בפירושן הינטער־גרונט פון אַ גרויסער ליבשאַפט, איז עס בלויז אַ דאַנק דער עקשנות, מיפּולער אַרבעט און זאָרגפעליקייט פון דעם זעלטענעם מתמיד און עניו יעפים ישורין, וואָס האָט פאַר אונדז אָפּגעטאָן די אַרבעט פון־און־פאַר אַ גאַנצן כלל, אַרויפציענדיק אויף זיך פרייוויליק דעם יאָך און די גאַנצע זאָרג, צו היטן, פאַרהיטן און אָפּצוהיטן אין דעם געדעכעניש פון אונדזער וואָרטשאַפט, דעם גאַנצן אוצר פון אונדזערע ליטעראַטור־ווערטן, וואָס ווערט ביי לייטן — די אומות העולם — באַזאָרגט און אָפּגעטאָן פון גאַנצע שטאַבן וויסנשאַפטסלייט, אונטער דער אויפזיכט פון עטאַבלירטע רעגירונגס־אינסטיטוציעס און פונדאַציעס.

ווייל מען זיך דערגרונטעוועט צו דעם סוד פון אָט דער פענאָמענאַלער אַנטפּלעקונג, וואָס האָט זיך ביי אונדז קאָנצענטרירט אין דער עבודה פון איין גייסטרייכער פערזענלעכקייט, מוז מען זיך אָפּשטעלן, לייענען, אָפּשאַצן און אַנאַליזירן דעם זעלטענעם אָבער כשר פאַרדינטן ספר „יעפים ישורין יובל־בוך", וואָס דער „יעפים ישורין יובל־קאָמיטעט" האָט אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1960, לכבוד זיין 75סטן געבוירנטאָג, מער ווי אַ גליקלעכע דאַטע אין אונדזער יידישער קולטור־וועלט.

פאַרטיפט מען זיך אין אָט דעם ספר, וואָס לייענט זיך אגב מיט דער הנאה פון אַן עפּישער פּאָעמע, וואַקסט פאַר דיר אויס אונדזער בעל היובל יעפים ישורין, נישט נאָר ווי ...דער באַלאַנסירטער מענטש אין אונדזער סביבה... לויט דער אָפּשאַצונג פון ב. טאַבאַטשינסקי, נאָר בפירוש צו יענער לעגענדאַרער הויך און עטישקייט, וואָס מיר שרייבן צו אונדזערע ל"ו צדיקים, ווייל ...אויב עס זענען פאַראַן ל"ו צדיקים פון דער יידישער ליטעראַטור און פון יידיש־לשון, פאַרנעמט ישורין אַ בכבודיקן אָרט צווישן זיי, איז ער אָן ספק איינער פון זיי (עזריאל גאַקס)...

צו יעפּים ישורינס שבח זאָל דאָ אויך באַטאָנט ווערן, זיין אָביעק־טיווער צוגאַנג צו זיינע ביבליאָגראַפישע אַרבעטן.

ביי אים איז אַבסאָלוט נישטאָ אַפילו קיין שמץ פון סנאָביזם.

אים איז לגמרי פרעמד דער איינזייטיקער איינשטעל און באַציונג צו אונדזערע שעפערישע כוחות.

ווי אַן אמתער וויסנשאַפטסמאַן, האָט ער זיך אַליין אויסגעטיילט פון אונדזער קליינשטעטלדיקער סביבה, און זיין אַרבעט דערהויבן צו דער עטישער הויך אוןווירדע פון זיינע אויפגאַבן, וואָס ווייסט נישט און וויל פשוט נישט וויסן פון די באַגריפן גרויס און קליין.

צוליב דעם מישן זיך זיינע ביבליאָגראַפישע אַרבעטן אויס, אין דעם סדר ווי זיי באַוויזן זיך אין אונדזער וואָרטשאַפט.

יעדן איינעמס אויפטו אין שריפט, קריגט ביי אים אַ תיקון.

דאָס איז באמת אַ זעלטענע מדרגה און אויפטו פון אַ ליטעראַטור־פאַרשער, ביבליאָגראַף וואָס ער איז — וואָס אַפילו די בעסטע פון אונ־דזערע ליטעראַטור־קריטיקער האָבן נישט באַוויזן צו דערגרייכן, אַ דאַנק דער מענטשלעכער שוואַכקייט זייערע, צו האַלטן זיך איינזייטיק, פאַר־ווינקלט, סעקטאַנטיש־פאַרביסן און ווייט־ווייט פון צו זיין אָביעקטיוו, וואָס יעפּים ישורין איז עס בפירוש יאָ אין אַלע זיינע טואונגען, אין שייכות מיט ליטעראַטור־ווערטן.

מיט וואָס, פרעג איך — דערקלערט זיך אָט די זעלטענע אייגנשאַפט פון אונדזער מתמיד־ביבליאָגראַף?

דעם ענטפער אויף דעם, וועט דער אויפמערקזאַמער לייענער געפינען אין די אָפּשאַצונגען פון אַלע אָנטיילנעמער אין דעם זעלטענעם „יעפּים ישורין יובל־בוך", וואָס זענען געשריבן געוואָרן מיט גאָר אַ סך ליבשאַפט און פאַרערונג, בנוגע די פאַרדינסטן פון אונדזער בעל היובל, ווי אַן א.ר.־פירער, „פאָרווערטס"־מיטאַרבעטער, געזעלשאַפטלעכער קולטור־טוער, רעדאַקטאָר פון גאָר ווערטפולע זאַמלביכער און דער עיקרשט, ווי דער ביבליאָגראַף פון אונדזער ליטעראַטור.

אַ שליסל צו די מעשים טובים פון יעפּים ישורין, זיי זענען מער ווי מעשים טובים — זיי זענען קוואַליטאַטיוו ענלעך צו אָפּבליצן פון סנה־

פייער, אין דעם גרויסן מדבר פון אונדזער טראַגיש לעבן ווי אַן עקסטע־ריטאָריאַל פּאַלק — געפינט מען אין יעפים ישורינס אייגענעם שטילן ענטפער צו יאָסל מלאָטעק:

— ליבע קאָן אויפטאָן וווּנדער. די יידישע ליטעראַטור איז מיין ליבע... איך בין געפאַנגען געוואָרן פון דער יידישער ליטעראַטור, און לאָמיר אייך זאָגן: איך באַטראַכט אָט די געפאַנגענשאַפט ווי אַ ברכה (ז. 141).

און אַ ברכה איז עס נישט נאָר פאַר אים גופא, נאָר דער עיקרשט און אויסשליסלעך פאַר אונדזער ליטעראַטור.

נאָך מער — לויט דער באַהויפּטונג פון ה. לאַנג קומט אויס, אַז ...עס איז ביי אים אַ טרוים צו קאָנען פאַרהאַלטן אין זיין געמיט, יעטוועדע יידישע שאַפונג פון דער שעפערישער יידישער ליטעראַטור...

און די יידישע שאַפונגען האָבן זיך ביי אים פאַרוואַנדלט פון אַ טרוים אין אַן אַבסאָלוטערווירקלעכקייט, אין די באַלד אומצאָליקע פאַרצייכענונגען זיינע פון אונדזער וואָרט־עשירות, וואָס וועט ערשט קריגן אַ תיקון אין דער נאָכקומענדיקער געשיכטע פון אונדזערע ליטעראַטור־ווערטן אויסשליסלעך און בלויז, אויף דער באַזע פון יעפים ישורינס פרייוויליקע באַמיונגען, ווי ...דער היטער פון אונדזער רייכטום... ווייל ישורין ...פאַרקערפּערט דעם אידעאַל פון אַ פּרזענלעכקייט אין אייביקן ווערן (ד. טשובינסקי)... אַ דאַנק זיין אומגלויבלעכן און אימפּולסיוון גיין באַרג־אַרויף, אויף דעם געביט פון ביבליאָגראַפיע, וואָס כאָטש זי האָט אַן אָנהויב, איז זי אָבער אין איר דינאַמיק אין דער בחינה פון דעם לעבן גופא, וואָס ווייסט נישט אַן טאָר נישט וויסן פון קיין סוף...

לייענענדיק דעם „יעפים ישורין יובל־בוך״, בין איך ווי פאַרכישופט געוואָרן פון דער זעלטענער פערזענלעכקייט יעפים ישורין, אין דער אָפּשאַצונג פון זיינע פריינט און פאַרערער, אָנגעזעענע שריפטשטעלער און קולטור־טוער, וואָס האָט זיך אַריינגעצויבערט אין מיין מענטאַליטעט, נישט קענענדיק אים אַפילו פערזענלעך.

אין מיין דמיון זע איך אים אַצינד, ווי דער פּאָעט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

באַזינגט און כאַראַקטעריזירט אים אין זיין וווּנדערלעכער און טרעפ־לעכער פּאָעמע: „דער ייד פון ווילנע״:

ער גייט מיט שטילע, וואַכע טריט,
מיט פּשוטקייט אין וואָרט און טאַט;
נאָר אין זיין אויג פאַרבאָרגן גליט
אַ פונק פון שטאַמיק־אַלטן יחוס.
און ווו ער איז — איז אויבנאָן,
און וואָס ער טוט, ווי ער וואָלט טאָן —
אַ הייליקע און גרויסע שליחות.

ווייל כאָטש די פּשוטקייט פון ישורינס וואָרט איז פאַרוואָרצלט אין די אַרבעטן פון די באַלד אומצאָליקע טרעגער פון יידישן וואָרט, לויכט אָבער פון זיינע טואונגען און אויפטועז אַרויס ז יי ן אייגענע טאַט, ווי אַן אַקט פון קדושה, אין זיין דינסט פאַר אונדזער ליטעראַטור, ווי אַ דורכויס אייגענע געוויסנהאַפטע און הייליקע גרויסע שליחות, פאַר וועלכער מיר וועלן קיינמאָל נישט האָבן גענוג לויב און דאַנקבאַרקייט צוליב דעם, ווייל ישורין האָט ...געווידמעט זיין ביבליאָגראַפישע עובדא און עבודה, דעם ליטעראַרישן כלל — דער גאַנצער ליטעראַטור (א. אַלמי)...

...זיין אויסערלעכע שטילקייט און אינערלעכע ענערגיע שטעלן צוזאַ־מען דעם גאַנצן ישורין... שרייבט ס. דינגאָל.

און איך וויל מוסיף זיין אַט וואָס: לפנים איז ער — אַן אונטערער־דישער קוואַל, וואָס פליסט אויבנאויפיק נאָרמאַל, שטיל און באַשיידן. אינעווייניק אָבער, ברויזט ער מיט ענערגיע וואָס שלאָגט זיך דורך אַ וועג צו דעם ליכטיקן דרויסן און ער איז זיך אַזוי משתתף צו דער שיינקייט און ד ע ר דינאַמיק פון דעם לעבן, וואָס איז אים גורם צו זינגען ז יי ן אייגענע און אייגנאַרטיקע שירה צו גאָט...

ווי ...דער שומר פון אונדזערע קולטור־אוצרות (רעגענסבערג)... האָט ער קיין צייט נישט זיך אָפּצושטעלן און אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. ער איז אַזוי צו זאָגן אונדזער סימבאָלישער גייער, וואָס ווייסט אָבער באַשטימט וואָס ע ר וויל.

באַמיט ער זיך, אונדזער געראָטענער גייער — און ער שפּאַנט

ווייטער און ווייטער, האָבנדיק אינזינען איין זאַך: זיך מאַכן נוצלעך לטובת הכלל, ווי דער ...ביבליאָגראַפישער בעל חשבון פון דער יידישער ליטע־ראַטור, לויט ש. ניגער — ווייל ...אין ישורינס ביבליאָגראַפיע געפינט מען תמיד מער, קיינמאָל נישט ווינציקער... עס איז אָבער דאָ פון וואָס אויסצוקלייבן...

אין דעם באַשטייט זיין דערגרייכונג.

און די גרעסטע מעלה זיינע איז, אין די רייד פון מלך ראַוויטש — זיין ...חברישע ליבשאַפט, אויסדויער און געדולד... וואָס ער האָט אָן אַ מאָס... צוליב דעם וועלן ...די אַלע ביבליאָגראַפיעס זיין ד ע ר גאָלדענער שליסל צום גאַנצן גאָרטן פון דער יידישער ליטעראַטור...

זיין פאַרליבטקייט אין אונדזער ליטעראַטור, זיין גרייטקייט אויף קרבנות און אידייאישער צוגאַנג צו זיינע ביבליאָגראַפישע אַרבעטן, ווערט ביי אים ...געגנערט פון אַזאַ אידעאַליזם און אינטויטיווע סאָליד־קייט, אַז דער קלענסטער פּרט קאָן אים פאַרכאַפּן און האַלטן געשפּאַנט נישט ווייניקער ווי אַ גרויסער ענין (שמואל ראָזשאַנסקי)...

דער כח פון אינטויציע איז אייגן דעם ביבליאָגראַף, ווי דעם דיכטער דער כח פון פּאָעזיע.

אָן אינטויציע, זאָל געדענקט ווערן, איז בכלל נישט מעגלעך פּסיכאָלאָגיש און פּאַקטיש צו זיין שעפעריש אַקטיוו.

צו זיין אַ ביבליאָגראַף איז דעריבער אויך נויטיק צו זיין אַן אידעאַ־ליסט, וואָס איז אַלעמאָל — ווי אונדזער יובילאַר ישורין — גרייט אויף קרבנות.

יעפים ישורין, וואָס טוט זיין אַרבעט פרייוויליק מיט גרויס ליב־שאַפט, חשיבות און אחריות, איז באַהערשט פון אַן אייביק קוועלנדיקער אינטויציע, וואָס דאָמינירט אַלעמאָל זיין מענטאַליטעט און יאָגט אים טאָג־טעגלעך צו נייע שעפערישע מעשים, וואָס זענען געווען און וועלן אויף תמיד פאַרבלייבן אין דעם אוצר פון אונדזער ליטעראַטור, ווי דער זעלטנסטער צושטייער צו אונדזערע קולטור־ווערטן.

און ער אַליין — דער סימבאָל און די לעגענדע פון אונדזער יידישער וואָרטשאַפט.

דער עסיי

(עסיי וועגן דעם עסיי)

צוליב דעם וואָס עס איז שווער צו דעפינירן ד ע ם עסיי ווי אַ פאָרם אין דער ליטעראַטור, איז ביי אונדז כמעט ווי נישט בנמצא קיין עסיי וועגן דעם עסיי, כאָטש דער עסיי גופא איז ביי אונדז זייער אָנװעזנדיק, נישט בלויז אין די הענט פון אויסגעשפּראָכענע און דערפאַרענע עסייאיסטן, נאָר דער עיקרשט טאַקע אין די הענט פון טאַלאַנטפולע פּאָעטן יידישע, וואָס זענען בדרך אגב געקומען צו דער פאָרמירונג פון דעם עסיי ווי אַ צוגאָב צו זייערע פּאָעטישע עבודות, דורך זייטיקע וועגן, אין שייכות מיט ליטעראַטור־ווערטן אין אַלגעמיין, וואָס זענען ביי אונדז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן מצד אונדזער ליטעראַטור־קריטיק.

צו רעדן וועגן דעם עסיי ווי וועגן אַ פאָרם פון אויסדרוק אין דער ליטעראַטור, אַפילו אויבנאויפיק, איבעראיילט און פאַרבייגייענדיק, איז דעריבער נישט אַזאַ לייכטער ענין, בפירוש נישט קלוג און באַשטימט נישט ראַטזאַם, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס עס פעלט אונדז אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג.

צוליב דעם ווידער איז די באַהאַנדלונג פון דעם עסיי אויך, אַ דורכאויס אינדיווידועלע, אַבסטראַקטע — אויב איר ווילט, און אָן יעדן ספק, נישט בינדנדיק ווי אַ כלל, אין דעם אָפּשאַץ פון אַ שריפטשטעלער וואָס פאַר־נעמט זיך דערמיט.

דער עסיי ווי אַ פאָרם פון דער שרייב־קונסט, איז אין ווידערשפּרוך צו יעדן סאָרט פלאַכקייט, וואָס פאַראַדירט געוויינלעך אונטער אַ פאַלשן אויסרייד. ווייל אויב דער עסיי באַצוועקט עפּעס בכלל מיט זיין עצם עקזיסטענץ אין דער ליטעראַטור, מיינט עס: זיין אַנדערש, פרעציז און ניי איז פאָרם, און דורכאויס וואָגיק אין זיין תוכן און פאַרנעם, לגבי אַלע אַנדערע פאָרמען אין דער ליטעראַטור.

אין דעם דריקט זיך אויס זיין אייגנאַרטיקייט און אָרט אין דער ליטעראַטור.

צו זיין אַנדערש און ניי, מיינט: שטיין אויף די אייגענע פיס און זיין אומאָפּהענגיק פון די אומצאָליק אַנדערע פאָרמען אין דער ליטעראַטור; אַלעמאָל, אַליין עפּעס מחדש זיין, אַריינברענגען אַ נייעם אימפּעט אין דעם אופן פון אויפנעמען און געבן אויסדרוק זיין טעמאַטיק, וואָס מוז אין זיך כולל זיין דעם יחידישן און אייגנאַרטיקן אויסדרוק פון דעם מחבר, אין דער אָפּשפּיגלונג פון זיין וועלטאַנשויונג, וואָס טאָגט־אויף ווי אַן אָריגי־נעלער סינטעז פון מחשבה און מעשה, וואָס איז בלויז אים אַליין — דעם עסייאיסט — אייגן און נאָנט, אַן די פאָרגעשריבענע געזעצן פון דער שרייב־קונסט.

דער עסיי, ווי אַ טעמע — פאָדערט אַן ערנסטן און טיפן אַריינדרינג אין דעם סאַמע עצם פון זיין געבוי, מהות און פאָרנעם, ווי אַ דאָמינירנדיקער כוח אין דער שיין־ליטעראַטור.

אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, האָט דער פראַנצויז מאָנטעין, דער ערשטער אַריינגעבראַכט דעם עסיי, ווי אַ פאָרם פון אויסדרוק אין דער ליטעראַטור, אין דעם יאָר 1571. אין דעם יאָר 1597, זעקס און צוואַנציק יאָר שפּעטער, האָט דער ענגלענדער בייקאָן, פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע צען עסייען אין דרוק. דער עסיי האָט אָבער אָנגעהויבן פונקציאָנירן ווי אַ דאָמינירנדיקער כוח אין דער ענגלישער ליטעראַטור, אין דעם 18טן יאָרהונדערט.

ווי אַ פאָרם פון אויסדרוק, איז דער עסיי אָריגינעל באַשטאַנען פון אַ קאָמפּאָזיציע פון באַשיידענער גרויס אין פּראָזע. דער עסיי האָט זיין טעמע באַהאַנדלט לייכט, דערפאַר אָבער — אַלעמאָל גראַציעז, אין דעם לבוש פון אַ בילדלעכער שפּראַך.

מיט דער צייט האָט זיך דער עסיי אויסגעברייטערט און פאַרטיפט זיינע שפּעטערישע מעשים, אויף דער פאָן פון אַ לירישן הינטערגרונט, וואָס האָט זיך פאַרענלעכט, טיילווייז — דער עיקרשט אָבער, אינטים פאַר׳קרוב׳ט, צו דער בעלעטריסטיק, וואָס שליסט אַגב אין זיך איין וואָרע דיכטונג־עלעמענטן — און אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ, זיך אַליין צו

פֿאַר׳סך־הכּלען, ווי דער סינטעז פֿון מחשבה און מעשה, וואָס גיט אים צו דעם רייץ פֿון דיכטונג אין פּראָזע.

דאָס וואָס דער בעלעטריסט דערגרייכט נישט אין זײַן דערציילן, דעם לירישן אויפֿטויך פֿון אַן אייגענער איבערלעבונג און מחשבה, דרויסן פֿון די ראַמען און די מעגלעכקייטן פֿון זײַן אָביעקטיוון שילדערן און באַמאָלן אַ מענטשן צי סתּם אַ סיטואַציע, וואָס וואָלט אפֿשר אַלצאיינס נישט האַר־מאָנירט מיט דעם סטיליסטישן אויסלייג פֿון זײַן דערציילן — דערגרייכט י אָ דער עסייאיסט. מיט דעם אָנווענד פֿון אַ בילדלעכקייט וואָס איז אַזוי אייגן און כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם בעלעטריסט, אַפֿילו אימאַזש און מעטאַפֿאַר, מיט וועלכע עס אָפּערירט דער פּאָעט — און ער פֿאַרבינדט זיי מיט דעם אויפֿלויכט פֿון זײַנער אַ זעונג און אייגענער מחשבה, וואָס געפֿינט אַן אויסדרוק אין דעם לירישן אויפֿזינג פֿון זײַן פֿאַנטאַזיע, וואָס פֿאַרוואַנדלט זיך טיילוויז, אַ דאַנק זײַן אָנווענד פֿון אַ ריטמישן לשון — אין כּמו פּאָעזיע, וואָס דערמעגלעכט אים צו ברענגען צום פֿולסטן אויסדרוק זײַנע אָנשויונגען און זעונגען, אויף אַן אייגנאַרטיקן, קרעאַטיוון אופֿן.

די עקאָנאָמיע פֿון וואָרט, איז אַן עיקר אין דעם געבוי און אויסלייג פֿון דעם עסיי.

ווי אַ שונא פֿון יעדער פֿאָרם פֿון רעטאָריק, פּראָזאָלאָגיע — באַנוצט זיך דער עסיי מיט צימצום פֿון אויסדרוק און דער אויסשליסלעכער קאָנצענטראַציע אויף איכות, ווי עס טוט עס די וואָרע דיכטונג, און מיט דער גאָרער קלאָרקייט פֿון דער פּראָזע, אין אַלגעמיין.

די טעמאַטיק פֿון דער עסייאיסטיק, ווייסט נישט פֿון קיין גרענעצן. אַלע קוואַלן זענען פֿאַר איר אָפֿן. בשעת אָבער די דרויסנדיקע וועלט גיט זיך איר איבער מיט אירע שוין פֿאַראַנענע רייצן און שיינקייטן, ליגט איר אינטערעס דווקא אין דער עובדא, צו קאָנען פֿון זיך גופֿא אַרויסצויבערן דעם צויבער פֿון זעונגען, אַנונגען און שפּאַנונגען פֿון קיינעם נישט באַמערקטע, אין אַ זעלטענער תּשוקה און דראַנג זיי צו געבן אַ תּיקון, אין דעם נישט זעלטן פֿאַרכאַפּנדיקן סטיל פֿון דעם, וואָס מיר רופֿן אַן: ע ס י י.

די אייגענע אינטויציע, פֿאַרכּפֿלט מיט די איינדרוקן פֿון אַ צווייטנס

דערגרייכונגען, האָט אַלעמאָל די אויבערהאַנט אין די עסטעטישע דערגריי־כונגען פון דעם עסיי.

צוליב דעם אפשר פאַרנעמט זיך די עסייאיסטיק טיילווייז אויך, מיט דער קריטישער באַלייכטונג פון ליטעראַטור־ווערטן, וואָס איז בדרך כלל אָריגינעל דערמיט, וואָס זי מיידט באַוווסטזיניק אויס די שאַבלאָנע שפּראַך פון דער דאָגמאַטישער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס איז כמעט דורכאויס טעכניש אין איר אויפפאַסונג און גוואַלדיק הינטערשטעליק לגבי די נויטן און די דערגרייכונגען פון היינטצייטיקע — מאָדערנע — ליטעראַטור־ווערטן.

צוליב דעם, וואָלט איך געזאָגט, דערגרייכט צומאָל נישט די דאָגמאַטישע ליטעראַטור־קריטיק די געוווּנטשטע רעזולטאַטן; איינפלוס אויף די מחברים און זייערע ווערק; איבערצייגט זיי נישט אין דעם אמת פון אירע אויספירן, וואָס זענען אפשר עכט, אָבער זיכער נישט גערעכט אין זייער אָפּגעשטאַ־נענקייט, לגבי די נויטן פון אונדזער צייט און דור.

אין דעם זין איז די קריטישע עסיי אַנדערש פון דער דאָגאַמטישער קריטיק, און צוליב דעם טאַקע איז זי אויך ניי.

און ניי איז זי אויך צוליב דעם, וואָס ביים אָפּשאַצן אַ צווייטנס אַרבעט, באַמיט זי זיך אַלעמאָל ממשיך צו זיין אַ רעיון, וואָס זי באַפליישט און זי באַבלוט מיט דער אָריגינאַליטעט פון צוגעבן אַן אייגן בילד, וואָס איז צומאָל נישט דערגאַנצט פון דעם באַטרעפנדיקן מחבר.

אָט די אייגנשאַפטן פון דער עסייאיסטיק, גיבן איר צו אַ ספּעציפישן חן און הויבן איר אַרויס ווי אַן אייגנאַרטיקע פאָרם פון שרייבן, וואָס איז דורכאויס זעלבסטשטענדיק אין אירע דערגרייכונגען אין דער ליטעראַטור.

מיט דער אויסנאַם פון אונדזערע ראשונים אויף דעם געביט פון אונדזער עסייאיסטיק, ווי שמריהו גאָרעליק, ד״ר א. קאָראַלניק, חיים גרינ־בערג, לעאָ פינקעלשטיין און אַ סך אַנדערע, איז די שפּעטערדיקע עסיי־איסטיק אונדזערע אַרויסגעוואָקסן, ווי אַ פּועל יוצא פון אונדזער איינזיי־טיקער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס האָט זיך אַלעמאָל קאָנצענטרירט אויף אָפּשאַצן די ווערק פון עלטערע שרייבער ביי יידן, און זעלטן ווען זיך אַרומגעקוקט אויף אונדזער אַמאָליקער, שרייבערישער יוגנט (דערפאַר

האָבן מיר נישט קיין המשך!). צוליב דעם האָבן אַ סך פון אונדזערע פּאָעטן זיך אַנטוויקלט ווי פּיינע עסייאיסטן, וואָס זענען מיט דער צייט אויך אַריינגעוואָקסן אין אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס טראָגט אַן עסייאיסטישן כאַראַקטער.

אַזעלכע פּאָעטן ביי אונדז, ווי א. טאַבאַטשניק, אליעזר גרינבערג, יאָסל קאהן, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי און גאָר אַ סך אַנדערע פּאָעטן אונדזערע, האָבן זייער אַ סך בייגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג און דער פּאַרטיפונג פון דעם עסיי אין אונדזער ליטעראַטור, דעם קריטישן עסיי אַריינגערעכנט — וואָס טיילט זיך אויס, ווי אַן אייגנאַרטיקער כוח און פּאַקטאָר אין אונדזער ליטעראַטור אויף יידיש לשון.

כן ירבו!

ב

מיניאטור-עסייען

אויפזינג פון נייעם בראשית

ביים פאַרענדיקן אַ ווערק, קליין אין כמות און גרויס אין איכות, גאַפסטו מיט חידוש פון דיין אָפגעטאָענער אַרבעט און דו באַמערקסט אפילו נישט, ווי דער אויפבליץ פון יצירה ציטערט אויף אין דיר מיט שטומען אָנזאָג, און איז אין דיר גורם דעם אויפהעל פון אַ נייעם בראשית.

דו ביסט דאַכט זיך מיד און אויסגעשעפּט. טעג פון ליידיק־גיין באַפאַלן דיך ווי פליגן און מאַכן דיך ווי אָפּהענגיק פון זיי. פונדעסטוועגן, הויערט איבער דיר פון דעם תוהו ובוהו אַרויס אַן אומבאַשטימטע זעונג, אַנונג־און־שפּאַנונג, וואָס מאַניעט און פאַרפירט דיך אין די לאַבירינטן פון יצירה; אומאָפּהענגיק פון דיין באַוווסטזיין, צאַמט דיך און פאַר־טרינקט דיך ממש דער ערב פון אַ שעפערישן אימפּעט, וואָס כאַטש ער דענערווירט דיך אויבנאויף, פאַרשיכורט ער דיך אָבער אַלצאיינס מיט דעם רייץ און אומרו פון אַן אילוזיע, וואָס שטויסט דיך און יאָגט דיך צו שעפערישע מעשים.

דו ווייסט נישט ווען־און־וויאַזוי דו געפינסט אַ וועג צו דיין עבודה. נאָר פּלוצים און אומגעריכט אַזוי, לויכט־אויף אין דיר די זעונג פון אַחרית, וואָס שמידט דיך צו צו דעם שולחן פון קינסטלערישער עבודה, מאַכט דיך באַלד זיך פאַרגעסן אָן דיין אייגענעם געביין. און איידער דו קוקסט זיך אַרום, ווערסטו ווי פאַרלוירן אין אַן אַקט פון קדושה, שעפערישע עבודה, וואָס פאַרליכטיקט און באַזינגט דיין אַרום, מיט דעם אויפזינג פון אַ נייעם בראשית.

אויפקום אין אומקום

צווישן דער דיכטונג אין לעבן און דער דיכטונג אין דער ליטע־ראַטור, גייט אָן אַן אייביקע און שטילע קאָנקורענץ.

די דיכטונג אין דער ליטעראַטור, אין דעם לבוש פון לשון, אין דעם מויל פון דעם בחיר היצורים — דעם מענטש, בריה׳ט און באַמיט זיך צו פאַראייביקן אין איר זכרון די דיכטונג פון לעבן — פון דער נאַטור.

די דיכטונג פון דער נאַטור ווידער, איז פון תמיד אָן פאַרהאַרטעוועט אין דער דיכטונג פון אייביקער באַנייונג, וואָס ווייסט אַגב נישט פון קיין אָנהויב און ווייסט נישט פון קיין סוף.

בשעת אָבער די דיכטונג אין דער ליטעראַטור איז אַלעמאָל אָפּהענ־גיק פון דעם מענטש וואָס איז שטערבלעך ווי אַ פּרט, און איז צוליב דעם אַלעמאָל געצוווּנגען אָפּצוטרעטן זיין אָרט פאַר אַ צווייטן ילוד אשה, איז די דיכטונג פון לעבן אייביק און דינאַמיש, שעפעריש און צעשטעריש אין איין און דער זעלבער צייט, קיינמאָל נישט אָפּהענגיק פון קיינעם.

די דיכטונג פון דער ליטעראַטור איז אָבער יאָ אָפּהענגיק פון דער דיכטונג אין לעבן.

די לעצטע איז די וועגווייזערין פון דער ערשטער.

ביידע צוזאַמען לעבן אָבער פאַרט אין דער געדעכעניש פון דער דיכטונג אין דער ליטעראַטור, כאָטש די לעצטע — די דיכטונג אין דער ליטעראַטור — איז דורכאויס אַלעמאָל אין געפאַר פאַרשלונגען צו ווערן פון דער דיכטונג אין לעבן, וואָס איז נישט זעלטן גרויזאַם אין איר פענאָמענאַלער שיינקייט, אין איר בלינדער שליחות פון בויונג און צעשטערונג — דער אייביקער פּראָצעס אירער פון אויפקום־אין־אומקום.

גורל און ווערט פון ביכער

די מעלה פון ווערטפולע ביכער באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס לעבן פון נעכטן ליגט אין זיי פאַרפרעסט און זיי האַלטן אין זיך אויף דעם צויבער און דעם אַראָמאַט פון אייגנשאַפטן וואָס הערן נישט אויף צו זיין אַקטועל, לאַנג נאָך דעם ווי זיי האָבן אָנגענומען די פאָרם פון ווערטן, וואָס זענען בלויז אָפּהענגיק פון אַ שפּראַך־לבוש, וואָס לעבט אין דעם געדעכעניש פון ביכער און איז אַלעמאָל מסוגל צו ווערן דינאַמיש, אין דער מענטאַליטעט פון דעם מענטש פון היינט.

דאָס לעבן פון אַ בוך איז דעריבער אַלעמאָל אָנגעוויזן און איז בפירוש אָפּהענגיק פון דער אינטעליגענץ, מאָראַלער און אינטעלעקטועלער הויך פון דעם מענטש פון יעדער תקופה, צייט און דור.

דער מענטש פון היינט איז דעריבער מסוגל אויפצולעבן און באַלעבן דאָס לעבן פון דעם עבר, דורך דער פאַרמיטלונג פון ביכער וואָס זענען דויערהאַפט און תמיד ווערטפול, אַ דאַנק דער באַמיונג און דער ענערגיע וואָס דער שעפערישער מענטש מיט וויזיע האָט אין זיי אַמאָל אַריינגעזונגען, מיט דעם כוח פון שפּראַך, וואָס ער האָט פון זיך אַרויסגעצויבערט אין זיין איינמאָליק לעבן אויף דעם ערד־קיילעך.

ביכער לאָזן זיך קלאַסיפיצירן לויט דעם איכות און פּאָטענצן זייערע, צו קאָנען באַלייכטן דעם סודותדיקן מהות פון דעם מענטשן און זיין פאַרנעם אין דער וועלט, ווי די גאָרע קרוינונג פון דער יצירה.

אַ בוך וואָס איז געשריבן אין אַ פאַרשטענדלעכער שפּראַך, איז פריער פון אַלץ צוגענגלעך צו דעם פּשוטסטן, אַזוי גוט ווי צו דעם אינטעליגענטסטן און ראַפינירטסטן מענטשן.

די טענדענץ פון אַ גוט בוך איז, צו פירן אַן אייגן לעבן; שטיין אויף די אייגענע פיס, און האָבן דעם כוח צו קאָנען אויפרודערן דאָס געמיט פון דעם לייענער און אָפּשאַצער פון ליטווערטן; אים קאָנען אַרויספירן פון דער וואָך פון לעבן און אים אַריינצויבערן אין דער

נעץ פון די באַשאַפענע אילוזיעס, וואָס דער תוכן פון דעם בוך שטעלט מיט זיך פאָר.

אויב אַ בוך קאָן עס דערוווייזן, איז עס אָן יעדן ספק, אַ גוט בוך.

גוטע ביכער זענען בלויז דאַן ווערטפול און דויערהאַפט, ווען זיי קאָנען אָנהאַלטן דעם אינטערעס צו זיך ביי דעם מענטש פון היינט, פונקט ווי ביי דעם מענטש פון נעכטן, און אויך זיין קאַפּאַבל צו פאַראינטערעסירן דעם נאָכקומענדיקן מענטש פון מאָרגן.

פּאָעטן און זייערע לידער

דער גורל פון פּאָעטן איז אַנדערש פון דעם גורל פון געוויינלעכע מענטשן אין דעם זין, וואָס די חושים ביי פּאָעטן זענען מער פאַרשאַרפט און אויך מער זעעוודיק, ווי די חושים ביי געוויינלעכע מענטשן.

פּאָעטן זענען דערצו אויך געבענטשט מיט אַ זעלטענעם כוח הדיבור — אין שריפט — וואָס דערמעגלעכט זיי צו באַקליידן זייערע רעיונות, איבערלעבונגען אין אַלגעמיין, עמאָציעס און זעונגען, אין דער קלאָרקייט פון אַ שפּראַך־לבוש, וואָס איז קאַפּאַבל אַרויסצורופן ביי דעם געוויינלעכסטן מענטשן אפילו, די אילוזיע פון אַן אייגענער איבערלעבונג.

צוליב אָט די אייגנשאַפטן פון פּאָעטן, זענען זיי דעריבער אין אַ לאַגע, צו קאָנען איבערשאַפן באַשטימטע פאַזן פון דעם לעבן אין דער פאָרם פון לידער, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם אויפלויכט פון זייער געמיט; זיי באַפליישן און באַבלוטן מיט דעם צויבער פון זייער פּערזענלעכקייט, אין זיי אַריינאָטעמען די דינאַמיק פון זייער אייגענעם עמאָציאָנעלן לעבן, און זיי, אין לעצטן סך־הכל, פאַרוואַנדלען אין דויערהאַפטע ווערטן, איבער וועלכע די צייט אַפילו, קאָן זעלטן האָבן אַ שליטה.

צוליב דער עכטקייט פון דויערהאַפטע ווערטן ביי פּאָעטן — די לידער זייערע — ווערט דער לייענער מיטגעריסן צו אַן עקסטאַז, פון אַליין מגולגל ווערן אין דער בחינה פון אַ שעפערישן מענטשן, וואָס קאָן אין דער באַטרעפנדיקער מינוט ביים לייענען און איבערלעבן דעם תוכן פון די לידער, אַליין אויך עפּעס ממשיך זיין און דערגאַנצן, ציען ווייטער דעם פאָדים וואָס דער באַטרעפנדיקער פּאָעט האָט פאַרצויגן און אפשר בכיוון איבערגעריסן, מיט דער אויסשליסלעכער כוונה, אָנצוּרעגן און דערמעגלעכן דעם אַקטיוו־טראַכטנדיקן לייענער, צו אַקטיווזירן זיינע פּאָטענצן און אים דערהויבן צו דער דינאַמיק פון ווערן אַ מיטשעפער צו דער עכטקייט פון זיינע איבערלעבונגען, אין דעם גאַנצן אויסלייג פון זיינע אויסגעוויטיקטע לידער.

די אויסגעוויטיקטע לידער פון אַ עכטן פּאָעט, ווערן קיינמאָל נישט געשריבן מיט טינט.

די לידער פון אַן עכטן פּאָעט פיבערן אַלעמאָל מיט דער מיסטיק פון יצירה און דער דינאַמיק פון דעם מאַרך־און־בלוט פון דעם דיכטער.

צוליב דעם ווערן די לידער פון אַ עכטן פּאָעט אויסגעפירט אין אַ געטלעכער שליחות, ווי אַן אַקט פון קדושה, געשאַפן און נישט אויס־געמלאכה׳ט מיט דעם כוח פון אפילו גייסטיקער אַקראָבאַטיק, וואָס איז אגב די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון דעם פסעוודאָ־דיכטער, וואָס שרייבט דווקא און אויסשליסלעך יאָ מיט טינט, וואָס האָט דער עיקרשט נייגונג צו אויסערלעכן פוץ: רעטאָריק און קינסטלעכער פאָרם — וואָס רעדוצירט זיך ביי אים צו דעם פאַלש־מינץ פון פסעוודאָ־דיכטונג אין געגנדזנפּיסלעך.

דאָס געזאַנג פון דער וועלט

די דיכטונג וואָס איז עכט האָט נישט ליב קיין גרויסע צאָלן.

ליד, ווי מענטש, מוז האָבן כאַראַקטער, שטיין אויף די אייגענע פיס און האָבן אַן אייגענעם פּנים.

ווי גרויס אָדער קליין אַ ליד זאָל נישט זיין אין דעם אויסלייג פון ווערטער, מוז עס אָטעמען מיט לעבן, וואָס גיט זיך דיר איבער מיט דער מאַגיק פון שיינקייט אין דיכטונג, וואָס מוז אין דיר אַרויסרופן די אילוזיע פון אַן אייגענער איבערלעבונג.

אין דעם אָנגעזיכט פון אַן אייגענער איבערלעבונג וואָס עכטע דיכטונג רופט אין דיר אַרויס, דריקט זיך אויס דער זין און פאַרנעם, תוך און דערקענטעניש דערפון וואָס מיר רופן אָן פּ אָ ע ז י ע, אין דעם לבוש פון אַ ריטמישער שפּראַך, וואָס מוז דיך באַצווינגען מיט דעם רייץ און חן פון אַ אילוזיע, וואָס באַהערשט דיינע חושים און דערהויבט דיך צו דעם געזאַנג פון דער גאָרער וועלט.

דער מענטש

דער מענטש וואָס טראַכט פון גאָט, געפינט אים אָפּט אין דער פאָרם פון אַן אַקט פון קדושה, אין זיך גופא.

אַן אַקט פון קדושה דריקט זיך געוויינלעך אויס, אין דער פאַר־וואַנדלונג פון דעם אייגענעם לעבן אין אַ קרבן, מצד זיין יושרדיקן איינשטעל ווי אַ פרט, אין די אינטערעסן פון כלל, וואָס איז אין זיך במילא כולל דעם ווילזיין פון יעדן פרט אָן אויסנאַם.

די אַנטפּלעקונג פון גאָט, אין דער אָפּשפּיגלונג פון אונדזער געמיט, האַרץ און נשמה, איז אַלעמאָל אַן אומגעריכטע. און דווקא דערפאַר וואָס זי איז זעלטן, פאַרכאַפּט זי דיך מיט דעם רייץ פון שטילקייט און שיינקייט אין ליכט, וואָס צויבערט מיט דער דינאַמיק פון אַן אַקט פון קדושה, ווען ווען שפּורן פון איינפלוס זענען אַלעמאָל אידענטיש מיט די אינטערעסן פון דעם כלל, אין אַלע צייטן און אין יעדן דור.

וועלט און מענטש

די שייכותן צווישן וועלט און מענטש זענען אויף אַזוי פיל קעגנזייטיק פֿאַרבונדן און אָפּהענגיק איינער פֿון דעם אַנדערן, אַז אין דעם אָפּשפּיגל פֿון דיין דמיון זעען זיי דיר אויס ווי אַ סיאַמער צווילינג, וואָס איז אומצעטיילבאַר.

און כאָטש דער מענטש, אין אָנגעזיכט פֿון דעם קאָלאָס וועלט, שפּאַרט נישט אָן צו אירע קנעכל, האָט ער, דער מענטש, פֿונדעסטוועגן די אויבערהאַנט איבער איר — דער וועלט, אין דעם זין, וואָס זיין איבערלעבונג פֿון דער וועלט, פֿאַרוואַנדלט איר אין זיינע אויגן, אין אַ גאַרן יש, וואָס איז אפשר בלויז בנמצא אין דעם שעפֿערישן געניוס און אויפֿלויכט פֿון ז יי ן באַוווסטזיין.

אין דעם איינמאָליקן לעבן פֿון דעם פּרט, דעם מענטש, דעם יחיד, געפֿינט די וועלט אַ תיקון, אין ד ע ר איבערלעבונג זיינער, וואָס דריקט זיך דער עיקרשט אויס אין דעם לבוש פֿון ז יי ן לשון, וואָס פֿאַראיינפֿאַכט און קלאָרט איר אויס, אין ז יי ן אייגענעם באַוווסטזיין און פֿאַרבלייבט אין דעם זכרון פֿון די נאָכקומענדיקע דורות, ווי אַ דאָקומענטאַלער באַווייז פֿון ביידנס עקזיסטענץ, וואָס זענען אַבסאָלוט אָפּהענגיק איינער פֿון דעם אַנדערן.

די געטלעכע שליחות פון דעם מענטש

דער מענטש וואָס איז באַשאַפן אין דעם געשטאַלט פון גאָט, איז אָן יעדן ספק אויך באַזעלט מיט אַ געטלעכער שליחות אויף דער וועלט.

די געטלעכע שליחות פון דעם מענטש איז ווייט פון זיין אַ פּערפעקטע, צוליב דעם אַליין, וואָס ער גופא, דער פּרט — געפינט זיך אַלעמאָל אין דער בחינה פון אַ באַשעפעניש וואָס איז נישט נאָר נישט סטאַטיש, נאָר איז גאָר, אין קעגנטייל, אַלעמאַל דורכויס דינאַמיש אין זיין אַנטוויקלונג, און ער איז אַלעמאָל אונטערגעוואָרפן דעם פּראָצעס פון ענדערן זיך און בייטן זיינע תשוקות.

איין זאַך איז זיכער, און דאָס איז, אַז ער איז לכתחילה צום לעבן געקומען מיט אַן אויסגעשפּראָכענער שליחות וואָס באַצוועקט צו דערגרייכן אַ שלימות צווישן זיך און זיין באַשעפער, וואָס באַדאַרף און מוז זיך אויסדריקן אין דעם אויסזינג פון זיין אייגענעם לעבן, אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט דער גאָרער יצירה.

גייט ער, דער מענטש — אַרום איבער דער וועלט און ער זוכט פאַר זיך אַליין אַ תיקון אין זיינע שעפערישע מעשים, וואָס ער איז טאָג־טעגלעך מתקן דורך זיין באַמיונג, זיך־אַליין אַוועקצושטעלן אין דעם צענטער פון דער וועלט און פון זיך אַרויסצוביבערן יענע סודות פון דער יצירה, וואָס באַדאַרפן פאַר אים גופא ווערן קלאָר ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט אין דעם ליכט פון זיין.

אין אָט דעם זין פאַרענלעכט זיך דער מענטש צו דעם געשטאַלט פון זיין באַשעפער, וואָס גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן, פון דער מינוט אָן וואָס ער איז צום לעבן געקומען, ביז ער פאַרשווינדט ווי אַ פּרט און ער לאָזט איבער הינטער זיך די אוצרות פון זיינע אָנגעזאַמלטע איבערלבונגען און דערפאַרונגען, אין דעם אויפהאַלט פון זיין מין, וואָס באַנייט זיך אַלעמאָל אין דעם ווייטערדיקן פּראָצעס פון זיין באַנייונג, צו זיין און פאַרבלייבן אַ גלייכער טייל און שותף פון דער מעשה בראשית.

ג

מענטשן וואס איך האב געקענט

מאָטאָ:

...באַדויערן די אייגענע דערפאַרונגען, הייסט אָפּשטעלן די אייגענע אַנטוויקלונג, פאַרלייקענען די אייגענע איבערלעבנישן, הייסט אַריינלייגן אַ ליגן אין די ליפּן פון דעם אייגענעם לעבן...

אָסקאַר ווײַלד — „דע פּראָפונדיס"

מ. מ. דאָליצקי

ווען דער פּאָעט מ. מ. דאָליצקי איז געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס אין די צוואַנציקער יאָרן, איז ער שוין געווען פאַררעכנט פאַר אַ באַיאָרטן מענטשן.

צו יענער צייט האָט ער זיך שוין אַפילו באַנוצט מיט אַ שטעקן. ער איז פונדעסטוועגן געווען גלייך ווי אַ ווירע, נאָך פאַרמאָגט אַ געדיכטע טשופּרינע, און מיט ווירדע און שטאָלץ אָניף זיך געטראָגן זיין עלטער.

זיינע אויגן האָבן נאָך געפלעמלט מיט דעם רייץ פון נישט געזעטיקטע באַגערן, און אַלעמאָל איז ער געווען נייגעריק צו הערן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, ספּעציעל אויף דער יידישער וועלט.

— מיט פּרנסה, — פלעגט ער מיר זאָגן — בין איך ב״ה באַזאָרגט. מיין צייטונג, דער „מאָרגנזשורנאַל", שיקט מיר רעגולער צו מיינע שכירות. איך בין דערביי אַפילו נישט פאַרפליכטעט צו שרייבן, ווי אַמאָל. מיר איז אָבער נישט אָנגענעם — האָט ער שאַרף באַטאָנט — צו נעמען געלט אומזיסט. צוליב דעם האַלט איך אָן מיין סטאַזש פון שרייבן אַ ראָמאַן פאַר זיי, ווי אַ צוגאָב צו מיינע פּאַבלען וואָס איך דרוק ביי זיי פון צייט צו צייט.

שרייבן די ראָמאַנען איז אים דאָ געפאַלן זייער שווער. ערשטנס — צוליב דעם וואָס ער האָט אַליין פון זיי נישט געהאַלטן, מיט זיי זיך אַפילו געשעמט... און צווייטנס — אויך צוליב דעם, וואָס ער איז שוין געווען צו אַלט און באַדאַרפט זוכן זיין פּערסאָנאַזש אויף די גאַסן פון אַ גרויסער צעוואָרפענער און פרעמדער שטאָט.

— ווו, אייגנטלעך, נעמט איר טאַקע דעם מאַטעריאַל פאַר אייערע ראָמאַנען? — האָב איך אים איינמאָל אַ פרעג געטאָן.

— גאַנץ פּשוט, — איז געווען זיין ענטפער — אַלע טאָג, צו אַ באַ־שטימטער צייט, לאָז איך זיך אַרויס מיט אַ טראַמוויי איבער דער שטאָט אויף עטלעכע שעה. דאָרטן קוק איך זיך צו צו מענטשן, וואַרף זיך

אַפילו דורך מיט עטלעכע ווערטער מיט זיי. און אַז איך קום אַהיים, נוץ איך טיילווייז אויס מיינע אָבסערוואַציעס און דערפאַרונגען, אָנצו־שרייבן אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן.

בשעת דאָליצקי האָט פאַר מיר דאַן אַנטפּלעקט דעם סוד, ווי אַזוי ער האָט דאָ געשאַפן זיינע ראָמאַנען, האָט ער נאָך אַליין דאַן נישט געוווּסט, ווי טייער עס וועט אים אויסקומען צו באַצאָלן פאַר דעם אופן פון זוכן און טיילווייז אויסנוצן דעם מאַטעריאַל פאַר זיינע ראָמאַנען.

און דעם פּרייז וואָס ער האָט באַצאָלט דערפאַר, האָט זיך מאַניפעס־טירט אין דעם פאָלגנדיקן איבערברוך אין זיין לעבן און טיפן עלטער:

אין אַ וואָכעדיקן פרימאָרגן בין איך איינמאָל געקומען אים באַזוכן. געטראָפן האָב איך אים אַליין אין אַ פאַרחושכטן צימער מיט אַראָפּגעלאָזטע גאַרדינען, כאָטש עס איז גראָד געווען אַ טאָג אַ הייסער, זוניק און ליכטיק — אינדרויסן. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז ער געזעסן אויף אַ היימישן קיך־בענקל, פאַרטרויערט ווי אַן אָבל, מיט פאַרגאָסענע אויגן. מיין איינדרוק איז געווען, אַז ער איז זייער צעבראָכן פון אַ טראַגי־שער איבערלעבונג. איך האָב אים כמעט ווי נישט דערקענט.

— וואָס טוט זיך דאָ מיט אייך, — האָב איך מיט שטוינונג אים געפרעגט.

זיינע הענט האָבן געציטערט און מיט אַ שטיקנדיקער שטים פון אַ צעבראָכענעם מענטשן, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און בושה אין האַרצן, מיט נישט ווינציק ווייטיק האָט ער מיר דערציילט:

— איר וועט מיר אפשר נישט גלויבן, ס'איז טאַקע נאַריש און אומגלויבלעך — אָבער אַזוי איז עס: נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעלעבט מיט מיין פרוי אַריבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, האָט זי מיך פּלוצים פאַרלאָזט און זי קלאָגט מיך אָן פאַר אַ גט...

מיר האָבן ביידע געשוויגן, היפּשע עטלעכע מינוט. אַ ביסל שפּעטער האָט ער ממשיך געווען:

— שטעלט זיך פאָר, אַז איצט, ביי מיין און איר עלטער, האָט זי זיך איינגערעדט, אַז איך האָב צו טאָן מיט אַנדערע ווייבער... זי מיינט, אַז מיין אַוועקלאָזן זיך איבער דער שטאָט אין טראַמוויי, ווי איך האָב

איך אַמאָל דערציילט: צוליב זוכן מאַטעריאַל פאַר מיינע ראָמאַנען — איז בלויז אַ פאַרבלענדעניש, איר אָפּצונאַרן... זי איז מיך פשוט חושד, אַז איך הולטאַיעווע אַרום מיט אַנדערע ווייבער...

— און ווו איז זי איצט, — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן.

— וואָס הייסט ווו? איר זעט דאָך אַז זי איז דאָ מער נישטאָ! זי איז שוין אויפן וועג קיין דענווער.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער זיך באַזעצט אין אַ ביליקן האָטעל אין צענטער פון שטאָט.

פון דאַן אָן און ווייטער, האָט ער זיך שוין מער נישט באַדאַרפט שלעפּן אין טראַמווייען איבער דער גרויסער און צעוואָרפענער לאָס אַנדזשעלעס... אין אָט דעם האָטעל־צימער, איז ער אגב פאַרבליבן ביז ער איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין דעם היגן „סידאָרס אָוו לעבענען״־שפּיטאָל, ווו ער איז שפּעטער אָנגעקומען מיט דעם כוח פון שתדלנות...

ווען איך האָב זיך באַקענט מיט דאָליצקין, בין איך דאָ אין שטאָט געווען דאַן דער יונגסטער שרייבער.

אין יענער צייט, ווען די מערסטע פון די היגע שרייבערס זענען נאָך אַלע געווען יונג, איז דאָ געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך זיך צו אָרגאַני־זירן אין אַ שרייבערישער גרופּע. אונדזער אַקטיוויטעט האָט זיך אויס־געדריקט אין באַגעגענישן אין דער היגער פאָלקסשול, אויף סאָטאָ־גאַס, און פאָרלייענען אונדזערע אייגענע אַרבעטן.

איינמאָל בין איך געקומען צו אַזאַ אָוונט אַ ביסל צו פרי. איך בין געבליבן אויף די שטיגן פון דער פאָלקסשול מיט אַ יונגן פּראָזע־שרייבער, אַגב, שוין אויך אַ שוכן־עפר. דער זומער־אָוונט איז געווען אַן אויסגעשטערנטער און שטלער. און אַזוי־אָ שטייענדיק אויף די שטיגן פון דער פאָלקסשול, האָט זיך פלוצים באַוויזן די שטאָלצע פיגור פון דעם דיכטער דאָליצקי מיט זיין שטעקן.

— ווער באַדאַרף אים, דעם אַלטן... מיט די פאַבלען זיינע, — האָט זיך דער יונגער פּראָזע־שרייבער גענומען היצן. — אַלעמאָל, ווען איך וויל עפּעס פאָרלייענען, איז ער דאָ מיט זיינע פאַבלען...

מײַן פּנים האָט מיר געגומען פלאַמען פון בושה און װײטיק. איך האָב באַלד איבערגעלאָזט דעם אַזױ־גערופענעם יונגן פּראָזע־שרײבער און װי אַלעמאָל, מיט כבוד באַגעגנט דעם אַלטן דיכטער.

פון דאַן אָן און װײטער, האָב איך זיך אינטים באַפרײנדעט מיט דאָליצקין, אפשר געװען דער אײנציקער שרײבער דאָ אין שטאָט, װאָס האָט אים אַזױ אָפט באַזוכט אין זײן טרױעריקער און פּאַראײנזאַמטער לאַגע.

און כאָטש איך בין ביז הײנט נישט פאַרליבט און אױך נישט קײן לײענער פון פאַבלען, האָב איך פונדעסטװעגן אױסגעהערט יעדן נײעם פאַבל זײנעם, װאָס ער האָט דאָ געשאַפן.

מיט דער צײט האָב איך בײ אים געגומען מאָנען, ער זאָל אָנהױבן שרײבן אַן אױטאָביאָגראַפיע, צי מעמואַרן.

— אײערע ידיעות און זכרונות פון די צײטן פון י. ל. גאָרדאָן, װאָס האָט אײך אגב איבערגעגעבן זײן פעדער — ביז דעם געזאַנג פון אונדזערע טעג, טאָר נישט גײן פאַרלױרן.

— גערעכט זענט איר, — איז זײן ענטפער געװען, — װוּ נעמט מען אָבער כוח דערצו?

— איך װעל אײך אַרױסהעלפן — האָב איך אים געזאָגט.

— װי אַזױ?

— איך װעל צו אײך קומען װען איר אַלײן װעט װעלן און באַשטימען. איר װעט מיר דיקטירן. איך װעל עס אױפנעמען אױף מײן שרײב־מאַשינקע, װאָס איך װעל מיט זיך מיטברענגען. דערנאָך װעט איר עס אַלײן קאָרעגירן.

— און װוּ װעל איך עס דרוקן? — האָט ער זיך געפּרוּװט אַרױס־דרײען.

— אַזאַ זאַך טאָרט איר אַפילו נישט פרעגן! — האָב איך זיך צעהיצט. פריער פון אַלץ, באַדאַרפט איר עס פאַרטראַכטן און אָנשרײבן. דערנאָך װעלן מיר טראַכטן און רעדן, זוכן אַ פּלאַץ װוּ עס צו דרוקן, און װאָס איז טאַקע מכוח דעם „מאָרגנזשורנאַל“?

— און אױב זײ װעלן נישט װעלן?

פון אייגן הויז

— וועט איר זיך ווענדן צו ליעסינען — ער דרוקט דאָך אייערע פּאַבלען!

איך האָב מיט אים אַזוי אָפּט גערעדט וועגן דעם, ביז ער האָט מסכים געווען, איך זאָל צו אים אַריבערקומען מיט מיין שרייבמאַשין און זיך נעמען צו דער אַרבעט.

אַזוי האָט דער פּאָעט מ. מ. דאָליצקי נאָך באַוויזן אָנצושרייבן צוויי פּרקים פון אַ פּלאַנירטער אויטאָביאָגראַפיע, צי מעמואַרן־בוך, וואָס זענען טאַקע געדרוקט געווען אין דער „צוקונפט”, אונטער דער רעדאַק־ציע פון דעם דיכטער א. ליעסין. ער איז אָבער ליידער באַלד קראַנק געוואָרן און אינגיכן אויך געשטאָרבן.

דוד פינסקי

ווען דוד פינסקי איז געקומען קיין וויניפעג, מיר דוכט — אין די אינטערעסן פון דער פועלי־ציון־צייטונג „די צייט", בין איך נאָך געווען זייער אַ יונג בחורל, פול מיט ענערגיע און שעפערישע מעשים.

„דאָס יידישע וואָרט" איז נאָך דאַן געווען אַ האַלב־וועכנטלעכע צייטונג. דער רעדאַקטאָר — מיין זייער גוטער און רירעוודיקער חבר א. מ. מאַנדעלבוים, וואָס איז אגב אויך געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון „דער טאָג", און איך בין דאַן געווען זיין יונגסטער מיטאַרבעטער.

באַלד נאָך דעם ווי דוד פינסקי איז צו אונדז אַריבערגעקומען, איז צו מיר געקומען אַ דעלעגאַציע פון די אָרטיקע פועלי ציון מיט אַ דרינגענדיקער בקשה:

— אַזוי ווי איר האָט אָנגעשריבן אַ פיינעם עסיי וועגן דעם דיכטער ה. רויזענבלאַט, בשעת ער איז דאָ געווען אין די אינטערעסן פון דעם יידישן לערער־סעמינאַר, און מיר האָבן פון אים אַלע הנאה געהאַט, בעטן מיר אייך, אַז איר זאָלט אויך אָנשרייבן אַן ענלעכן עסיי וועגן אונדזער חבר דוד פינסקי, וואָס וואָלט אונדז אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין אונדזער אַקציע לטובת „די צייט".

נישט אַריינלאָזנדיק זיך מיט זיי אין קיין דיסקוסיע, האָב איך זיי דערקלערט, אַז איך פיל זיך נישט גענוג קאָמפּעטענט צו שרייבן וועגן אַזאַ קאָמפּליצירטן שריפטשטעלער ווי דוד פינסקי איז, דערצו נאָך אין איילעניש, נישט האָבנדיק דערביי זיינע ביכער צו דער האַנט.

זיי האָבן מיך פונדעסטוועגן יאָ צונויפגעפירט מיט דוד פינסקין אין זיין האָטעל־צימער, ביים „פּאָרט רוזש"־האָטעל — דער סאַמע רייכסטער האָטעל דאַן אין וויניפעג, ווו ד"ר חיים זשיטלאָווסקי פלעגט זיך דאָרט אויך אָפּשטעלן, בעת זיינע אָפטע באַזוכן אין וויניפעג.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט דוד פינסקי איז דאָ געווען אַ בחיפזונדיקע.

דוד פינסקי האָט מיר דערקלערט אַז ער איז זייער פאַרנומען מיט

פּאַרטיי־ענינים. האָב איך, ווי אַ יוגנטלעכער היץ־קאָפּ וואָס איך בין דאַן געווען — עס אָנגענומען פאַר אַ באַליידיקונג, און זיך דאָרט מיט אים מער נישט געזען, כאָטש איך האָב באַזוכט אַלע זיינע עפנטלעכע אַרויסטריטן.

אין יאָרן אַרום איז מיר אויסגעקומען זיך טרעפן מיט דוד פּינסקי דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס, ווו איך וווין זינט דעם יאָר 1923.

פּינסקי איז געווען פריינטלעך גענוג מיך איינצולאַדן צו זיך אין האָטעל. דאָ אייגנטלעך, האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער אמתע באַקאַנט־שאַפט און אויך פריינטשאַפט.

זיץ איך ביי אים איינמאָל אין זיין האָטעל־צימער און מיר שמועסן ווי געוויינלעך — איבער ליטעראַטור.

פלוצים גיט ער מיך אַ פרעג, וואָס איך טראַכט און ווי איך נעם אויף די דיכטונג פון נ. ב. מינקאָוו.

איך האָב לאַנג נישט געטראַכט און אים געענטפערט, אַז אָפּגעזען דערפון וואָס מינקאָוו חברט זיך מיט מיר און אַז ער שרייבט זיך מיט מיר אַפילו דורך פון צייט צו צייט, איז ער, ווי אַ פּאָעט, פאַר מיר אַ רעטעניש, ווייל איך פאַרשטיי נישט זיינע לידער...

דער קלוגער דוד פּינסקי האָט זיך צעשמייכלט און מיר אַ זאָג געטון:

— איר ווייסט וואָס — איך פאַרשטיי אים אויך נישט! און טאַקע דערפאַר וואָס איך פאַרשטיי אים נישט, וויל איך אים יאָ פאַרשטיין! איז אויב איר וועט האָבן געדולד, — שמייכלט ער גוטמוטיק, — וועל איך אייך עפּעס באַווייזן.

פּינסקי האָט זיך איינגעבויגן, געעפנט אַ הילצערנעם פלאַכן קופערט, די גרויס פון אַ דורכשניטלעך לאַנגן רענצל, און פון דאָרטן אַרויסגענומען אַ היפּש געשוואָלענעם העפט.

— איר זעט, בראַנשטיין, — באַווייזט ער מיר דעם העפט אין זיין אייגנהאַנטיקער און פערלדיקער האַנטשריפט — צוליב דעם וואָס איך פאַרשטיי נישט מינקאָווס דיכטונג, האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט, אָנצו־שרייבן אַ פּאַראָדיע איבער יעדן ליד זיינעם אָן אויסנאַם...

מיר זענען ביידע געבליבן זיצן איינער אַנטקעגן אַנדערן, און דער

גוטמוטיקער דוד פּינסקי האָט פאַר מיר פאַרגעלייענט אַ גאָר גרויסע צאָל שטיפערישע און הומאָריסטישע לידער־פּאַראָדיעס, איבער די לידער פון נ. ב. מינקאָוו.

אַז איך טראַכט אַצינד דערפון, פאַרדריסט מיך, וואָס איך האָב בשעתו נישט געהאַט גענוג שכל צו פאַרצייכענען אין שריפט מיין איינדרוק פון פּינסקיס פּאַראָדיעס, איבער די לידער פון נ. ב. מינקאָוו.

ביי אַ ליטעראַרישער מסיבה דאָ אין שטאָט, אין דעם היגן ל. א. יידישן קולטור־קלוב פאַר דוד פּינסקי און ה. לייוויק, אין דער אָנווזנהייט פון פּרץ הירשביין, וואָס האָט זיך דאַן אומגעקערט פון אַ לענגערן טור איבער דעם לאַנד — ה. רויזענבלאַט, ש. מיללער און ל. שאַפּירא, אין אַ געפּאַקטן זאַל, האָט פּרץ הירשביין געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אָנגעוויזן, אַז אָפּשטעלנדיק זיך אין אַ ריי שטעט וואָס זיינע קאָלעגן האָבן אויך באַזוכט, און שרייבנדיק זיינע איינדרוקן אין דער זעלבער צייטונג „דער טאָג״, — ווו זיינע חשובע קאָלעגן זענען אויך מיטאַרבעטער, האָט ער געזען, איבערגעלעבט און אויך רעאַגירט איבער די זעלבע פּראָבלעמען וואָס זיי באַהאַנדלען. דער פאַרגלייך איז אפשר געווען אַ באַרעכטיקטער. זיין רעאַגירן אָבער — הירשביינס — איבער די אַלע פּראָבלעמען, — לויט מיינע אָבסערוואַציעס און אָפּשאַצונג — איז געווען אַזוי אַנדערש, אָן דעם מינדסטן אָנשפּאַר און גלייכגעוויכט פון אַ חוט השדרה, איך וואָלט געזאָגט — מהיכא־תיתידיק, ווייט פון צו זיין זעלבסטשטענדיק, און בכלל צוגעפּאַסט צו דעם געשמאַק און די השגות פון די דורכשניטלעכע לייענערס פון דער צייטונג.

איך בין נאָך דאַן געווען פאַרהעלטנישמעסיק יונג, אַגרעסיוו און אויך זייער טעמפּעראַמענטפול. האָט עס מיך אַ שטאַרקן ברי געטאָן. און וואָלט מען מיך נישט מהנה געווען מיט אַן עליה — אַ וואָרט — וואָלט מיין מיינונג אָן יעדן ספק אין מיר פאַרלוירן געגאַנגען. איז אָבער געשען אַ נס: דער פאָרזיצער האָט מיך, צו מיין גרעסטער איבעררעאַשונג — יאָ פאַרגעשטעלט און מיך געבעטן עפּעס זאָגן.

איך האָב באַלד געוווּנען דעם קאָנטראָל איבער זיך און אין אַ זייער טעמפּעראַמענטפולער אימפּראָוויזירטער רעדע (איך רעד בטבע פון אַ מאָנו־

סקריפּט), האָב איך אָנגעוויזן די פּאַרקערטע זייט פון דער מטבע, אַז בשעת ה. לייוויק און דער עיקרשט דוד פּינסקי, זענען בײדע געקנאָטן פון אַנדערן טייג, געוואָגט און מוטיק אין זייערע איבערצייגונגען, רעאַגירן אויף אַלץ, צייט־ענינים אַריינגערעכנט — מיט באַקציינער, אין לעבן און אויך אין שריפט, אָפּנהאַרציק און זעלבסטשטענדיק, איז ליידער נישט אַזוי דער פאַל מיט פּרץ הירשביין, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ זיך צוצופּאַסן צו די אומשטענדן, אַפילו רעכטפאַרטיקן די האַנדלונגען פון די שוין דאַן שטאַרק דיסקרעדיטירטע לינקע עלעמענטן אויף דער יידישער גאַס, וואָס איך האָב אילוסטרירט מיט לייוויקס און, ווי געזאָגט, דער עיקרשט — דוד פּינסקיס אַרטיקלען.

דער עולם האָט געגאַפט און מיר שטאַרק אַפּלאָדירט, מיר געדריקט די האַנט און מיר אַפילו גראַטולירט, מיט דעם אויסנאַם פון עטלעכע אינטימע פריינט הירשביינס, וואָס זענען מיט מיין רעדע נישט געווען צופרידן.

אַזוי האָב איך עפנטלעך רעאַגירט אויף דוד פּינסקיס אויסגעהאַלטנ־קייט אין אַלע זיינע שריפטשטעלערישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע מעשים, וואָס האָט מיך צו אים דערנענטערט.

ניו־יאָרק, ווינטער 1935. איך בין אַ גאַסט אין הויז פון דעם אומפּאַרגעסלעכן גרויסן יידן און זעלטנסטן דיכטער פון יידישער מאָרטי־ראָלאָגיע — אברהם וואַלט ליעסין.

דער טעלעפאָן קלינגט. ליעסין ענטפערט און איך הער ווי ער דערציילט דוד פּינסקין, אַז ער האָט איצט אַ גאַסט: „דער יונגער פּאָעט יחזקאל בראָנשטיין מיט זיין פרוי יהודית". ליעסין דערציילט דערביי אויך פּינסקין, אַז ער האָט אָנגענומען מיינעם אַן עסיי איבער יוסף ראָלניק, וואָס וועט זיין געדרוקט אין דעם קומענדיקן נומער „די צוקונפט".

דוד פּינסקי רופט מיך צום טעלעפאָן. ער גיט מיר אָפּ אַ האַרציקן „שלום עליכם" און ער לאַדט מיך איין צו זיך אַ היים, אויף פרישטיק.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געקומען צו אים צו גאַסט אין זיין

רחבותדיקער און זייער געשמאַקפול איינגעאָרדנטער דירה, אין דעם פּענסילוועניע האָטעל, אויף בראָדוויי.

דער אייביק עלעגאַנטער, פיין געקליידטער און זייער פריינטלעכער דוד פּינסקי, באַגעגנט מיך אַליין ביי דער טיר. ער באַקענט מיך מיט זיין פרוי האָדל און די טעכטער.

פּינסקי איז געווען היפּשלעך פאַרעלטערט, אויסגעבלייכט אַ ביסל און, מיר דוכט — אויך אַ ביסל דערשלאָגן און אומרויק.

פּינסקי באַזעצט מיך אויבנאָן, רעכטס, צו זיך, ביים טיש. איך רויטל זיך אַ ביסל און בין דאָך צופרידן צוליב דעם, ווייל אַלע אָן אויסנאַם האָבן דאָ גערעדט... ענגליש. צוליב דעם אפשר איז דאָ געווען עפּעס אַ שווערקייט אין דער לופטן. מיר פאַרטיקן זיך אָפּ מיט דעם עסן, פּינסקי אַנטשולדיקט זיך און ער פאַרבעט מיך אין זיין זויבערן און געראַמען פריוואַטן צימער, ווו מיר שמועסן זיך דורך זייער חבריש — אויף יידיש.

איך האָב שטאַרק הנאה פון זיין באַרעדעוודיקייט און איך בין זיך פּשוט מחיה פון זיין אָפנהאַרציקייט. מיטאַמאָל ווערט ער זייער אומעטיק און מיט טרערן אין די אויגן פאַרטרויט ער מיר דעם סוד און די סיבה פון זיין אומעט און אומרו, אויב נישט — גאָרע דערשלאָגנקייט.

— אַלע יאָרן וואָס איך וווין דאָ אין ניו־יאָרק, — באַקלאָגט זיך פּינסקי — איז ביי מיר אַן אָפן הויז. אונדזערע שרייבער, יונג און אַלט — האָט ער שאַרף באַטאָנט — האָבן אַלע מאָל אין מיר געפונען און געהאַט אַ פריינט און אַ חבר. מיין טיר איז פאַר זיי אַלעמאָל געווען אָפן. מיט אַמאָל, איך ווייס נישט מיט וואָס עס צו דערקלערן — האָט מען אויפגעהערט צו מיר קומען, מיך אינגאַנצן פאַרגעסן... מען טעלעפאָנירט מיר נישט צומאָל אַפילו, אויסגעפינען צי איך לעבן נאָך... וואָס די סיבה איז ווייס איך אַליין נישט. איין זאַך איז אָבער זיכער — מיר איז אומעטיק און זייער נישט גוט לעצטנס, דאָ, אין ניו־יאָרק...

איך בין פון דוד פּינסקין אַוועקגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער. מיין איינדרוק איז געווען, אַז ער איז נישט דער איינציקער יידישער

שרייבער אין דעם גרויסן מדבר ניו־יאָרק, וואָס טיילט אַזאַ גורל, כאָטש לויט זיין פּערזענלעכקייט און גאָר גרויסע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַקטי־וויטעטן, ווי אַ צוגאָב צו זיינע שריפטשטעלערישע מעשים טובים, אין דעם משך פון צענדליקער יאָרן לעבן און שאַפן אין ניו־יאָרק, האָט ער זיך זיכער פאַרדינט אַ בעסערע מערכה, וואָס האָט זיך צום גליק, דוכט מיר — שפּעטער געביטן צום בעסערן.

אברהם (וואַלט) ליעסין

דער פּאָעט אברהם (וואלט) ליעסין איז געווען זייער אַ באַרעדעוודיקער און האַרציקער מענטש. זיין באַרעדעוודיקייט האָט אים פונדעסטוועגן נישט געשטערט צו זיין אויפמערקזאַם און טאָלעראַנט צו זיין מיט־שמועסער, ווער עס זאָל נישט האָבן געווען, אַפילו מיין ווייניקייט...

ווען דער זשוואַוועדיקער און ביז גאָר אינטערעסאַנטער חבר מיינער — דער דיכטער און עסייאיסט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, האָט מיך אַריינגעפירט צו ליעסינען אין הויז, ווינטער 1935, האָט זיך ליעסין מיט אונדז אַרומ־געכאַפּט ווי מיט אַלטע באַקאַנטע און אונדז אויף אַזוי פיל מקרב געווען, אַז ווען נישט דער צופאַל, וואָס יעקב קרעפּליאַק, דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון דער „צוקונפט" — איז צו אים דאַן אַריינגעקומען מיט די לעצטע קאָרעקטורן פון אַ נייעם נומער „צוקונפט", וואָלט ער אונדז אַוודאי אַזוי גיך נישט אַוועקגעלאָזט.

אין ליעסינס נייגער צו וועלן וויסן „וואָס ביי יענעם קאָכט זיך", איז ער אפשר אומבאַוווסטזיניק אָפּט אַריינגעצויגן געוואָרן אין, וואָס מיר רופן אָן — ר כ י ל ו ת... אין אים האָט זיך אָבער גלייכצייטיק אויפ־געהאַלטן די תמימות און עכטער אינטערעס פון אַ שעפערישן מענטשן, אויף אַ הינטערגרונט פון אַ דורכויס עטישער באַציונג צו יענעם, פאַר׳כפלט מיט אַ זעלטענער חשיבות, זאָרג און אינטערעס אין זיין נויט און ווילזיין.

— וואָס טוט ביי אייך אין קאַליפאָרניע, — גיט ער מיך פלוצים אַ פרעג — דער פּאָעט ה. רויזענבלאַט? — ער פאַרפעלט אָבער נישט דערביי צו באַטאָנען:

— איך האָב געהערט, אַז ער האָט אַ גרויסן רעסטאָראַן, אַז ער איז זייער רייך...

איך האָב אים דערציילט וועגן רויזענבלאַטס „עשירות" אין יענער צייט, אין „מיין" „שטאָט פון מלאכים", און דערביי באַלד באַמערקט,

ווי ליעסין האָט זיך היפּשלעך פאַררויטלט און כמעט ווי געבליבן פאַרשעמט אין מיינע אויגן.

— אויב אַזוי, — האָט ער מיט באַדויער אַ זאָג געטאָן — זאָלט איר אים איבערגעבן מיין גרוס און זאָגן, ער זאָל מיר צושיקן לידער פאַר דער „צוקונפט״, וועל איך זיי דרוקן און זען, ער זאָל דערביי פאַרדינען עטלעכע דאָלאַר...

פון דעם איז צו זען, אַז ליעסין האָט אָפט נישט מקפּיד געווען אויף זיינעם אַן עסטעטישן אני מאמין, און דווקא נישט אין רויזענבלאַטס פאַל — און אָפּגעדרוקט אַ שרייבערס אַן אַרבעט אין דער „צוקונפט״, מיט דער אויסשליסלעכער כוונה: יענעם צו דערפרייען און אים צושאַרן אַ פאַר־דינסטל, ווען עס איז געווען אַבסאָלוט נויטיק. און אַ דאַנק זיין גרויס־מענטשלעכקייט, וואָס איז אַגב ליידער אַ זעלטנקייט ביי אונדזערע היינט־צייטיקע שרייבער, דער עיקרשט — די פּראָפעסיאָנעלע, האָב איך אַזוי אַרום גורם געווען די באַנייונג פון רויזענבלאַטס מיטאַרבעטערשאַפט אין דער „צוקונפט״ אונטער ליעסינס רעדאַקציע, דורך דעם פאַרדינען „עטלעכע דאָלאַר״, נאָך דעם ווי איך האָב דאָ רויזענבלאַטן איבערגעגעבן דעם טשיקאַווען גרוס פון אברהם (וואַלט) ליעסין.

ליעסינס דירה אין דער בראָנקס — רחבותדיק און דאָך באַשיידן; ליכטיק און ציכטיק, אונטער דער השגחה פון זיין שוועגערין ביילע, וואָס האָט געזאָרגט פאַר דעם ווילזיין פון זיין אומגליקלעכער טאָכטער און אים גופא, וואָס איז געווען נישט קיין געזונטער.

— איך וויל, חבר ליעסין, — רופט זיך אָן ביאַלאָסטאָצקי — אַז אונדזער גאַסט זאָל זיך באַקענען מיט אייער טאָכטער.

ביילע האָט באַלד אַריינגעפירט די טאָכטער, אַ פאַרעלטערט מיידל מיט אַן אומנאַטירלעך גרויסן קאָפּ, דינעם האַלדז און דין־אויסגעטרוקנטן גוף, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, מיט אַ שרינט אין אירע היפּשלעך גרויע האָר.

דער איינדרוק איז געווען אַ פּיינלעכער און שווערער. צוליב דעם האָב איך אויסגעמיטן זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס מיט איר, כאָטש

גערעדט האָבן אַלע, אַז ליִעסינס טאָכטער איז זייער אַ פאַרשטענדלעכער מענטש, אַפילו גייסטרייך און גוט אינפאָרמירט אין ליטעראַרישע ענינים.

ליִעסין גופא, האָט אין דער קעגנוואַרט פון זיין טאָכטער ממש געפיבערט מיט דער איבערלעבונג פון אַ פאַר׳צער׳טן און איבערגעגעבענעם פאָטער, וועמענס וואַרעמע בליקן האָבן זיך שטאַרק באַמיט צוריקצוהאַלטן זיינע זיך־שפאַרנדיקע טרערן...

בעת אַ צווייטן באַזוך מיט מיין פרוי ביי ליִעסינען, ווענדט ער זיך פלוצים צו מיר:

— פונדעסטוועגן, מעגט איר זיך גוט באַדענקען: אויב איר מיינט, אַז יוסף ראָלניק וועט חלילה זיין אומצופרידן פון אייער עסיי איבער זיין בוך, וועל איך אים אייך אָפּגעבן צוריק... און איר וועט מיר געבן אַן אַנדערע אַרבעט.

ליִעסינס שמועס מיט מיין פרוי, צו וועמען ער האָט זיך אגב פאַרהאַלטן מיט אינטערעס און אַ סך חשיבות — האָט זיך דער עיקרשט געדרייט אַרום דער פאַרצייטיקער, רוסיש־קלאַסישער פּאָעזיע.

ליִעסין האָט אונדז אַגב אויך געוויזן דעם אָריגינאַל פון זיינע דאַן פלאַנירטע דריי בענד לידער, זאָרגפעליק אַראַנזשירט, געטייפּט און איינגעבונדן.

— וואָס גייט ביי אייך אַזוי שווער צו דאָס פאַרפענטלעכן אייערע לידער — האָב איך אים מיט נישט ווינציק נייגער אַ פרעג געטאָן.

— איר ווייסט דאָך, — האָט ער מיט ווייטיק געענטפערט — אַב. קאַהאַן, דער „פאָרווערטס״...

מיר האָבן וועגן דעם קיין סך צייט נישט פאַרלוירן.

ליִעסינס ביכער־שראַנק איז געווען אויסגעפילט מיט דע־לוקס־אויס־גאַבן פון אונדזערע קלאַסיקער. איך האָב אַרויסגענומען אַ באַנד פּרץ. ליִעסין האָט באַמערקט, אַז ביים בלעטערן דעם פּרץ־בוך, האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אויף נישט־אויפגעשניטענע זייטן...

— איך האָב נאָך ביז איצט נישט באַוויזן זיי איבערצולייענען, — האָט ער זיך רויטלענדיק גענומען פאַרענטפערן...

— איך בין אַ פּאַרנומענער מענטש, דערצו נאָך נישט קיין געזונטער...
איך וועל עס נאָך טאָן ביי דער ערשטער, גינסטיקער געלעגנהייט.

אברהם (וואַלט) ליעסין איז געווען וואַך צו אַלץ און צו אַלעמען, דער עיקרשט — צו אונדזערע יידישע פּראָבלעמען; גורל פון פאָלק און גורל פון וועלט־און־מענטש, אין אַלגעמיין.

אין דער קעגנוואַרט פון אברהם ליעסין, ווי ביים לייענען זיינע צערפולע לידער, וואָס זענען אַדורכגעווייטיקט מיט אייגנאַרטיקן יידישן פּאַטאָס — האָב איך זיך אַלעמאָל געפילט געהויבן־און־דערהויבן, פאַר דער זכיה אים צו קענען־און־דערקענען, ווי איינעם פון אונדזערע זעלטנסטע דיכטערישע פּערזענלעכקייטן, מיט די קענטיקסטע שטריכן און אייגנשאַפטן פון אונדזערע נביאים פון אמת.

זלמן רייזען

דער וואָס האָט כאָטש איינמאָל זוכה געווען צו זען זלמן רייזען, געדענקט אַוודאי זיין התמדה, רירעוודיקייט און אויך שפּירעוודיקייט בנוגע אונדזערע קולטור־ווערטן אויף יידיש לשון.

געקומען איז ער צו אונדז פון דער ווייטער ירושלים דליטא — דער שטאָט ווילנע, אין די אינטערעסן פון דעם ייוו״אָ, וואָס האָט, דוכט מיר, דאָמינירט זיין גאַנצע מענטאַליטעט.

איך גיי מיט אים אין גאַס. אַ לייכט ווינטל פאַרטראָגט צו אונדז אַ פלוג־בלעטל אויף יידיש. זלמן רייזען רייסט איבער דעם שמועס, בייגט זיך אָן און הויבט אויף דאָס פלוג־בלעטל מיט אַ רעליגיעזן ציטער. ער בליקט עס דורך מיט דעם שאַרף פון זיינע אויגן, גלעט־און־גלייכט עס אויס, מאַכט אויף זיין איבערגעלאָדענע פּאָרטפּאָליע און ער פאַרבאַהאַלט עס ווי אַן אבן טוב.

— וואָס קוקט איר מיך אָן אַזוי מאָדנע און פאַרוווּנדערט, — צעהיצט ער זיך אומגעריכט — ווען איר אַלע דאָ, וואָלט פאַרשטאַנען דעם קולטור־היסטאָרישן ווערט פון אַזעלכע שימות און נישט פאַרנאַכלעסיקט זיי צו זאַמלען, וואָלט אייער אייגן לעבן געווען פולער און רייכער ווי עס איז איצט.

מיך אַליין האָט בלויז געוווּנדערט וואָס ער האָט דאָס פלוג־בלעטל נישט אַ קוש געטאָן, בשעת ער האָט עס אויפגעהויבן מיט אַזאַ נשמה־ציטער אין זיין האַרץ.

און אַזוי־אַ גייענדיק מיט אים אין אַ וואָכעדיקן טאָג, איז ער געווען קאַפּאַבל איך אָנצושטעקן מיט דעם ענטוזיאַזם פון אַלע זיינע טואונגען.

— שטעלט איך פאָר, — גיט ער מיר צו פאַרשטיין — מיט וואָס פאַר אַ גלייכגילט איר פטרט דאָ אָוועק אייערע טעג, אין שייכות מיט יידיש לעבן. סאַן דיעגאָ, זאָגט מען מיר — איז בלויז אַ הונדערט פינף

און דרייסיק מייל פון לאָס אַנדזשעלעס. אַ סך פון אייך קומען אַהין אַוודאי נישט זעלטן. פונדעסטוועגן, האָב איך, דער גרינער פון דער ווייטער ווילנע — באַדאַרפט אַהין קומען און אויסגעפינען, אַז אין סאַן דיעגאָ לעבט שלום־עליכמס אַ ברודער.

זיין באַרעדעוודיקייט האָט זיך אַלעמאָל געדרייט אַרום די קולטור־ווערטן פון יידיש לעבן בכלל, יידיש לשון און ייוו״אָ — בפרט.

זיין אַקציע לטובת דעם ייוו״אָ דאָ אין שטאָט איז געשטאַנען אויף זייער אַ הויכן ניוואָ, אַ דאַנק דער חשיבות פון זיין פערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט מיט דער עכטקייט פון זיין ענטוזיאזם און דער עשירות פון זיין וויסן.

און פאַרנומען האָט ער זיך דאָ מיט ייוו״אָ טאָג און נאַכט ווי מיט אַ מלאכת הקודש. קיינער, אפילו די יונגסטע צווישן אונדז — האָבן מיט אים נישט געקאָנט קאָנקורירן.

מיר האָבן אים איינמאָל מיט געוואָלט אָפּגעריסן פון זיין פאַר־שמייעטקייט און אים פאַרשלעפּט קיין האָליוווּד באָלל, צו אַ קאָנצערט.ביים אַרויסגיין איז דער געדראַנג געווען אַ סך גרעסער און ערגער ווי ביים אַריינגיין. ס'איז כמעט ווי געוואָרן אוממעגלעך זיך אַריינצופּאַקן אין אַ טראַמוויי און נישט פאַרלירן זיך.

— וואָס זענט איר אַזוי פאַרצווייפלט? — האָט ער כמעט ווי גענומען לאַכן פון אונדז. — קומט מיט מיר, וועט איך אַ „גרינער" ווייזן וואָס צו טאָן! ער האָט באַלד אָפּגעשטעלט אַ טאַקסי, אונדז אַלע וואוילייִנגעריש פאַרבעטן, און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן מיר זיך שוין אַלע געפינען אין אַ קאַפע אויף בראָדוויי און ווידער גערעדט וועגן ייוו״אָ... דערביי איז אויך אינטערעסאַנט צו דערמאָנען זיין ספּאָרטסמענשאַפט: ער האָט נישט אַנדערש געוואָלט נאָר אַליין באַצאָלן פאַר דער טאַקסי. מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג מיט אים געאַמפּערט ביז ער האָט מסכים געווען, אַז מיר זאָלן אַלע פינף אירע טיילן די הוצאה, גלייך אויף גלייך.

פאַר אַלעמען האָט זלמן רייזען געהאַט אַ גוט וואָרט. קאָנטיק, אַז ביי דער רייזען־פאַמיליע איז עס געווען אַ משפחה־אייגנשאַפט. ער האָט זיך, למשל, נישט זעלטן, פאַרענטפערט פאַר דעם און דעם שרייבער, מיט

ווען ער האָט זיך דאָ באגעגנט צום ערשטן מאָל פנים אל פנים, הלמאי יענעמס ביאָגראַפיע אין זיין לעקסיקאָן, איז נישט פּינקטלעך און קאָרעקט.

— נאָך אַלעמען, — האָט ער זיך תמימותדיק פאַרענטפערט — זענט איר נאָך דאַן געווען אַן אָנהויבער. פאַר דער צייט האָט איר זיך היפּשלעך אַנטוויקלט, באַרייכערט אייער ביאָגראַפיע און ביבליאָגראַפיע מיט אַ סך פּרטים. וועל איך עס שוין גוט מאַכן ביי אַ צווייטער, פאַרגרעסערטער און רעווידירטער אויפלאַגע, וואָס איך האָב אַלצאיינס אינזינען אַרויס־צוגעבן.

זיינע גרוסן פון ווילנע זענען שוין דאַן געווען גאָרנישט קיין פריילעכע, ערב דעם אָנקום פון דער היטלער־מגפה.

— מיר מוזן אָבער האָבן בטחון, — האָט ער ממש געבערענט — און אויפבויען אַ היים פאַר אונדזער ייווו״אָ.

יעדן איינעם פון אונדז האָט ער געמוטיקט, ממש אָנגערעגט צו שעפערישע מעשים.

— אויף אייך, — האָט ער צו מיר אַרונטערגעדונערט פון די שטיגן פון דעם וואַגאָן, בשעת מיר האָבן זיך מיט אים געזעגנט — ליגט אַ חוב: אַרויסצוגעבן אַ שריפט אויף יידיש, אין דרום־קאַליפאָרניע.

ביים געזעגענען זיך מיט אים, האָט קיינער פון אונדז נישט געאַנט, אַז זיין גורל איז פאַרחתמעט; אין ווינציקער ווי איין צענדליק יאָר אַרום איז ער טראַגיש אומגעקומען ווי אַ קדוש, אין דעם אַזוי גערופענעם „לאַנד פון די סאָוויעטן״ — פון די רויטע פאַשיסטן, די דירעקטע יורשים פון היטלערן — ימח שמם וזכרם.

שלום אַש

ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר 17—18, בין איך אין וויניפּעג, מערב־קאַנאַדע, געווען דער אַקטיווער סעקרעטאַר פון אַ יוגנטלעכער אָרגאַניזאַציע מיט דעם נאָמען „יידישער סאָציאַליסטישער זעלבסטבילדונג־פאַריין".

אונדזער גרופּע איז באַשטאַנען פון אַ 40—50 אירע — בחורים און מיידלעך.

און כאָטש עס האָבן זיך צווישן אונדז געפונען אַ צאָל עלטערע בחורים און מיידלעך, איז די פירערשאַפט פונדעסטוועגן געלעגן אין די הענט פון די יונגערע צווישן אונדז. בשעת מיר, די יונגערע — האָבן איינזינען געהאַט דעם עיקר: זיך אַליין לערנען, אָנפירן אַ ביבליאָטעק, קולטורעלע אָוונטן מיט רעפעראַטן, דיסקוסיעס און קינסטלערישע פּראָג־ראַמען, לויט אונדזער דעמאָלטיקע באַגריפן — האָבן די עלטערע צווישן אונדז זיך מער פאַראינטערעסירט אין דורכפירן בעלער, אויספלוגן אין פּאַרק, שיף־עקסקורסיעס און סתם פאַרווייליונגען.

אין יענער צייט האָבן מיר זיך פּלוצים דערוווסט דורך דעם „פאָרווערטס", אַז שלום אַש געפינט זיך אין אַמעריקע.

אין אַ פּריוואַטן שמועס צווישן זיך, האָבן מיר — עטלעכע ענטוזיאַסטן — באַשלאָסן, רעקאָמענדירן אונדזער פאַראיין, אַז מיר זאָלן אַרונטער־ברענגען שלום אַשן קיין וויניפּעג.

ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט האָבן מיר אַזאַ פאָרשלאָג אַדורכ־געפירט. און נאָך איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, זענען מיר שוין געווען פאַרנומען איבער דעם קאָפּ מיט צוגרייטן די געוואגטע אונטער־נעמונג.

ווי דער סעקרעטאַר פון דעם „זעלבסטבילדונג־פאַריין, איז נאַטירלעך אויסגעפאַלן אויף מיין גורל זיך דורכצושרייבן מיט שלום אַשן.

מיט אונדזער גאַנצער יוגנטלעכער חוצפה, האָבן מיר זיך פונדעסט־

װעגן דערשראָקן פאַר אונדזער אייגענער געזױאַגטקייט, אַרונטערצו־ברענגען שלום אַשן אויף אונדזער אייגענער אַחריות...

אויך װיפל מיר געדענקט זיך, האָבן די מערסטע פון אונדז, חוץ מיין װייניקייט — אַלע געהאַט גלאַטע צינגלעך. עס איז אַפילו שפּעטער געװען אַ פאַל, װען איינער פון אונדז: מיין גרעסטענער יוגנט־חבר משה פּולען — האָט ביי אַן ענלעכער געלעגנהייט באַגריסט ד״ר חיים זשיט־לאָװסקי אין אונדזער נאָמען, ביי זשיטלאָװסקיס אַן עפנטלעכן קבלת פּנים. דער איינדרוק איז געװען אַזאַ קאָלאָסאַלער, אַז ד״ר זשיטלאָװסקי אַליין האָט באַלד איבער דעם אַזוי רעאַגירט:

— מיט אַזאַ יוגנט, — האָט ער באַטאָנט — קאָנען מיר באמת אַװעקגיין זייער װייט און אויפטון זייער אַ סך.

צום באַדויערן, איז דעם קלוגן ד״ר חיים זשיטלאָװסקיס נביאות נישט מקוים געװאָרן. מיין חבר פּולען איז גאָר געװאָרן אַ דערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן, דערצו אויך אַ ציניקער....

מיר האָבן זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז עס װאָלט געװען מער ראַטזאַם און כבוד פאַר אונדז גופא, װי אויך פאַר אונדזער באמת גרױסן גאַסט, װען מיר װאָלטן צוגעלאָזן אַן עלטערן חבר פון דער סאָציאַליסטישער באַװעגונג, צו זיין דער פּאָרזיצער ביים שלום אַשס קבלת פּנים און אויך אָפּשיידס־באַנקעט.

מיר האָבן באַלד איינגעלאַדן אונדזער חבר װיליאַם באַום, אונדזער לערער און מדריך אין דער לערע פון װיסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם — מאַרקסיזם, צו זיין דער פּאָרזיצער. מיר האָבן אויך צוגעצויגן אַ צװייטן עלטערן חבר — מאַקס טעסלער, צו זיין דער פינאַנץ־סעקרעטאַר פון אונדזער באמת געװאַגטער און גרויסער אונטערנעמונג.

ערב דעם אָנקום פון שלום אַש קיין װיניפּעג, זענען מיר אַלע געװען באַהערשט פון אַ זעלטענער און שפּירעװדיקער נערװעזיטעט.

מיר האָבן זיך נאַטירלעך אויסגעפּוצט אין אונדזערע שענסטע בגדים, און אין אַ נישט־געװיינלעכער קעלט, װאָס איז אַגב אין װיניפּעג נישט זעלטן, האָבן מיר אים באַגעגנט ביי דעם װאָקזאַל פון דער סי.פּי.אַר.

און אַז די מאַיעסטעטישע געשטאַלט פון דעם נאָך דאַן גאָר יונגן שלום אַש האָט זיך באַוויזן אין אַ לייכטן מאַנטל און ברייטן פלושענעם קאַפעלוש, זענען מיר אַלע ווי פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין מענלעכער שיינקייט, און אים באַלד באַפאַלן מיט אונדזערע שעמעוודיקע „שלום עליכמס״.

שלום אַש איז נישט געווען צוגעגרייט מיט זיין לייכטער הלבשה צו אונדזער קאַלטן קלימאַט. ער האָט זיך באַלד גענומען באַקלאָגן אויף דער קעלט. מיר האָבן לאַנג נישט געטראַכט און אים באַלד רעגיסטרירט אין דעם שכנהשן „ראָיאַל אַלעקסאַנדריע״־האָטעל, וואָס גרענעצט זיך מיט דעם וואָקזאַל גופא. קעגן אָוונט האָבן מיר אים אויך באַזאָרגט מיט אַ פוטערנעם מאַנטל און היכער קוטשמע, וואָס האָט אים אגב זייער גוט געפּאַסט — און זיך שטילערהייט דערנענטערט צו אים. אין אָוונט האָבן מיר אים אַריינגעפירט אין דעם איינציקן יידישן לעווינס רעסטאָראַן, אים באַקענט מיט עטלעכע געזעלשאַפטלעכע טוער, צוריקגעפירט אין דעם האָטעל, זיך באַלד מיט אים געזעגנט און אים געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצורוען פון דער ווייטער רייזע.

מיין אייגענער איינדרוק פון שלום אַשן איז געווען זייער אַ גוטער. ער האָט צו מיר דווקא אַפּעלירט מיט זיין צעשויבערטקייט. איך האָב אויך געוואַלדיק הנאה געהאַט פון זיין טיפּיש פּויליש־יידישן אַקצענט, וואָס איז ביי אים אַרויסגעקומען שפּילעוודיק און אויך זייער חנעוודיק. זיינע שטימונגען, האָב איך באַמערקט — בייטן זיך אַפילו צו אָפט. זיי האָבן אים אָבער גלייכצייטיק צוגעגעבן אַן אייגנאַרטיקן רייץ, וואָס האָט מיך גופא פאַרצויבערט און ווי צוגעשמידט צו זיין דינאַמישער פערזענלעכקייט. און כאָטש ער האָט זיך מיט מיר סענטימענטאַל פאַרחברט, צוליב פאַר־שטענדלעכע טעמים אפשר: איך בין עס געווען דער פאַרבינדלער צווישן אים און דער גרופּע וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין קומען אַהער — האָב איך זיך פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט באַליידיקט פון זיינע נישט זעלטן מאָדנע האַנדלונגען. פון צייט צו צייט, למשל, האָט ער זיך צו מיר באַצויגן זייער מאָדנע און קאַלט... נישט זעלטן אַפילו אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער דערקענט מיך נישט... אָט איז

אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל: איך קום צו אים אַריין אין זיין האָטעל־צימער. דאָס צימער איז אַזוי באַהייצט און באַלויכטן, אַז כאָטש אין דרויסן שטייט אַ מוראדיקע קעלט, ליגט ער פונדעסטוועגן אָן אָפּגעדעקטער אין אדם הראשונס קליידער. זיינע אויגן זענען מוראדיק צעגרויסט און פאַרחלומט, כמעט ווי באַטרערט, און זיי ברענען מיט אַזאַ מיסטישן פייער, וואָס איך וואָלט איצט, — אין יאָר 1961 — אָנגערופן: שעפּערישער פיבער. שלום אַש וואַרפט אויף מיר אַ צעטראָגענעם, אַנדערשוועלטיקן בליק, וואָס שטויסט אָפּ און וואַרעמט דיך גלייכצייטיק, מיט אַ געטלעכן רחמים. אויף דעם ערשטן אויגנבליק בין איך געבליבן ווי פאַרשעמט אין פּנים פון זיין נאַקעטקייט, באמת נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך...

שלום אַש האָט מיך לחלוטין נישט דערקענט.

און כאָטש איך בין געווען יונג, אומבאַהאָלפן און אַליין כמעט ווי נישט קיין היגער... האָב איך פונדעסטוועגן געהאַט גענוג שכל זיך נישט צו באַליידיקן און הינטערווילעכץ זיך אַרויסגעשאַרט פון צימער, אומבאַמערקט...

אַ צווייטער ביישפּיל: איך באַגעגן אים אין דעם קאָרידאָר פון דעם זעלבן האָטעל. איך באַגריס אים, ווי אַלעמאָל — חבריש און האַרציק. ער וואַרפט אויף מיר אַ פרעגנדיקן, אָבער פרעמדן בליק און — והילד איננו...

אונדזער חבר און לערער וויליאַם באַום, האָט קיין סך נישט געהאַלטן פון בעלעטריסטיק. אַ בעלעטריסטיש בוך, פלעגט ער אונדז זאָגן — לייענט מען איבער און מען פאַרגעסט. אַנדערש איז מיט וויסנשאַפטלעכע ווערק, ספּעציעל — סאָציאַלע. אַז ער האָט אָבער באַדאַרפט רעדן וועגן שלום אַשן ביי דעם באַנקעט, וואָס ער האָט אָנגעפירט — האָט ער זיך געראַטעוועט דערמיט, וואָס ער האָט אויסשליסלעך גערעדט וועגן שלום אַשס „קוילער געסל", וואָס האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט אין דעם אַריינצוטייטשן זיינע סאָציאַלע אַני מאַמינס. אינטערעסאַנט אָבער איז צו דערמאָנען, אַז ווען די דעמאָלטיקע יידישע אינטעליגענץ איז געקומען צום אויסדרוק, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די מערסטע

פון זיי זענען נישט געווען באַקאַנט און אָן יעדן ספק, ווינציק באַהאַוונט אין די שוין דאַן פּאָפּולערע ווערק פון שלום אַש.

אין איינעם אַ פרייטיק צו נאַכטס, בין איך מיט שלום אַשן פאַרביי געגאַנגען דעם קווינס טעאַטער, אויף סעלקירק און מעין סטריט. אונדזערע שול־יידן האָבן דאַן געשטראָמט אין מאַסן אין אַט דעם טעאַטער, ווו אַ צווייטקלאַסיקע טרופּע האָט געשפּילט עפּעס אַ שונד־דראַמע.

— בראָנשטיין, — האָט אַש גענומען רעדן — קימץ, לאָמיר אַריינגיין אין טעאַטער.

מיר זענען באַלד אַריינגעגאַנגען, זיך אַוועקגעזעצט צווישן עולם, בשעת עס איז שוין אָנגעגאַנגען דאָס שפּילן. איך האָב זיך נאַטירלעך צוגעקוקט צום שפּילן אויף דער בינע. מיטאַמאָל גיט מיך שלום אַש אַ צי ביי דער האַנט:

— בראָנשטיין, — זאָגט ער מיר — קיקט נישט אַהין. דאָרטן איז גאָרנישט. קיקט אַהער און זעט. דאָ איז אינטערעסאַנטער — דאָ שפּילט מען נאַטירלעכער און בעסער...

איך דריי אויס מיין קאָפּ און איך זע: אַ מגושמדיק גראָבער בחורעץ דריקט זיך צו דעם בוזעם פון אַ מויד, וואָס זעט נישט אויס צו זיין אַ סך איידעלער פון אים. דער בחור האָט באַלד אויפגעכאַפּט וואָס שלום אַש האָט מיר דאָ געזאָגט. ער האָט פלינק אויסגעדרייט זיין פּנים צו אונדז און הויך אַ זאָג געטאָן:

— פאַרמאַך דיין טריפהנעם פּיסקאַטש, דו גראָבער יונג — איידער איך דערלאַנג דיר אין פרעסער אַריין...

די אַרומזיצנדיקע יידן האָבן באַלד אויסגעדרייט די קעפּ צו אונדז, מיט פאַרווונדערונג און נייגער. כדי אויסצומיידן שפיכת דמים און אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל, האָב איך אַשן אָנגענומען ביי דער האַנט און מיר האָבן זיך אין איין הרף עין אַרויסגערוקט פון דעם טעאַטער.

גייענדיק אַמאָל מיט שלום אַשן אויף פּאָרטעדזש עוועניו, אַרום איטאָנס דעפּאַרטמענט סטאָר, האָט זיך אַשן פאַרגלוסט עפּעס עסן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קאַפעטעריע און, ווי געוויינלעך — זיך געמוזט אַוועקשטעלן אין דער ריי כדי עפּעס צו קריגן צום עסן. שלום אַשן האָט

דערוויל פאַרשמעקט אַ געשמאַק שטיקל טאָרט, וואָס ער האָט פונוויטנס באַמערקט. ער האָט זיך באַלד אַרויסגערוקט פון דער ריי און מיט דער לאַנגער האַנט זיינער אַליין אַרויסגעכאַפּט דאָס שטיק טאָרט פון הינטער דעם גלעזערנעם וועַנטל, און זיך באַלד דערמיט פּאַסמאַקעוועט. די באַדינערין האָט מיט פאַרווונדערונג אים געמאַכט אַ פאַראורף אויף פראַנצויזיש. אַש האָט עפּעס צוריקגעברומט, וואָס קיינער האָט אַגב ניט פאַרשטאַנען און גוטמוטיק אויפגענומען מיט אַ שמייכל. איך האָב אין איילעניש באַצאָלט די פּאָר סענט און מיט אים אַוועקגעאיילט צו אַ טישל...

שלום אַש האָט פאַר מיר איינמאָל אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג, צו וועלן זען אַ יידישן פאַרמער. איך האָב דאַן גראָד געהאַט אַ חבר, וועמענס פאָטער האָט אָנגעהאַלטן און אפּעריִרט אַ מילך־פאַרם, אין קילדאָנען. זענען מיר איינמאָל אַ פרימאָרגן פאַרפאָרן אויף דעם פאַרם צו מיין חבר לאָסקער.

דער עלטערער לאָסקער, וואָס איז געווען אַ ייד אַ יודע ספר, האָט גראָד יאָ געוווסט ווער דער גאַסט איז. צוליב דעם אפשר איז ער געווען אַזוי האָפערדיק. אָנגענעם איבערראַשט און ממש גערירט פון דעם כבוד וואָס שלום אַש האָט אים צוגעטיילט מיט זיין באַזוך אויף זיין פאַרם. מיין חבר, דער יונגערער לאָסקער — איז גראָד דאַן נישט געווען אין הויז.זענען מיר זאַלבעפינפט — מיר ביידע, דער פאַרמער, זיין פרוי און זיין מיטלוווקסיקע טאָכטער אין מיין עלטער, — אַריין אין שטאַל אָנקוקן דאָס באַלעבאַטישקייט. שלום אַש האָט גערעדט צו דעם באַלעבאָס און אים אויסגעפרעגט וועגן זיין פאַרמערישער ווירטשאַפט. דער איינדרוק, לפנים — האָט געזאָלט זיין, אַז ער איז פאַראינטערעסירט אין פאַרמע־רישע ענינים. ווי איבערראַשט אָבער בין איך געווען, מיט מיין גאַנצער דעמאָלטיקער תמימות, וואָס זיינע ברענענדיקע אויגן זענען די גאַנצע צייט געווען איינגעגעסן אין דעם שיינעם יונגן פנימל און גאָר קלוגע אייגעלעך פון מיין חברס יונגער שוועסטער...

צו דעם אָפשידס־אָוונט, דעם באַנקעט, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט פאַר שלום אַשן, האָבן מיר געבראַכט אַ גרויסן דעקאָרירטן טאָרט מיט אַ יידישן אויפשריפט: ברוך הבא און צאתך לשלום, שלום אַש. דורך

אַ צופאַל איז דער טאָרט פאַרבליבן אומבאַרירט. אויף עמעצנס אַ פאָר־שלאָג, האָבן מיר געבראַכט דעם טאָרט אין שלום אַשס האָטעל־צימער. און אָפּגערעדט האָבן מיר, אַז פאַר זיין פאַרלאָזן ווינּיפּעג, זאָלן מיר אין האָטעל מיט אים מאַכן אַ „לחיים“. עס האָט זיך גראָד געמאַכט אַזוי, אַז דווקא איך האָב פאַרשפּעטיקט צו קומען אין צייט. אַז איך האָב זיך ענדלעך באַוויזן, איז מיר שלום אַש אַנטקעגנגעקומען צו דער אָפענער טיר מיט אַ פריידיק צעלויכטענעם פּנים און מיר אַ זאָג געטאָן:

— בראָנשטיין, — קעיק! דאָס איז פאַר אייך: קעיק!

מיר האָבן נאָך באַוויזן צו נעמען מיט אים אַ גרופּן־בילד. אַז איך האָב עס אים שפּעטער צוגעשיקט קיין ניו־יאָרק, האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ קאַרטל, אין וועלכן ער האָט מיר געשיקט אַ דאַנק און געזאָגט: „עס וועט ביי מיר פאַרבלייבן ווי אַן אייביקער אָנדענק“.

די צווייטע באַגעגעניש

מלמחמה־צייט, אומגעפּער אַ פערטל יאָרהונדערט נאָך מיין ערשטער באַגעגעניש מיט שלום אַש אין מערב־קאַנאַדע, איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן ווי דער אייגנטימער און פאַרוואַלטער פון אַ געדונגענעם צענט־קלאַסיקן האָטעל אין לאָס אַנדזשעלעס, דערצו נאָך אויף מעין סטריט, נאָך דעם ווי איך האָב זיך פריוויליק באַפרייט פון מיינע פליכטן ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער געזעלשאַפטלעכער טוער, ווי דער סעקרעטאַר פון דעם היגן הסתדרות קאַמפּיין.

צוליב דער באַשיידנקייט פון דער אונטערנעמונג, שלעכטער טראַנס־פּאָרטאַציע און נישט גענוגנדיקן איינקונפט, האָב איך אַליין באַדאַרפט אויספירן אַלע פונקציעס פון דעם גייענדיקן געשעפט, אַפילו דאָרטן נעכטיקן און זייער זעלטן אַהיימקומען.

פון צייט צו צייט פלעגט מיך דאָרט באַפאַלן אַזאַ אומעט, אַז איך האָב זיך פשוט געשראָקן דאָרטן חלילה צו פאַרלירן דעם צלם אלקים. איך האָב זיך נישט איינמאָל פאַרשאָלטן דאָס געביין, אויף וואָס איך בין איבערגעקומען, צוליב אַ באַשיידן שטיקל ברויט...

איינמאָל, ביים אָפּרייניקן דעם דיל וואָס אַ שיכורער מאַטראָז האָט פאַרפּאַסקודעט, קלינגט דער טעלעפאָן און איך דערהער, מיר דוכט — אַ באַסאָווע שטימע אויף יידיש, מיט אַ פּוילישן אַקצענט:

— בראָנשטיין! — רופט מיך עמעצער ביים נאָמען.

— יאָ. וואָס וועט איר זאָגן?

— איר ווייסט ווער עס רעדט?

— ניין, איך ווייס נישט.

— דאָס רעדט שלום אַש!

איך האָב זיך אויף אַ סעקונדע פאַרלוירן, נישט געגלויבט מיינע אויערן.

— ווי קומט איר אַהער, — פרעג איך אים נערוועז און צעטראָגן.

איך באַהערש זיך צוביסלעך און איך בין ממשיך דעם שמועס מיט אים.

שלום אַש דערציילט מיר, אַ ער איז געקומען זיך באַזעצן דאָ אין שטאָט, און אַז ער זוכט אַ סעקרעטאַר.

איך דערצייל אים וועגן מיין קלאָגעדיקער פּרנסה. ער טרייסט מיך און זאָגט מיר, אַז אויב מיר וועלן זיך פאַרשטענדיקן און איך וועל ווערן זיין סעקרעטאַר, וועל איך זיך באַפרייען פון מיין קלאָגעדיקער פּרנסה און עס וועט מיר זיין גוט מיט אים. ער שלאָגט מיר פאָר, באַלד אַריבערצוקומען, צו וואָס איך בין אַבסאָלוט נישט מסכים. איך האָב זיך פּשוט געשעמט צו באַווייזן פאַר אים, אין דער קלאָגעדיקער סביבה פון מיין האָטעל־פּרנסה...

אין אַ טאָג צוויי אַרום טעלעפאָנירט ער מיר ווידער. ער בעט מיך, איך זאָל אים דערווייל צושיקן מיינע ביכער, וואָס איך טו גערן. דעם דריטן מאָל, אַז ער האָט מיר טעלעפאָנירט, האָט ער מיר אַריינגעשריגן אין די אויערן אַריין:

— בראָנשטיין, — זאָגט ער מיר — איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז איר זענט אַ גאַנצער קריטיקער...

איך האָב מיט אים אָפּגערעדט זיך צו טרעפן ביי אים אין הויז, אין אַ קעניאָן אַרום סאַנטאַ מאָניקע, קאַליפ.

מיר איז אָנגעקומען זייער שווער צוצוקומען צו זיין הויז, אַ מין ווילע אין אַ פּרעכטיקער באַרג־געגנט, וואָס איז פאַרנעסטלט אַרום דעם פּאַציפישן ים־אויסגוס. ענדלעך האָב איך זיך, אַ מידער, אַהין דערשלעפּט און אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַ מיטלוווקסיקע פרוי, אַן עלטערע, אָבער מיט קענטיקע סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט, עפנט די טיר און פאַרבעט מיך אַריין. לויט איר אויסזען און אַקטיוויטעט ביים ראַמען דאָס הויז, בין איך געוועזן אונטער דעם איינדרוק, אַז זי איז נישט קיין יידישע פרוי — די דינסט. און כאָטש איך רעד אַלעמאָל יידיש אַפילו צו גוים, האָב איך דאָסמאָל אַדרעסירט אויף ענגליש, בכדי נישט אַריינצוברענגען אין אַ פאַרלעגנהייט די דינסט פון שלום אַש. זי האָט מיר באַלד דערקלערט, אַז אַש

דערוואַרט מיך. ער איז אָבער איצט נישטאָ אין הויז, ער וועט באַלד קומען צוריק און זי הייסט מיך זעצן.

מיין נייגער וואַקסט. איך בין נערוועז און צערודערט און איך פרעג זיך אַליין: צי וועט ער מיך דערקענען?

איך בין אַזוי אָפּגעזעסן אַ קיימא־לן פון אַן אַנדערהאַלבן שעה. און שלום אַש איז נאָך אַלץ נישטאָ.

איך בין דערוויַיל געוואָרן זייער הונגעריק און איך רוף זיך אָן צו דער באַלעבאָסטע (איך האָב נישט געוווסט, אַז דאָס איז די מאַדאַם אַש!):

— זייט אַזוי גוט און זאָגט שלום אַשן, אַז איך וועל באַלד זיין צוריק. איך בין זייער הונגעריק, — זאָגט איך פאַרשעמט — און לאָז זיך גיין צו דער טיר.

— זעצט זיך בעסער אַוועק, — זאָגט זי צו מיר מיט אַ שמייכל — מיר זענען זייער וויַיט פון שטעטל און קיין קאָמוניקאַציע איז דאָ אויך נישטאָ. איך וועל אייך באַלד געבן עפּעס עסן.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז עפּעס אויסגעוואַקסן אויפן טיש. איך האָב זיך נאַטירלעך נישט געלאָזט בעטן און באַלד זיך גענומען צו דער אַרבעט...

עס נעמט נישט לאַנג און שלום אַש באַוויַיזט זיך.

איך האָב אים באַלד דערקענט, כאָטש היפּשלעך פאַרענדערט און אַלץ נאָך שיין. איך האָב זיך גלייך אויפגעהויבן און אים אַנטקעגן געקומען.

— עסט, עסט! — רופט ער זיך אָן — מיר האָבן צייט. איך בין פונדעסטוועגן צו אים יאָ צוגעגאַנגען און אים דערלאַנגט מיין האַנט. ער ווידער, דער צעבאַלעוועטער און דאָך וווּנדערלעכער שלום אַש! — האָט מיר קוים אָפּגעשטעקט צוויי פינגער־שפּיצן, ווי אַן אַמאָליקער גוטער־ייִד, אַ חסידישער רבי — און מיט זיינע טיפע בליקן מיך צוריקגעשטויסן צום טיש.

דאָס עסן איז מיר מער נישט איינגעגאַנגען, פּשוט אין האַלדז נישט געקראָכן. איך האָב אַלץ אַוועקגעשאַרט אָן אַ זייט און געפּרוווט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס.

ביים פאַרענדיקן דעם לעצטן ביסן אין מויל, האָב איך אגב באַמערקט, ווי ער אָבסערווירט מיך פון אַ זייט. און חושד געווען האָב איך אים, אַז ער באַמיט זיך צו רעקאָנסטרואירן אין זיין דמיון מיין פיזיאָנאָמיע — די פיזיאָנאָמיע פון דעם אַמאָליקן יינגל וואָס ער האָט אַמאָל באַגעגנט אין וויניפּעג, מיט אַ סך יאָרן צוריק. איך האָב לאַנג נישט געטראַכט און אים באַלד אַ פרעג געטאָן:

— איר געדענקט מיך, שלום אַש?

— ניין! — האָט ער נערוועז אַ זאָג געטאָן.

— און איך געדענק אייך יאָ! איר ווייסט פונוואַנען? פון וויניפּעג. מיר האָבן אַפילו מיט אייך אַ בילד, אויף וועלכן איר אַליין האָט אייגנ־האַנטיק מיר בשעתו צוגעשיקט אַ תשובה און אַ דאַנק.

דאָ האָט זיך אַש אַ ביסל פאַררויטלט און אויפגערעגט אַ זאָג געטאָן:

— מיר איז גרינגער צו געדענקען עפּעס אַ געשעעניש פון פערטן יאָרהונדערט, ווי עפּעס וואָס האָט פּאַסירט מיט עטלעכע טעג צוריק...

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיר ביידע אַדורכגעשפּאַצירט די היפּש באַקוועמע און רייכע דירה זיינע. אין יעדן צימער האָבן מיר זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ באַשיידן שרייבטישל, פאַרזייט מיט פּענעס און ווייסע פּאַפּיר־בויגנס. מיר האָבן זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט אין אַ שמאָל, טונקל באַלויכטן קליין צימערל. שלום אַש האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַן אַלט־מאָדישער קאַנאַפּע, מיר געהייסן זיך אַוועקזעצן און מיך פאַרשאָטן מיט פראַגן:

— איר וועט קענען לייענען מיין האַנטשריפט?

ער ווייזט מיר אַ מאַנוסקריפּט און איך לייען פאַר אים פאָר.

— איר ווייסט, אַש — זאָג איך אים אָן באַשיידנקייט — איך בין דאָ אַמאָל געווען אַ באַצאָלטער רעדאַקטאָר פון אַ וואָכנשריפט, האָב איך זיך צוגעוווינט און אויסגעלערנט צו לייענען די ערגסטע האַנטשריפטן.

— און העברעיש קענט איר?

ער דיקטירט מיר עטלעכע פיינע פּאַראַגראַפן פון אַן אימפּראָוויזירטער

אַרבעט, וואָס איך קאָפּיר שנעל. ער בליקט זיי שנעל אַדורך און זאָגט: גוט.

אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אַ שעה אַנדערהאלבן. איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צו אים, באַמערקט זיין צעקאָכט זיין און נערוועזיטעט, פאַרעל־טערטע פיזיק, וואָס האָט נאָך אגב געאָטעמט מיט דער זעלטענער שיינקייט פון אַ גבר, אַ מאַן. און אויך איצט, ווי אַמאָל, האָב איך באַוואונדערט זיין גיגאַנטישע פיגור, אויסזען, אָבער שוין זייער פּאַמעלעכדיקן גאַנג...

— וואַרט צו אַ מינוט, וועל איך אייך אַרויסבאַגלייטן צו דעם אָמניבוס אין שטעטל.

מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין זיין אָפּגעלאָזענעם אויטאָ, וואָס ער האָט אַליין אָנגעטריבן. אינמיטן וועג, אָן אַ וואָרענונג — שטעלט ער זיך פּלוצים אָפּ און נעמט זיך אויסווישן די קאַלירטעברילן זיינע מיט דער פּאָלע פון זיין אויבערראָק.

דאָס פאָרן מיט אים איז ווייט נישט געווען קיין פאַרגעניגן, כאָטש צו ווייט בין איך מיט אים נישט געפאָרן. און אַז איך בין אַרויס פון זיין אויטאָ, האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט...

ביים געזעגענען זיך, האָט מיר שוין שלום אַש געטרויט די פולע האַנט זיינע... מיר שטאַרק אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין און מיר פאַרזאָגט:

— זאָרגט זיך נישט, בראָנשטיין! איך וועל אייך איינגיכן באַפרייען פון אייער קלאָגעדיקער פרנסה, און עס וועט אייך זיין גוט מיט מיר.

עס זענען אַוועק עטלעכע וואָכן און איך האָב מער פון אים נישט געהערט.

און אַז איך האָב זיך גענומען נאָכפרעגן אויף אים, האָט מען מיר דערציילט: ער איז שוין לאַנג צוריק אַוועקגעפאָרן... צוליב עפּעס אַ מיס־טעריעזער סיבה, האָט ער באַשלאָסן זיך באַזעצן אין מיאַמי, פלאָרידע.

ל. שאַפּירא

פון זינט איך געדענק זיך, בין איך אַלעמאָל געווען פאַרוויקלט אין אַן אַנדערן קריזיס. נעכטן — אַן עקאָנאָמישער, היינט — אַ קריזיס אין געזונט־צושטאַנד, און נישט זעלטן — ביידע מיטאַמאָל, מיט נאָך עפּעס ווי אַ צוגאָב צו ביידע...

אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, בין איך, ווי געוויינלעך, פאַר־בליבן אַרבעטלאָז. און געלעבט האָב איך דאַן אין וויניפּעג, קאַנאַדע.

אין יענע יאָרן איז מיין עיר מקלט אַלעמאָל געווען שיקאַגע, די נאָנטסטע גרויסע שטאָט צו וויניפּעג, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

אין מיינע בחורישע יאָרן פלעג איך ליב האָבן זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ פראַכטצוג, זיך אָפּשטעלן אויף אַ טאָג אין מיניאַפּאָליס און פון דאָרטן, אין אַן ענלעכן „קעניגלעכן וואַגאָן״, קאַבוז בלע״ז — אַוועק קיין שיקאַגע.

און פאָרן פלעג איך אַהין בלויז צו ווינטער צו, ווייל פאַר די שיקאַגער היצן האָב איך זיך פּשוט געשראָקן.

אין יענע יאָרן בין איך אַגב געווען גרינג אויף די פיס. נעכטן ערשט באַשלאָסן משנה מקום צו זיין, און היינט — זיך שוין געהעצקעט...

דער אָוונט פאַלט צו אומגעריכט. די שטימונג אין הויז — ווי ערב תשעה באב. טאַטע־מאַמע גייען אַרום ווי דערשלאָגן. משפחה־מענטשן, שכנים און אַ גרויסע צאָל אינטימע יוגנטלעכע חברים, קומען זיך געזעגענען מיט מיר. מיטאַמאָל רופט זיך אָן מיינע זייער אַ געראָטענע און קלוגע יוגנט־חברטע:

— איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָ טוט זיך! בשעת אַלע רעדן וועגן קאַלי־פאָרניע און פאָרן טאַקע אַהין אויך, ווילט זיך דעם משוגענעם דווקא פאָרן קיין שיקאַגע...

אַזוי האָט זיך פאַרצויגן אַ דיסקוסיע וועגן קאַליפאָרניע אין דער

לאַנגער באַנק רייך. איך האָב מיטאַמאָל פאַרלוירן דעם געדולד, זיך ראַפּטאַם אַ הויב געטאָן פון אָרט און זיך באַלד גענומען געזעגענען.

ביים געזעגענען זיך מיט דער דערמאָנטער חברטע מיינער, גיב איך איר פּלוצים אַ זאָג:

— ווען איך וואָלט פונדעסטוועגן געהאַט גענוג געלט אויף צו פאָרן קיין קאַליפאָרניע, וואָלט איך אפשר אויך געפאָרן אַהין... איין זאַך מעגסטו אָבער וויסן אין פאָראויס: פאָר איך קיין קאַליפאָרניע, קום איך מער נישט צוריק אַהער...

— פאַרוואָס נישט — משוגענער? — צעשמייכלט זי זיך האַרציק.

— ווייל איך וועל קיינמאָל נישט האָבן אויף הוצאות אויף צו קומען צוריק אַהער...

אַזוי בין איך דורך אַ צופאַל, צי טעות — אין אָנהויב פון די צוואַנ־ציקער יאָרן — פאַרפאָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס און דאָ שוין פאַרבליבן אויף תמיד...

דער לאָס אַנדזשעלעסער ידישער ישוב איז אין די צוואַנציקער יאָרן נאָך געווען זייער אַ קליינער. און באַשטאַנען איז ער פון צוויי געגנטן. דער ערשטער און דער עלטסטער — אין דער טעמפּל־געגנט. דער יונגע־רער און זיך אַלץ פאַרמערנדיקער — אין בויעל הייטס.

און ווייל דער ישוב איז געווען אַ באַשיידענער, איז מען — ווי אַמאָל אין די קליינע שטעטלעך — נישט אַזוי געווען אָפּגעפרעמדט איינער פון דעם אַנדערן. אַזוי גיך ווי אַ נייער שכן איז צוגעקומען, האָט זיך עס באַלד געלאָזט הערן איבער דעם שטעטל. און נאָך איידער דו האָסט זיך אַרומ־געקוקט, האָסטו זיך שוין געפונען אין דעם סאַמע קאָך פון דער געזעל־שאַפט.

עס האָט מיר לאַנג נישט גענומען אויסצוגעפינען ווו אַ טיר עפנט זיך.

אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג האָב איך זיך דערוווּסט צווישן אַ סך אַנדערע זאכן, אַז דאָ אין שטאָט לעבט דער מחבר פון דער נאָוועלע „דער צלם", ל. שאַפּירא. איך האָב זיך באַלד אָריענטירט אויף דעם בויעל הייטסער געגנט, און אַז איך האָב צומאָל געוואָלט באַגעגענען מיינעם אַ ידיד, בין איך אַרויסגעגאַנגען אויף סאָטאָ גאַס און אַ געשריי געטאָן:

„משה!" איז דער נעמלעכער משה באַלד אויסגעוואַקסן מיט אַ שמייכל אויף זיין פּנים... און איידער מיר האָבן זיך ביידע אַרומגעקוקט, איז שוין אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע כּנופיא פון פריינט און חברים און זינגענדיק זענען מיר אַוועק אין די בערגלעך שפּאַצירן...

און ווייל דער ישוב איז געווען אַ קליינער, דערצו נאָך אַ יונגער — האָט זיך די תמימות פון דער פּראָווינץ אין אונדז נאָך דאַן תמימותדיק אויפגעהאַלטן. אַלע אַן אויסנאַם האָבן נאָך דאַן גערעדט יידיש, געלייענט יידישע צייטונגען, זיך אינטערעסירט און אויך אָפּגענומען דעם יידישן בוך און אים טאַקע אויך געלייענט, אַפילו דיסקוטירט; וואָך געווען צו דעם יידישן קינד און געזאָרגט פאַר זיין גורל און דערציונג; געבויט תלמיד תורהס, אַנטוויקלט אַ פּראַטערנעלע באַוועגונג — דעם א.ר. און דעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, סתם געווען רירעוודיק און אַפילו געמאַכט אַ סך פאַרזוכן אויפצובויען אַן אייגענע פּרעסע און בכלל ווערן אַקטיוו אַרום אונדזער ליטעראַטור און אירע שעפער.

צוליב דעם טאַקע האָט זיך דאָ אַ שרייבער שטאַרק אַנגעזען. און ל. שאַפּירא איז דאָ אין שטאָט געווען אַרומגערינגלט פון אַ גרויסער צאָל פאַרערער, אַפילו — חסידים — וואָס האָבן אים געשטיצט, טיילוויז אים כמעט ווי אויסגעהאַלטן...

מיין נייגער צו וועלן זען ל. שאַפּירא, האָט אין מיר געגומען וואַקסן.

דעם נאָענטסטן זונטיק האָט זיך אָפּגעזוכט אַ יידענע אין הויזן (לייען: אַ מאַן — אַ רכילותניק) מיט אַ פאָרדל. זאַלבעפינפט זענען מיר אַוועקגעפאָרן אין דעם שטעטל אַרקעידיאַ, ווו ל. שאַפּירא האָט דאַן געוווינט אין אַן אייגן שטיבל, אויף אַ פאַרשפּיצטן באַרג.

דאָס ערשטע וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אין ל. שאַפּיראָס באַשיידענער וווינונג איז געווען, די היימישע סביבה פון עמך׳ניקעס. מיט דער אויסנאַם פון איין צוויפלהאַפטן שרייבער, זענען די געסט באַשטאַנען פון אַ שניידער, אַ קרעמער, אַ פאַרבער, מיין ווייניקייט, און איינער אַ שאינו יודע לשאול.

דאָס הויז — אָרעם מעבלירט, אַ ביסל אָפּגעלאָזן, אינגאַנצן אין זון

איינגעטונקען — אַ גערטנדל, אַ סימבאָלישס — פּאַזע די ווענט פון דעם שטיבל, פאַרזייט מיט קאַרטאָפל, מייערן, ציבעלעך און בוריקעס.

אַז די געסט האָבן פאַרלאָזן דאָס הויז, האָט די קלוגע באַלעבאָסטע, שאַפּיראָס פרוי, פריידל, יעדן באַזאָרגט מיט עפּעס פון דעם גערטנדל... און דער וואָס האָט זיך עס געקאָנט דערלויבן און אויך פאַרמאָגט אַ ביסל שכל הישר און אינטעליגענץ, האָט איר דערביי עפּעס איבערגעלאָזט... פון דעם, אייגנטלעך, האָבן זיי דאַן געלעבט...

ל. שאַפּירא, קליין און איינגעטרוקנט — האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ צעשויבערטער פון הינטער אַ שוואַרצן פאַרהאַנג, הינטער וועלכן עס האָט זיך געשטויבט און געווינקלט זיין אימפּראָוויזירטע „לאַבאָראַטאָריע", וואָס ער האָט פאַרביטן פאַר זיין פעדער און יומם ולילה דאָרט געאַרבעט אויף אַ „דערפינדונג", וואָס איז אין יענער צייט ביי אים געווען אַ מין אידייע פיקס, וואָס האָט אָפּגעקאָסט זיינע דעמאָלטיקע פריינט, ווי מ'האָט דאָ גערעדט אין שטאָט, אַ מאַיאָנטעק מיט געלט: אַ צען טויזנט דאָלאַר, פון וועלכער עס איז אגב גאָרנישט נישט אַרויסגעקומען.

ל. שאַפּירא האָט נערוועז געריוכערט און זיך באַמיט אָפּצווענדן דעם שמועס אַרום ליטעראַטור, וואָס די געסט זיינע האָבן דווקא עקשנותדיק געוואָלט דיסקוטירן.

און אַז ל. שאַפּירא האָט פּלוצים אַריינגעוואָרפן אַן איראָניש־חוזקדיקע באַמערקונג וועגן פּאָעזיע און פּאָעטן, האָט זיך זיין קלוגע פרוי פריידל אַריינגעמישט און באַמערקט:

— זיי בעסער אַ ביסל געוואָרנט און פּאָרזיכטיק; דאָ געפינט זיך אַ גאַסט, אַ יונגער פּאָעט — וואָס קאָן זיך נאָך חלילה באַליידיקן...

שאַפּירא האָט אויף מיר אַ וואָרף געטאָן אַ שאַרפן בליק, פול מיט ביטול און מיט חוזק — און ווידער איבערגעגאַנגען צו זיין באַליבטער טעמע — די „דערפינדונג" זיינע.

מיין ערשטן באַגעגעניש מיט ל. שאַפּירא אין אַרקעדיאַ, קאַליפאָרניע.

די מעשה מיט ל. שאַפּיראָס „דערפינדונג", כאָטש אַ פיקציע, איז נישט אַזוי איינפאַך, ווי עס קאָן זיך אויסדוכטן אויבנאויף. דער מענטש שאַפּירא, אַ ייד אַ חכם — האָט באַוווסטזיניק אין זיך כלאָראָפאָרמירט

דעם דיכטער, זיינע אייגענע קינסטלערישע דערגרייכונגען פּאַרחוזקט און כמעט ווי מבטל געווען, יומם ולילה זיך פאַרנומען מיט זיין „דערפינ־דונג״, און דערביי נאָך אַריינגעצויגן אַ צאָל מענטשן, וואָס האָבן אים געהאָלפן פינאַנסירן די אונטערנעמונג.

די צייט האָט אָבער דערוויילע געטאָן וואָס זי טוט אַלעמאָל: אַוועק־געלייגט איר חותם אויף זיין גוף און נשמה.

די אונטערשטיצער זיינע האָבן זיך ביסלעכווייז אָפּגעטרייסלט פון אים, און אַז זיין גרעסטע פריידל איז אין עטלעכע יאָר אַרום פּלוצים אַוועקגעשטאָרבן, האָט ער אינגאַנצן פאַרניכטעט זיין כמו־לאַבאָראַטאָריע און איז מיטאַמאָל פאַרבליבן פאַריתומט און הילפלאָז ווי אַ קינד.

זיין שטיבל אויף דעם באַרג — פאַרלוירן. די פאַרמעגלעכע פריינט — אַנטרונען. זענען די פשוטערע פריינט זיינע — די עמד׳ניקעס, לייענער און פאַרערער זיינע — אים געקומען צו הילף, אים אַרונטערגעבראַכט אין שטאָט אַריין, איינגעאָרדנט אין אַ באַשיידענער וווינונג, און ווער עס האָט געקאָנט, האָט אים בשתיקה מיט עפּעס אַרויסגעהאָלפן... כאָטש מיר געדענקט זיך זייער גוט, איינע פון אַ סך טראַגיש־שטילע סיטואַציעס, ווען מיינער אַ חבר און שאַפּיראָס אַן אינטימער פריינט, האָט זיך דאָ מלחמה־צייט געווענדעט צו שאַפּיראָס אַ פאַרערער, ער זאָל אים אַוועק־געבן אַן אָפּגענוצטן ראַדיאָ, וואָס איז דאַן שווער געווען צו קריגן, האָט יענער געהאַט דעם טרויעריקן מוט אים אָפּצוזאָגן, אונטער דעם אויסרייד, אַז עס קאָסט צופיל געלט...

און כאָטש שאַפּירא איז געוואָרן פאַרביטערטער פון טאָג צו טאָג, האָט ער פונדעסטוועגן געצומען חלומען און רעדן פון אָנשרייבן „דעם גרויסן ראָמאַן״, פון וואָס עס איז ליידער אויך גאָרנישט געוואָרן. דאָס איז אפשר טיילווייז אויך די סיבה פון זיין פאַרברידערן זיך צו דעם ביטערן טראָפּן, וואָס האָט שוין ליידער אָנגעהאַלטן ביז צו דעם סוף פון זיין טראַגיש לעבן.

די יידן וואָס האָבן שטילערהייט געשטיצט ל. שאַפּיראָן, האָבן ליידער נישט אַלע און נישט אַלעמאָל אויסגעהאַלטן, ווי מען זאָגט ביי יידן —

קיין יידישקייט... און דווקא די אינטעליגענטערע פון זײ און מער פאַרמעג־לעכע, האַלבע פּראָפעסיאָנאַלן און אַרויפגעאַרבעטע אינשורענס־אַגענטן, האָבן אים גענומען באַרעדן, כאָטש זייער שטיצע איז נישט זעלטן געגאַנגען ווייטער פון אַ 5—10 דאָלאַר...

אויף דער יידישער גאַס דאָ, האָט פונקציאָנירט אַן אַפּטייק. דער אייגנטימער, אַ סימפּאַטישער געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט זיין קרעמל פאַראַוואַנדלט אין אַ מין קיבעצאַרניע, וואָס איך האָב אַלעמאָל באַנאָמענט, ווי אַ רכילות־אינסטיטוציע. שטיי איך דאָרט איינמאָל אין דער אָפענער טיר פון דעם געשעפט, און איך כאַפּ אַ שמועס מיט דעם באַלעבאָס. מיט־אַמאָל ווערט דער ייד אויפגערעגט און ער ווייזט מיר אָן מיט דער האַנט:

— איר זעט? אָט גייט ער, דער... דאָס איז ל. שאַפּירא, דער ייד מיט דעם שטעקן.

— פאַרוואָס עפּעס מיט אַ שטעקן? — פרעג איך פאַרוווּנדערט.

— ווייל מ'האָט אים טאַקע דאָ נישט לאַנג צוריק איבערגעפּאַרן.

— פאַר מיר פּערזענלעך — לאָזט ער נישט אָפּ — איז שאַפּירא דער דיכטער שוין לאַנג געשטאָרבן.

אינטערעסאַנט אָבער איז, אַז פריער און אויך שפּעטער, ווען מען האָט פאַר ל. שאַפּירא דאָ דורכגעפירט אַ באַשיידענע אונטערנעמונג, איז דער־זעלבער ייד געווען שאַפּיראָס נאָנטסטער מחותן; זיך באַטייליקט אין דער ליטעראַרישער מסיבה ווי אַן אָנגעזעענער מחותן, אויבנאָן!

אין מיינע ווייטערדיקע באַציונגען מיט ל. שאַפּירא, האָב איך פון זיין פּייט באַמערקט, אַ ביסל אַ געענדערטע באַציונג צו מיין ווייניקייט. ער האָט עס טאַקע באַלד עפנטלעך דעמאָנסטרירט און מיר צוגעשיקט אַ טעלעגראַפישע באַגריסונג, צו דער פייערונג פון דער דערשיינונג פון מיין ערשטן בוך עסייען: „אימפּרעסיעס פון אַ לייענער", וואָס האָט מיך אָנגענעם איבעראַשט. בשעת איך בין פונדעסטוועגן אים געקומען באַזוכן אין נ. י., אין דעם יאָר 1935, אים געבראַכט אַ מתנה מיינעם אַ נייעם בוך, האָב איך אים געטראָפן ליגנדיק אויף אַן אייזערן בעטל אין אַ וואָלקן פון ציגאַרעטן־רויך, לייענענדיק אַ בוך. ער האָט מיר

טאַקע געהייסן אַריינקומען, נישט ווייסנדיק ווער איך בין, ווען איך האָב אַ קלאַפּ געטאָן אין זיין טיר. ער איז אָבער געבליבן ליגן קאַלט אויף זיין בעטל, מיר קוים געענטפערט אויף מיין באַגריסונג, און מיט זיין גלייכגילט און פּראָסטער באַגעגעניש, אין איין הרף עין מיך אַרויס־געיאָגט פון זיין פאַררויכערטן צימער...

און אַז ער איז אינגיכן צוריקגעקומען אַהער קיין ל. א., אין די אינטערעסן פון זיין זשורנאַל „סטודיאָ" און איז מיט מיינער אַ חברטע פאַרפאָרן אין אַ גאַסט־הויז אויף סאַטאַ גאַס, בין איך זיי ביידע געקומען זען. אַזוי גיך אָבער ווי איך האָב זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון זיין צימער, איז ער באַלד פאַרשוווּנדן הינטער דער טיר, אַרויסגעשיקט מיין חברטע, און אַליין זיך מער נישט באַוויזן...

די צייט, ווי געזאָגט — טוט זיך אָבער אירס: זי לייגט איר חותם אויף יעדער באַשעפעניש, נישט פאַרבייגייענדיק אויך די פּסיכיק פון דעם מענטשן.

און ל. שאַפּיראָ איז דאָ נאַטירלעך אויך נישט געווען קיין אויסנאַם.

האָבן מיר זיך מיט דער צייט אָנגעהויבן באַגעגענען אָפטער ביי אים אין הויז, אַפילו אויך ביי מיר — אויף אַ מאָלצייט.

מיט דער צייט האָט ל. שאַפּיראָ מיר אַפילו אויך צוגעשיקט זיינס אַ בוך, מיט אַן אויפשריפט: „צו קאָלעגע יחזקאל בראָנשטיין פון ל. שאַפּיראָ."

ביים טיש, ביי מיר אין הויז, האָט זיך ל. שאַפּיראָ געהאַלטן זייער פּשוט, כמעט חבריש און נאַטירלעך. אַז עס איז אָבער געקומען צו סערווירן די קאַווע, איז ער געוואָרן אַזוי קאַפּריזנע און באַריידעוודיק, אַז מ׳האָט אים געמוזט אָפּטרעטן די קיך אינגאַנצן, און אים אַליין זיך לאָזן מתעסק זיין ביים צוגרייטן די קאַווע פאַר זיך גופא, לויט זיין געשמאַק און קאַפּריז.

אויף וויפל איך געדענק, האָט זיך ל. שאַפּיראָ באַצויגן זייער קריטיש צו די ליטעראַרישע ווערק פון זיינע אייגענע צייט־חברים, באַרימטע יידישע שרייבער מיט אַ סך סטאַזש און גרויס אָנזען אין אונדזער ליטעראַטור. צוליב דעם איז מיר געווען זייער אויפפאַלנד, וואָס מיינער

אַ חבר האָט מיר דערציילט און אויך געוויזן ל. שאַפּיראָס אַן אייגנהאַנטיקן צושריפט צו אַ רעדאַקטאָר פון אַ ווינקלדיקן זשורנאַל, אין וועלכן ער האָט רעקאָמענדירט מיין חברס אַ צאָל אומבאַהאָלפענע גראַמען צום דרוקן.

און שאַקירט האָט עס מיך אויך צוליב דעם, ווייל בשעת מיין חבר האָט זיך צוגעחנפהט און כלומרשט זיך פאַרחברט מיט דעם מחבר פון „דער צלם", האָט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן אים מיטצוברענגען אַ פלעשל יי"ש און אַנדערע מאכלים. ווען ער איז צו אים געקומען נאָך מבינות אויף זיינע אומבאַהאָלפענע גראַמען און, ווי געזאָגט — פון אים אויך אַרויסגעקראָגן אַן הסכמה מיט אַ רעקאָמענדאַציע זיי צו דרוקן.

ל. שאַפּיראָס לעצטער ווונטש איז געווען, מ'זאָל אים מקבר זיין אין שכנות מיט זיין פרוי פריידל. צוליב דעם האָט מען אים מקבר געווען אויף אַן אַלטן בית עולם לעבן אַ פּאַרקן.

ה. לייוויק

מיט ה. לייוויק האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט הינטער־וועגנס, אין דער פּאַרוויכערטער שטאָט שיקאַגע. און באַלד נאָך דעם — אין ניו יאָרק.

לייוויקס דירה אין דער בראָנקס האָט זיך בלויז אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס זי איז פול געווען מיט אים גופא אַפילו דאַן, ווען ער איז צומאָל אַפילו אין הויז נישט געווען...

דאָ און דאָרט האָט פון אַ וואַנט אַראָפּגעקוקט אַ קונסט־פּאָרטרעט פון לייוויקן, אַ בילד צי סתם אַ חפץ, וואָס האָט דעפיניטיוו דערמאָנט אָן דער ליכטיקער פּערזענלעכקייט — דעם דיכטער ה. לייוויק.

זיין אַרבעט־צימער איז באַשטאַנען פון אַ שרייבטיש מיט אַ בענקל, אַן אייזערן בעטל, אַ שראַנק מיט ניט קיין סך ביכער, אַ פּאָר שטולן און אַ צאָל בילדער אויף די ווענט.

די לופט אין לייוויקס צימער — אַזאַ איינדרוק האָב איך געהאַט — אַ געדיכטע, איבערגעלאָדן און איבערגעפילט מיט דעם אָנהויך פון עפּעס אַ מיסטישער באַוועגונג און אומזעבאַרן רייץ, וואָס האָט דיך אַלעמאָל דערמאָנט: דו ביסט ביי לייוויקן אין הויז...

און האָט זיך ה. לייוויק באַוויזן אין דער סביבה פון זיין היים, אין דער גאָרער פשטות פון אַ פאָטער און אַ מאַן, האָסטו אים ניט אַנדערש ווי דערזען אין אַ נעץ פון ליכט, וואָס האָט פון אים אַראָפּגעזוניקט מיט דעם רייץ פון אַ מענטשן אויף וועמען עס רוט די שכינה. זיין מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט האָלט דיך געשפּאַנט. ער ווערט דיר באַלד היימיש, ליב און נאָענט, אַ דאַנק זיין איידלקייט און דער גאָרער חשיבות פון זיינע האַנדלונגען.

אָט איז אַ קאָנקרעטער ביישפּיל: אין הויז דרייט זיך אַרום זיין שרהס אַ שוועסטער, זייער דערשלאָגן. אויב איך מאַך ניט קיין טעות, פּסיכיש ניט מיט אַלעמען — מעלאַנכאָליש. מיר זעצן זיך צום טיש —

עסן וואַרעמעס. שרה ברענגט אַריין די מאכלים און שטעלט זיי אַוועק. לייוויק וואַרט ניט אויף קיין כּבוד און ער ווערט באַלד פאַרנומען — ער באַדינט די קראַנקע. ער זעצט זיך אַפילו ניט צו אויף אַ מינוט, ביז ער באַזאָרגט איר מיט אַלץ און ער זעט, איר זאָל זיין באַקוועם און הנאה האָבן פון אַלץ וואָס געפינט זיך דאָ אויף דעם טיש.

אַ צווייטער ביישפּיל: מיר באַגעגענען זיך ווידער אין שיקאַגע. מיטאַמאָל בין איך קראַנק געוואָרן און געבליבן ליגן אין בעט, מיט פיבער. אַזוי גיך ווי לייוויק האָט זיך דערוווּסט דערפון, איז ער באַלד אויסגעוואַקסן אין מיין צימער, אין דער באַגלייטונג פון אַ דאָקטאָר, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט.

אַזעלכע האַנדלונגען מצד אַ יידישן שריפטשטעלער מיט אַזאַ וועלט־נאָמען, שטעלן אים אַוועק אין אַזאַ ליכט פון חשיבות און גאָרער מענטשלעכקייט, וואָס עס איז באמת צו באַוווּנדערן און עס איז אויך פאַראַן מיט וואָס אים מקנא צו זיין.

אין דעם יאָר 1935 דערהאַלט איך פון לייוויקן אַ בריוו פון דעם דעם דענווער סאַנאַטאָריום, ווו ער איז דאַן געווען אַ פּאַציענט. ער באַקלאָגט זיך דאָרטן זייער אויף זיין איינזאַמקייט און קראַנקהייט.

איך בין דאַן גראָד געווען פאַרנומען ביים פאַרענדיקן און צוגרייטן צום דרוק מיין לידער־בוך „וואַגאַבונדיאַדע". איך בין גלייכצייטיק דאַן אויך געווען פאַרליבט אין מיין יהודיתן, מיט וועמען איך האָב טאַקע אינגיכן חתונה געהאַט. לייוויקס בריוו האָט מיך אָבער אויף אַזוי פיל גערירט, אַז איך האָב אים באַלד געענטפערט און ביי אים אָנגעפרעגט, צי ער וואָלט וועלן איך זאָל צו אים קומען צו גאַסט אויף אַ צוויי וואָכן.

לייוויק האָט נאַטירלעך אָנגענומען מיין פאָרשלאַג. און ווי שווער מיר איז נישט געווען זיך צו שיידן מיט מיין מיידל, מיט וועלכער איך האָב זיך אגב ערשט נישט לאַנג באַקענט — האָב איך איר פונדעסט־וועגן איבערגעלאָזט און צופוס אַוועק אין גאָר אַ הייסן וועטער צו לייוויקן, קיין דענווער.

און כאָטש ער האָט מיך דערוואַרט, איז ער פונדעסטוועגן געווען

זייער איבעראַשט, אַפילו געריִרט — פון מיין באַווייזן זיך ביי זיין בעטל אין דער ספּיוואַק־סאַנאַטאָריע.

מיר האָבן זיך באַלד פאַרשטענדיקט, אַז איך וועל אים באַזוכן יעדן טאָג, וואָס איך האָב גערן געטאָן. לייוויק איז דאַן אגב געווען אַ בעט־פּאַציענט, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים.

צווישן אַלע אַנדערע אַרבעטן וואָס ה. לייוויק האָט פאַרטראַכט און אַדורכגעפירט אין דער ספּיוואַק־סאַנאַטאָריע, האָט ער דאַן אויך פאַר־ענדיקט זיין ליריש־דראַמאַטישע פּאָעמע „אַבעלאַר און העלואיז”.

צו מיין גרעסטער איבעראַשונג, האָט מיר ה. לייוויק דערציילט וועגן דעם און מיך מן הצד אַ פרעג געטון, צי איך וואָלט עס וועלן פאַר אים פאָרלייענען, בשעת ער איז אין בעט געלעגן.

לייוויק, ווי באַוווסט — איז אַ זעלטן גוטער פאָרלייענער פון זיינע אייגענע ווערק. איך ווידער, חוץ דעם וואָס איך בין נאָך אַלץ אַ שעמעוו־דיקער — בין איך אַזאַ לא יצלח און וויסטער קאַליקע, אַז איך קאָן אַפילו מיינע אַן אייגענע אַרבעט נישט פאָרלייענען, ווי עס באַדאַרף צו זיין. אַזוי למשל האָב איך געהאַט מיינע אַ דערפאַרונג, ביי מיינעם אַ קבלת־פּנים אין מיין אַמאָליקער היים־שטאָט וויניפּעג, קאַנאַדע. איך האָב דאָרט גענומען פאָרלייענען מיינע אַ פּאָעמע, א. נ. „שוואַרצער פרייטיק”, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ די בהלה און זייער טראַגישע איבערלעבונג פון אַן ערד־ציטערניש אין דרום־קאַליפאָרניע. מיין פאָרלייענען האָט נאַטירלעך געטויגט, אויף ערב יום־כּיפּור... צופעליק איז נאָענט צו מיר געזעסן מיינע אַ וויטע קרובה, אַ יונג און רייצנדיק מיידל פון אַ יאָר 18, אַ תּלמידה פון דער אָרטיקער י. ל. פּרץ־שול. זי האָט אויסגעכאַפּט ביי מיר מיין בוך און כאָטש נישט צוגעגרייט, האָט זי פונדעסטוועגן אויפגערודערט דעם עולם מיט איר פאָרלעזונג צו אַזאַ באַגייסטערונג, אַז נישט נאָר איך בין געבליבן אַ פאַרשעמטער, נאָר מיין איינדרוק איז אַפילו געווען און פאַרבליבן, אַז פון יענעם מאָמענט אָן וואָס זי האָט פאָרגעלייענט מיין פּאָעמע, איז מיין אייגענע שאַפונג פאַר מיר אַליין געוואָרן אַ סך קלאָרער און פאַרשטענדלעכער ווי פריער.

לייוויק האָט מיר איבערגעגעבן זיין אייגנהאַנטיקן מאַנוסקריפּט — די לירישע פּאָעמע „אַבעלאַר און העלואיז". איך האָב זיך באַלד פאַררויטלט און זיך באַגאָסן מיט אַ לייכטן שוויס. ס'איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן אי הייס, אי קאַלט. איך האָב פונדעסטוועגן גענומען לייענען און באַלד באַמערקט, לייוויקס אַנטוישונג. ער איז פונדעסטוועגן געווען איידל גענוג, מיך נישט צו פאַרשעמען... סוף כל סוף האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אים אַ פרעג געטאָן, צי ער וואָלט גאָרנישט געהאַט דאַקעגן, איך זאָל אַהיים נעמען זיין מאַנוסקריפּט אויף איבער נאַכט, און אים אַליין לייענען פאַר זיך...

— ווייסט איר גאָר וואָס, זאָגט מיר לייוויק מיט אַ שמייכל — לאָזט מיך אַליין עס פאַרלייענען פאַר אייך.

און אַז לייוויק האָט געלייענט, איז געווען וואָס צו הערן!

איך בין געזעסן פאַרכישופט ווי אין אַ טראַנס און געוואלדיק הנאה געהאַט פון דער זעלטן איינגעגעבענער לירישער דראַמע, גלייכצייטיק אויך, פון לייוויקס קינסטלערישן פאָרלייענען. לייוויק האָט אָבער געלייענט מיט אַזוי פיל האַרץ און נשמה, אַז עס האָט אים אַזש אַריינ־געוואָרפן אין פיבער, און איך האָב באַלד געמוזט אַוועקגיין פון אים...

לייוויק האָט מיר אגב רעקאָמענדירט, אויפצוזוכן אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק די אָריגינעלע בריוו פון אבעלאַר און העלואיז, איבערהיפּן די טעאָלאָגישע פּילפּולים און בלויז איבערלייענען די אינטימע בריוו זייערע, וואָס האָבן אים אָנגערעגט און גורם געווען אָנצושרייבן זיין דראַמע, וואָס איך האָב גערן געטון, אַזוי גיך ווי איך בין צוריק־געקומען פון דענווער.

די פולע צוויי וואָכן וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט לייוויקן, זענען ביי מיר און אויך ביי אים, לויט זיינעם אַ נאָכפאָלגנדיקן און לענגערן בריוו צו מיר — געווען, איין לאַנגער און אומפאַרגעסלעכער יום־טוב.

מיר האָבן זיך אַלע טאָג געטראָפן. עטלעכע מאָל זענען מיר אַפילו אַרומגעפאָרן דאָרט, זען די וווּנדער פון קאָלאָראַדע.

און וווהין מיר זענען נישט פאַרפאָרן און וואָס מיר האָבן נישט

געזען, האָט ער אונטער קיינע אומשטענדן מיך נישט געלאָזט אויסגעבן קיין פּעני אַפילו.

מיר האָבן באַזוכט „טהי קעיוו אָוו טהי ווינדס", „טהי גאַרדן אָוו טהי גאָדס", דעם לאָקאַלן מוזעאום און אַפילו אַ זעלטן גרויסן און אינטערעסאַנטן שפּיטאָל פאַר משוגעים.

ביים ערשטן אויגנבליק אויף די משוגעים הינטער פאַרקראַטעטע פענצטער, איז מיך אַליין באַפאַלן אַזאַ מרה שחורה, אַז איך האָב איינפאַך ווייטער נישט געקאָנט גיין... ווי איבעראַשט אָבער בין איך געווען, וואָס דווקא ה. לייוויק, דער חולה מסוכן — האָט יאָ באַוויזן צו האָבן גענוג כוח און מוט אַריינצוגיין אינעווייניק און אין זיך אַריינגעמען דעם גאַנצן צער פון אַ זעלטענער איבערלעבונג, דירעקט צו אָבסערווירן אַ צאָל משוגעים פון ערגסטן גראַד, דערצו נאָך היפּשע עטלעכע שעה.

לייוויק האָט מיך אַרומגעפירט איבער דעם בית עולם, ווו עס רוען דער איבערבלייב פון דוד עדעלשטאַט און נתן ניומאַן — דער העלד פון זיין „באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום", — אין אָנגעזיכט פון די אייביק־פאַרשנייטע און ריזיקע קאָלאָראַדער בערג, וואָס צויבערן מיט אַ געטלעכער שיינקייט.

לייוויקס גרין־בלויע אויגן האָבן דאָ געפיבערט מיט אַזאַ מיסטישן פייער, בשעת ער האָט מיט זיינע איידעלע פינגער באַרירט די מצבות פון דוד עדעלשטאַט און נתן ניומאַן.ביידע האָבן מיר געשוויגן הויך. און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עפּעס אַן אומזעבאַרע האַנט האָט אונדזערע מיילער פאַרשלאָסן, מיט דער איינציקער כוונה, נישט געשטרויכלט צו ווערן און חלילה נישט פאַרשוועכן די אינטימע איבער־לעבונג אונדזערע מיט רייד, וואָס וואָלטן דאָ בכלל געווען איבעריק און אָן יעדן ספק, אויך אומבאַהאָלפן.

ווען ה. לייוויק איז געווען אַ פּאַציענט אין דעם דענווער סאַנאַטאָריום, איז אין דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע אָנגעגאַנגען אַן אידייען־קאַמף צווישן לינקס און רעכטס. פון צייט צו צייט האָט זיך אין דער „מאָרגן־פרייהייט" באַוויזן אַ בריוול פון אַ לינקן פּאַציענט אין דעם דענווער סאַנאַטאָריום, פול מיט אינסינואַציעס קעגן דעם דיכטער ה.

לייוויק, אין וועלכן ער איז געטאַדלט געוואָרן ווי אַ סנאָב, וואָס חברט זיך נישט מיט עמך שער און אייזן, האַלט זיך גרויס און עסט אַפילו אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקל.

דער אמת איז פונקט אַ פאַרקערטער!

אַלעמאָל, ווען מיר איז אויסגעקומען כאַפּן אַ שפּאַציר מיט לייוויקן אין דעם גאָרטן פון דעם סאַנאַטאָריום, האָב איך קיינמאָל נישט באַמערקט אַזאַ מין האַנדלונג מצד לייוויקן. אין קעגנטייל — ער איז אַלעמאָל געווען פאַרחברט צו אַ סך פּאַציענטן און צו אַלעמען אָן אויסנאַם, געווען גאָר פריינטלעך. ה. לייוויק איז אַפילו געווען אַקטיוו דאָרטן, אין דורכפירן אַן אַקט פון צדקה פאַר אַ צאָל נויטבאַדערפטיקע פּאַציענטן, אויף אַ חשיבותדיקן, שטילן און באַשיידענעם אופן, פון וועלכן דער זעלבער לינקער פּאַציענט האָט אפשר אויך דירעקט גענאָסן.

אָט איז אַ ביישפּיל: די ביידע פרייטיקס וואָס איך האָב מיט לייוויקן פאַרבראַכט אין דענווער סאַנאַטאָריום, פלעג ער מיר עפּעס אַנטרינען אויף עטלעכע שעה. איינמאָל, האָב איך ביי איינעם פון די פּאַציענטן, מיט וועלכן לייוויק האָט זיך געחברט, אַ פרעג געטון, מיט וואָס לייוויק פאַרנעמט זיך אַזוי מיסטעריעז. און דאָס איז דער ענטפער: עס זענען דאָרט געווען אַ צאָל פּאַציענטן, וואָס זענען נישט געווען ביכולת זיך אַליין צו באַזאָרגן מיט געוויסע קלייניקייטן: צאָן־בערשטלעך, ראַזיר־מעסערלעך און ענלעכע קלייניקייטן. פלעגט דער דיכטער ה. לייוויק, ווי אַמאָל אין די שטעטלעך היימישע באַלעבאַטים — זיך אַרויסלאָזן צונויפקלייבן נדבות צווישן די מער פאַרמעגלעכע פּאַציענטן, און אויף אַ שטילן אופן עס צעטיילן צווישן די וואָס האָבן זיך אין דעם גענויטיקט.

קיין קאָמענטאַרן דערצו זענען דאָ נישט נויטיק.

און אויב די רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרייהייט" האָט אַליין נישט פאַבריצירט די דערמאָנטע בריוועלעך, זאָלן די בילבולים פון יענעם בריוו־שרייבער פאַלן אויף דעם געוויסן פון יענעם מענטשן, אויב ער פאַרמאָגט בכלל אַ געוויסן וואָס איז ריין פון זינד.

ווען איך בין געווען ביי לייוויקן אין דענווער, איז דאָרטן געווען

זייער הייס. לייוויק מיט זיינע פריינט האָבן איינמאָל אַראַנזשירט צווישן זיך אַ היימישן פאַמיליע־פּיקניק. אַז מיר זענען זונטיק אינדערפרי געקומען באַגעגענען לייוויקן, איז געווען אינטערעסאַנט צו באַמערקן, ווי לייוויק האָט זיך מתעסק געווען אין צושטעלן זיין חלק פּראָוויאַנט פאַר דעם אַזוי גערופענעם פּיקניק.

— צוליב וואָס האָט איר עס באַדאַרפט, האָבן מיר אים אַלע געפרעגט.

— פאַרוואָס נישט? — האָט ער מיט פאַרוווּנדערונג צוריק געפרעגט און געענטפערט — אויב אַלע טראָגן עפּעס צו, באַדאַרף איך נישט און איך וויל אויך נישט זיין קיין אויסנאַם.

מיר איז באַשערט געווען אַ צווייטן מאָל זיך טרעפן מיט לייוויקן אין דער פאַררויכערטער שטאָט שיקאַגע. דאָסמאָל איז אונדזביידע אויסגעקומען דורכצולעבן אַ בליציקע און פּיינלעכע איבערלעבונג, וואָס האָט מיך שטאַרק שאָקירט, און לייוויקן — אינגאַנצן אַרויסגעבראַכט פון די כלים, ווי מען זאָגט.

מיר גייען ביידע אויף דיוויזשן־גאַס, שפּעט אין אָוונט, אין אַ זאַווערוכע. עס קומט אונדז אַנטקעגן אַ מענטש, וואָס איך האָב נאָך דאַן פּערזענלעך נישט געקענט. לייוויק רייסט איבער דעם שמועס מיט מיר און ער באַגריסט דעם מענטשן מיט אַ פריינטלעכן „גוט נאָוונט". דער מענטש — נח שטיינבערג — גיט עפּעס אַ בורטשע, ער גיט דערביי דעמאָנסטראַטיוו אַ שפּיי און ער אַנטלויפט אין איין הרף עין, ווי אַ פּחדן.

— ד... איינער וואָס איר זענט, האָט זיך לייוויק אָנגעצונדן און צעכעסט — עס קומט נאָך אויך אַרויס? איך שטייט נאָך נישט אָן?!

דער גאַנצער אינצידענט איז ווי אַ בליץ פאַרביי מיינע אויגן און איך בין געבליבן געפּלעפט און פאַרשעמט. לייוויק האָט מיר בלויז געזאָגט זיין נאָמען, אָן קאָמענטאַרן. זיין אויפרעגונג איז געווען אין לשער. און אַזוי האָבן מיר שוין שווייגנדיק פאַרענדיקט דעם אָוונט.

יענעם ווינטער האָב איך זיך אויך געטראָפן מיט לייוויקן אין דעטרויט, אויף מיין וועג קיין ניו יאָרק. און וווּ לייוויק איז געווען איינגעלאַדן, האָט ער מיך מיט מיין פרוי אויך מיטגענומען. דאָ האָט

מיך לייוויק אויך איבעראַשט דערמיט, וואָס ער אַליין האָט פאָרגעשלאָגן דער פאַרוואַלטונג פון דער אַרטיקער קולטור־געזעלשאַפט, אָן מיין וויסן און הסכמה — אַז זיי זאָלן פאַר מיר דורכפירן אַ קבלת־פנים, וואָס זיי האָבן עס אויך געטאָן, באַלד נאָך זיין אָפּפאָרן פון דאָרטן קיין שיקאַגע.

זייענדיק מיט לייוויקן אין דעטרויט, איז דער דיכטער געווען איינגעלאַדן קיין ווינדזאָר, קאַנאַדע. לייוויק איז באַשטאַנען, אַז אויך מיר זאָלן מיט אים מיטפאָרן. געפאָרן זענען מיר אין אַן אויטאָ, אין אָוונט. צוליב דער קעלט זענען די פענצטער אין דער אויטאָ געווען פאַרמאַכט. לייוויקס קראַנקע לונגען האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן די פאַרשטיקטקייט אין דעם אויטאָ. עס איז אים נישט גוט געוואָרן און מיר האָבן זיך אַלע איבערגעשראָקן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אַרויס פון דער אויטאָ. אַז ער איז געקומען צו זיך, האָבן מיר זיך דערנענטערט צו דער גרענעץ, זיך גיך אָפּגעפאַרטיקט און באַלד פאַרפאָרן אין זאַל, פון דער געשמאַקפול איינגעאָרדנטער אונטערנעמונג.

אויך דאָ האָט מיך לייוויק איבעראַשט: מיך באַזעצט לעבן זיך און, ווי דער צווייטער גאַסט — שוין געזען, אַז איך זאָל קריגן דאָס ערשטע וואָרט. איך האָב נאַטירלעך אויסגענוצט די געלעגנהייט בלויז צו באַגריסן לייוויקן אין עטלעכע ווערטער און דערביי באַטאָנט, אַז איך באַטראַכט זיך דאָ ווי איינער פון די באַזוכער און צוהערער, וואָס זענען בלויז נייגעריק צו הערן אים — דעם דיכטער ה. לייוויק.

בײדע מאָל וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין ניו יאָרק, האָט מיך לייוויק זייער מקרב געווען. זיין הויז איז פאַר מיר אַלעמאָל געווען אָפן. און אַז איך בין אין ניו יאָרק איינמאָל קראַנק געוואָרן, האָט ער ווי פריער אין שיקאַגע, קיין סך צייט נישט פאַרלוירן און מיך באַלד באַזאָרגט מיט אַ דאָקטאָר.

ה. לייוויק האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט מיין דאַן פּלאַנירטן לידער־בוך „וואַגאַבונדיאַדע”. אין דענווער האָב איך אים צוגעזאָגט צוצושיקן דעם אָריגינאַל, פאַר מיין איבערגעבן אים צום דרוק.

לייוויק האָט פאַרהאַלטן מיין מאַנוסקריפּט לאַנג גענוג, צו קאָנען אים גוט בודק זיין און מיר געבן אַ גוטע חברישע עצה.

אין אַ צאָל בריוו האָט ער מיר אָנגעוויזן די חסרונות פון איין לענגערער פּאָעמע מיינער, וואָס איך האָב אונטער זיין דרוק, איינפלוס און רעקאָמענ־דאַציע איבערגעאַרבעט, אין דריי נייע וואַריאַנטן. און אַז ער האָט ענדלעך גוט געהייסן דעם לעצטן וואַריאַנט, האָב איך אים ערשט דערנאָך איבער־געגעבן דעם דרוקער.

מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט ה. לייוויק האָט אָנגעהאַלטן, ביז זיין טראַגישן צוזאַמענברוך.

לייוויקס קראַנק ווערן אויף אַזאַ אומגליקלעכן אופן, האָט אויף מיר געהאַט אַ שעדלעכע ווירקונג און שטאַרק אונטערגעגראָבן מיין אייגענעם געזונט.

מיט דער צייט האָט מיין ווייטיק און צער איבער לייוויקס גורל אויף אַזוי פיל מיך דערשלאָגן, פאַרווייטיקט און צעפּייניקט, אַז איך האָב מיין ווייטיק געגומען אויסשרייען אין צערפולע, ווייטיקדיקע און דורכאויס פּאַטעטישע לידער, וואָס האָבן זיך ביסלעכווייז אויסגערונדיקט אין אַ היפּשן בוך, א. נ. מיין געזאַנג צו דעם דיכטער ה. לייוויק, וואָס אַ טייל פון זיי זענען אַריין אין מיין בוך עסייען א. ב. „אינאיינעם און באַזונדער״, וואָס איז דערשינען אין דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, ישראל, אין דעם יאָר 1960. די איבעריקע געפינען זיך ביי מיר אין מאַנוסקריפּט.

מ. ל. האַלפּערן

ווען מ. ל. האַלפּערן איז אָנגעקומען קיין לאָס אנדזשעלעס, באַלד נאָך דעם ווי ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין אַ מיטאַרבעטער אין דער „מאָרגן־פרייהייט״, אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן, זענען מיר, די היגע יידישע שרייבערס, כמעט אַלע נאָך געווען זייער יונג אין יאָרן און אין שרייבערישער דערפאַרונג, דערפאַר אפשר אַביסל צו היציק אין אונדזערע באַשיידענע אקטיוויטעטן ווי שרייבערס און גזעלשאַפטלעכע טוערס.

אַזוי גיך ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער באמת פּאָפּולערער און באַוווּסטער פּאָעט משה לייב האַלפּערן קומט אַהער, אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו, האָבן מיר זיך באַלד אָרגאַניזירט אין א „מ. ל. האַלפּערן קבלת־פּנים־קאָמיטעט״, פון וועלכן איך בין צופעליק אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין דער סעקרעטאַר.

ווי עס האָט זיך אָבער לײדער דערנאָך אַרויסגעוויזן, איז דער „מ. ל. האַלפּערן קבלת־פּנים־קאָמיטעט״ געבוירן געוואָרן אין אַן אומגליקלעכער שעה, און אין זיינע באַשיידענע און צייטווייליקע פונקציעס אויף זיך טיילווייז געטראָגן דעם גורל און די צייכנס פון דעם ביטערן מזל פון משה לייבן גופא.

לאַנג נאָך דעם ווי דער דיכטער האָט זיך דאָ שוין איינגעאָרדנט אין דער דאַן זייער רחבותדיקער דירה פון רבקה און שמואל ראָזענפעלד, מיט וועמען ער איז אַהער אָנגעקומען, האָבן מיר זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט אייניקן אויף אַ פּראָגראַם פאַר זיין קבלת־פּנים. דער עיקרשט האָבן מיר געהאַט צרות, ביים באַשטימען אַ פאָרזיצער פאַר דעם אָוונט. קיינער, אַבסאָלוט נישט קיינער פון אונדזערע קאָמיטעטשיקעס, ה. רויזענבלאַט און יצחק האָראָוויץ אַריינגערעכנט, האָבן נישט געוואָלט אָננעמען צו זיין פאָרזיצער. עס איז אַוועק צו אַזאַ עקסטרעם, אַז יעדער איינער פון אונדז איז נאָמינירט געוואָרן צו זיין פאָרזיצער, און קיינער האָט נישט געהאַט דעם מוט עס אָנצונעמען. עס האָט שוין אַפילו געהאַלטן דערביי, אַז מיר

זאָלן איינגאַנצן אויפלייזן דעם קאָמיטעט און צוריקרופן דעם אָוונט. און בלויז צוליב דעם וואָס איך האָב אַזאַ האַנדלונג באַטראַכט פאַר אַ חילול השם און באַליידיקונג פאַר משה לייבן, האָב איך, ווי דער סעקרעטאַר פון דעם קאָמיטעט, אויך אָנגענומען צו זיין דער פאָרזיצער ביי יענעם אָוונט.

ביי אונדז אין שטאָט האָט דאַן געוווינט דער יידישער קאָמפּאָזיטאָר פּאול לעמקין. דער לעצטער האָט אונדז אַליין רעקאָמענדירט, אַז מיר זאָלן זיך ווענדן צו משה לייבן, אַז ער אַליין זאָל אים רעקאָמענדירן זיינס אַ ליד צו וועלכן ער האָט געוואָלט אָנשרייבן ספּעציעלע מוזיק און אַליין עס זינגען ביי זיין קבלת־פּנים.

זייענדיק דער סעקרעטאַר פון דעם קאָמיטעט, האָט מען מיך דעלעגירט זיך צו זען מיט משה לייבן און ביי אים פּועלן, אַז ער אַליין זאָל אונדז רעקאָמענדירן זיינס אַ ליד, פאַר אָט דעם צוועק.

פון דער נאַטור אַ שטיקלביישן, איז מיר עפּעס שווער געווען צו גיין צו משה לייבן, נישט קענענדיק אים פערזענלעך פון פריער. דערצו האָב איך עפּעס סתם מורא געהאַט מיט אים זיך צו טרעפן ביחידות. מיר איז נאָכגעגאַנגען דער שאָטן פון זיינע שטאַרקע רעקלאַמירטע גראָבע רייד, ציניזם און שאַרפזין, וואָס האָבן אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ מורא.

סוף כל סוף האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אין אַ נעפּלדיקן אָוונט זיך אַריינגעוואָרפן אויף זיין קוואַרטיר.

דאָס הויז איז נאָך נישט געווען איינגעשטעלט און האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ באַלעבאַטישקייט הינטערוועגנס.

די סימפּאַטישע באַלעבאָסטע, רבקה ראָזענפעלד, אַ מיטליעריקע היימישע באַלעבאָסטע — האָט מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען. און אַזוי גיך ווי דער ברייט־פּלייציקער משה לייב האָט זיך באַוויזן אין הוילע אַרבל, אַ צעשויבערטער, האָב איך אים באַלד דערקענט לויט זיינע בילדער און זיך באַמיט אים אויך דערקענען, לויט זיין אייגענער כאַראַקטעריסטיק אין זיין ליד „מיין פּאָרטרעט".

די באַגעגעניש איז געווען אַ האַרציקע, אָן פּאָזע פון זיין זייט. ער האָט מיך דורכגענומען מיט זיינע קלוגע בלויע אויגן, באַמערקט מיין צעטראָגנקייט און זיך באַלד אָוועקגעזעצט האַרט לעבן מיר.

זיין פּשוטקייט האָט מיך גערירט און זיין פֿאַרהיימישן זיך צו מיר אויף דעם ערשטן אויגנבליק, האָט מיך איינפאַך פֿאַרכאַפּט. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, און ער האָט מיך שוין גענומען אויפן צימבל.

— וואָס למשל, איז ער באַלד צו מיר צוגעשטאַנען — טוט אַזאַ בחור ווי איר אין אַזאַ כרך ווי לאָס אנדזשעלעס?

די גוראָטענע און קלוגע רבקה ראָזענפעלד האָט באַמערקט מיין פֿאַרלעגנהייט, און זיך גלייך אַריינגעמישט:

— וואָס אַרט אייך וואָס ער טוט? אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, איז ער אַ פּאָעט.

— דאָס איז נישט וויכטיק, האָט ער זיך צעלאַכט משה לייביש. מ'זאָגט יאַקבי אויף מיר אויך, אַז איך בין אַ פּאָעט ביי יידן. איך וויל אָבער יאָ וויסן פֿון וואָס איר מאַכט אַ לעבן אין דער גאָלדענער מדינה.

דאָ איז מיך באַפֿאַלן אַ היץ און אַ שוויס. דער תכשיט משה לייב, ווי ער רופֿט זיך אַליין אָפּט אָן אין זיינע לידער — האָט עס באַמערקט און פֿונדעסטוועגן מיך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט:

— איר באַדאַרפֿט זיך נישט שעמען, אין אַמעריקע שעמט מען זיך נישט מיט גאָרנישט...

— וואָס באַדאַרפֿסטו זיך טאַקע שעמען, שוטה וואָס דו ביסט — האָב איך צו זיך אַליין געטראַכט, און צווישן די ציין ראַפּטאָם אַ זאָג געטון: איך פֿאַרקויף מצבות — וואָס איך האָב דאַן געפּרוווט טאָן.

דאָ האָט משה לייב אויסגעשאָסן אזא מין געלעכטער, אַז עס האָט אַזש דאָס הויז פֿארקלונגען און אַלעמען אָנגעשטעקט דערמיט.

זיינע בלויע אויגן זענען מיך ווי וועלף באַפֿאַלן. אין איין הרף עין איז ער אַריין אין דער ראָלע פֿון זיין משה לייבישן שארפזין, און איראָניש מיר א שמיץ געטאָן אין פּנים אַריין:

— ווען איך האָב אייער פּנים און די טשופּרינע אייערע, וואָלט איך זיך אויסגעזוכט א שענערע פּרנסה ווי אייערע.

— וואָס למשל וואָלט איר געטון משה לייב, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אים פֿארשעמט אַ פֿרעג געטאָן.

— וואָס איך וואָלט געטון, האָט ער איראָניש געשמייכלט — איך

וואָלט זיך אָנגעדונגען אויפן טאָג צו מאַכן קינדער יעדער זעכצן־יאָריקער מויד אָן אויסנאַם...

און וואָס עס איז שייך צו מיין שליחות, ער זאָל אַליין רעקאָמענדירן זיינס אַ ליד פאַר מוזיק, האָט ער אויף דעם אַזוי רעאַגירט:

— זוכט אויף מיינס אַ נאַריש ליד, א. נ. „די זון וועט אַרונטערגיין אונטער דעם באַרג״, און זאָל ער, ווי רופט איר אים דאָרט? — דער מ״ר לעמקאָוו, פאַרפאַסן דערצו מוזיק, אויב מיין ליד וועט אים געפעלן.

די פריינטשאַפט צווישן מיר און משה לייבן האָט זיך אין דער צווישנ־צייט דערוויל איינגעשטעלט צו אַזאַ גראַד, אַז עס איז פאַר אונדז געוואָרן נויטיק צו באַגעגענען זיך אַלע טאָג.

אין דער סביבה פון דער יידישער אינטעליגענץ האָט זיך דערוויל באַשאַפן אַ וויץ אויף מיין חשבון, אַז זינט איך האָב אָנגעהויבן פאַרקויפן מצבות, האָט מען אין אונדזערע רייען אויפגעהערט צו שטאַרבן...

קיין פרנסה האָב איך פארשטייט זיך, נישט געהאַט דערפון, און אַז דער פלאַנירטער משה לייב־אָוונט האָט זיך אונטערגערוקט און איך האָב באַדאַרפט זיין דער פאָרזיצער, האָב איך נישט געהאַט קיין לייטישן מלבוש אויף מיין לייב. דער פועל יוצא איז געווען אַזאַ: מיינער אַ פריינט האָט מיר אַנטליען זיינעם אַ גרויען רעגנמאַנטל, און כאָטש עס האָט יענעם אָוונט נישט גערעגנט, האָב איך צום געלעכטער פון היימישע ציניקער פונדעסט־וועגן דורכגעפירט דעם אומגליקלעכן אָוונט לכבוד דעם פּאָעט משה לייב האַלפּערן, אין אָט דעם גרויען רעגנמאַנטל...

— צוליב וואָס האָט איר געטראָגן אַ רעגנמאַנטל ביי מיין אָוונט אויף דער בינע, האָט מיך משה לייב פּלוצים אַ פרעג געטאָן דעם צווייטן אָוונט ביי זיך אין הויז.

איך האָב זיך פאַר בושה פאַררויטלט און יינגליש פאַרלוירן, פון נערוועזיטעט אַזש אויפגעשפּרונגען פון בענקל. דער קלוגער משה לייב האָט מיך דורכגעשפּיזלט מיט דעם שאַרף פון זיינע אויגן און אין איין הרף עין באַמערקט מיינע צעריסענע הויזן.... ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנט, מיך אַריינגעפירט אין זיין שלאָפצימער און מיר

באַוויזן זיין גאַרדעראָב וואָס איז באַשטאַנען פון מערער ווי אַ טוץ קאָסט־באַרע קאָסטיומען.

— אידיאָט וואָס איר זענט, — איז ער מיך מיט פאָרוווּרף באַפאַלן — פאַרוואָס האָט איר עס מיר נישט דערציילט? נעמט איך וועלכן קאָסטיום איר ווילט נאָר אַליין און טראָגט אים געזונטערהייט.

איך האָב קיין קאָסטיום ביי אים נאַטירלעך נישט גענומען. אין צוויי טעג אַרום אָבער, איז ער גאַנץ פרי צו מיר אַריינגעפאַלן און מיר אַריינגעשטעקט הונדערט דאָלאַר אין האַנט.

— פרעגט נישט קיין קשיות, — האָט ער זיך גענומען כעס׳ן. — איך בין טאַקע אַ לא יצלח און איך קאָן פאַר זיך אַליין גאָרנישט נישט טון. פאַר אַ צווייטן אָבער, — האָט ער שאַרף באַטאָנט — קאָן איך גאָר אַ סך אויפטון. ער האָט גלייך פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך און אין איילעניש אַ זאָג געטאָן:

— מיר וועלן זיך זען שפּעטער. מיין רויזעלע און יינגעלע וואַרטן אויף מיר.

מיר האָבן משה לייבן געוואָלט פאַרשאַפן אַ ביסל פאַרגעניגן און אַראַנזשירט פאַר אים אַ היימישן באַנקעט. דאָ ווידער, האָב איך שוין נישט געקאָנט זיין אַ צווייט מאָל קיין פאָרזיצער. קיינער פון די קאָלעגן ווידער, האָבן אויך דאָס מאָל נישט געוואָלט אָננעמען. האָב איך ביי משה לייבן אַליין געפרעגט אַן עצה.

— איך וועל אייך זאָגן, — האָט ער סאַרקאַסטיש געשמייכלט. — איך האָב געהערט אַז אב. וויקטאָר איז דאָ צוגאַסט ביי זיין ברודער. לאָדט אים איין — זאָל ער זיין פאָרזיצער!

און אַזוי איז פאַרבליבן.

צוליב דעם וואָס איך בין געווען דער סעקרעטאַר פון דעם קאָמיטעט, איז אויף מיין גורל אויסגעפאַלן צו עפענען דעם אָוונט.

די לאַגע איז באמת געווען אַ מאָדנע! משה לייב האַלפּערן איז ערשט אָוועק מיט אַ קנאַק פון דער לינקער באַוועגונג, זיך צוריקגעצויגן ווי אַ מיטאַרבעטער אין איר פרעסע. אב. וויקטאָר ווידער, איז אַן אויס־

געשפּראָכענער לינקער און אַרבעט יאָ מיט אין דער לינקער פּרעסע, מיט דער אויסגעשפּראָכענער פּרעטענזיע צו זיין אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער. דאַרף ער עס זיין דער פּאַרזיצער ביי משה לייב דעם בונטאַר, און אני הקטן באַדאַרף דעם לינקן שרייבער באַגריסן און פאָרשטעלן פאַר אונדזער עולם...

קיין פּאָליטיקער בין איך קיינמאָל נישט געווען. און כאָטש איך לעב באַשיידן און צוריקגעצויגן, האָט מיר אָבער קיינמאָל נישט געפעלט קיין מוט זיך איינצושטעלן פאַר מיין אמת. האָב איך אויך דאָ זיך־אַליין נישט פאַרראָטן, וויקטאָרן באַגריסט ווי אַ גאַסט, און אים פאָרגעשטעלט ווי אַ פּאָעט מיט אַ פּאָליטישער אָריענטאַציע — אַ פּראָלעטאַרישע, וואָס איז מיר פּערזענלעך נישט אייגן.

מער האָב איך נישט באַדאַרפט!

משה לייבס קלוגער און שאַרפער בליק, האָט מיך אָבער באַלד באַרויקט און טאַקע שפּעטער, אויף זיין אייגנאַרטיקן, משה לייבישן אופן, באַרעכטיקט מיין שטאַנדפּונקט.

משה לייב איז אַהער געקומען צוליב זיין געזונט.

ער איז געווען זייער אַן איבערגעגעבענער פאַמיליען־מענטש, כאָטש אַן אויסגעשפּראָכענער באָהעם און קאַוואַליער.

אַלעמאָל, ווען ער איז אַוועק ערגעץ הוליען, האָט אים זיין זעלטן געטרייע און איבערגעגעבענע פרוי רויזעלע, ווי ער האָט איר גערופן — אים אויסגעבונדן זיין שניפּס און אים אַרויסבאַגלייט מיט אַ שמייכל און גאָר אַ סך ליבשאַפט. זיין שוואַכקייט צו פרויען, וואָס איך באַטראַכט ווי אַן אָנשטעל — איז איר נישט געווען פרעמד. און ער אַליין האָט נישט זעלטן ליב געהאַט דערפון צו רעדן, אַפילו זיך באַרימען...

מיין צוגעבונדנקייט צו אים און זיין פאַמיליע האָט גורם געווען דערצו, אַז מיט מיין גאַנצער באַשיידנקייט, אַפילו שעמעוודיקייט, בין איך געוואָרן אַקטיוו צוליב אים, און כמעט פאַר אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר זיך באַמיט און מיט אים דורכגעפירט באַצאָלטע לעקציעס אין פּריוואַטע היימען, וואָס האָט מיר אַפילו פאַרשאַפט אַ היפש ביסל שפיכת דמים, און אים אַריינגעבראַכט

עטלעכע נישטיקע דאָלאַרן, אין וואָס ער האָט זיך דאָ זייער אָפּט געגוויטיקט... צוליב דעם האָבן מיך לציִם דאָ געקרוינט מיט דעם נאָמען: „משה לייבס אימפּרעסאַריאָ...״ וואָס האָט אונדז ביידע קיין נחת נישט פאַרשאַפט...

דערווייל האָט זיך דאָס רעדל אַ דריי געטאָן ביי דער פאַמיליע ראָזענפעלד, וואָס האָט אים אַהער אַריבערגעבראַכט. זיי זענען אַליין געוואָרן יורדים, געמוזט אויפגעבן די באַקוועמע דירה זייערע, און משה לייב איז פּלוצים געבליבן ווי אויפן וואַסער...

רייזעלע מיטן ייִנגעלע האָבן זיך צייטווייליק אַריבערגעצויגן קיין אַלעמבראַ, און משה לייב איז דערווייל פאַרבליבן אין שטאָט, ביז מיר האָבן פאַר אים באַקומען אַ נייע דירה. זיין לאַגע איז נאַטירלעך געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. דאָס האָט געהאַט אַ שעדלעכע ווירקונג אויף זיין געזונט און ער האָט געמוזט צוריקפאָרן קיין ניו־יאָרק.

ביים שרייבטיש און אין דער אומגעבונג פון רייזעלען מיט זיין ייִנגעלע, איז משה לייב געוואָרן גאָר אַן אַנדערער מענטש ווי אין גאַס און אין געזעלשאַפט.

זיינע כתבים האָט ער געהאַלטן אין אַ רענצל און אין דער גרעסטער אומאָרדענונג. אַז ער האָט צומאָל באַדאַרפט ערגעץ שיקן זיינע אַן אַרבעט, איז אים אָנגעקומען זייער שווער אויפצוזוכן דעם מאַנוסקריפּט. און האָט ער שוין געפונען וואָס ער האָט געדענקט און געזוכט, האָט ער עס געפונען אין גאָר אַ סך וואַריאַנטן און עס איז אים אָנגעקומען זייער שווער צו רעקאָנסטרואירן זיינס אַ ליד, לויט די געפונענע וואַריאַנטן, אין זיין אייגענער און פערלדיקער האַנטשריפט.

און אַ געוויינהייט האָט ער געהאַט זיך צו באַנוצן מיט אַ רויטן בלייער, מיט וועלכן ער האָט אומברחמנותדיק אויסגעשטראָכן און איבער־געשריבן גאַנצע סטאַנזעס פון אַ ליד, און נישט זעלטן עס אינגאַנצן איבערגעשאַפן.

אין יענע יאָרן, ווען משה לייב איז דאָ געווען און מיר האָבן זיך אינטים פאַרחברט, בין איך געווען באַהערשט פון אַ מאָדנעם אומרו און

זעלטן געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט. און אַ שוואַכקייט האָב איך געהאַט זיך אַרומצושלייערן איבער די שכנותדיקע בערג־און־טאָלן, נישט זעלטן אויך אויף אַ היגן בית־עולם אַרומצושפּאַצירן איינער אַליין.

איינמאָל, זיצנדיק אַזוי ביי משה לייבן, איז מיך באַפאַלן אַן אומרו. איך האָב זיך אויפגעהויבן ווי אַ ווינט און אַן אַ פאַרוואָס זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

— וווהין יאָגט איר זיך, משוגענער, — האָט מיך משה לייב אָפּגע־שטעלט. — ווער, זאָגט מיר, וואַרט עס אויף אייך?

— דער דרויסן... איך וויל איצט כאַפּן אַ שפּאַציר.

— וואַרט, איך וועל מיט אייך מיטגיין.

מיר האָבן זיך ביידע אַוועקגעלאָזט אויף אַ לאַנגן שפּאַציר. עס האָט לאַנג נישט גענומען און מיר זענען געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג פון אַ גויאישן בית עולם, אין דעם סאַמע האַרץ פון דער יידישער בויעל הייטס.

משה לייב האָט אויף מיר אַ מאָדנעם קוק געטאָן, ווי ער וואָלט מיך פרעגן: — וואָס איז דאָס פאַר אַ משוגעת? — און זיך הויך צעלאַכט.

מיר האָבן פונדעסטוועגן אַהין אַריינגעשפּאַצירט און משה לייב האָט באַלד פאָרגעשלאָגן:

— לאָמיר אויסמעסטן דעם גאַנצן בית עולם, לייענען די אויפשריפטן אויף די מצבות און זען, צי מיר וועלן דאָ נישט געפינען אַ שטיין מיט אַ יידישן אויפשריפט.

און כך הווה: מיר האָבן זיך טאַקע אָנגעשלאָגן אָן אַ מצבה מיט אַ יידישן אויפשריפט: „רעווערענד — — — געשטאָרבן אין די הענט פון אונדזער לאָרד יעזוס קריסטוס".

נישט אויסרעדנדיק אַפילו קיין איין וואָרט צווישן זיך, האָבן מיר ביידע אַ שפּיי געטאָן און ווי אָפּגעבריטע אַוועק פון דאָרטן.

די שטימונג האָט זיך ביי אונדז ביידע געביטן, אין אָנגעזיכט פון דעם צופאַלנדיקן בין־השמשות. משה לייבס פּנים האָט זיך ווי פאַרוואָלקנט און ער האָט אָנגעהויבן עפּעס ברומען צווישן די ציינער. מיטאַמאָל האָט ער גענומען ר ע ד ן פּאָעזיע, מיט־און־אָן גראַמען. זיין מויל האָט

געפּערלט מיט אַ ריטמישער שפּראַך, וואָס וואָלט זיך אויף פּאַפּיר זיכער אויסגעלייגט אין גייסטרייכע מיסטישע לידער וועגן גאָט, וועלט און מענטש. און וואָס לענגער ער האָט גערעדט, אַלץ מער אינטערעסאַנטער איז ער געוואָרן.

ביסלעכוויז איז דער אָוונט צוגעפאַלן און אונדזערע טריט האָבן אונדז ווי אין אַ כּישוף שווייגנדיקע צוגעפירט צו די שטיגן פון זיין הויז, אויף אַ באַרג אין סיטי טערעס, אין שכנות מיט דעם דיכטער ה. רויזענ־בלאַט וואָס האָט געוווינט אונטן, צופוסנס פון דעמזעלבן באַרג.

משה לייב איז געווען אַ מענטש וואָס האָט זיך אונטערגעגעבן זיינע אינסטינקטן.

ער האָט געקאָנט זיין אי גוט, אי שלעכט, צו איין און דעמזעלבן מענטשן. דער וואָס איז געווען צו אים גוט, האָט געגנאַסן פון דער עכטקייט פון זיין פריינטשאַפט איבער דער מאָס. האָט ער זיך אָבער מיט עפּעס פאַרזינדיקט קעגן אים, איז די תּוכחה נישט געווען געגנוג פאַר יענעם. זיין גאַנצער סאַרקאַזם, איראָניע און חוזק, איז באַלד אַוועק אויף יענעמס חשבון.

ער פלעגט אָפּט מיט מיר רעדן וועגן זיין חבר משה נאַדיר.

— קוקט זיך צו ווען איר זען, — פלעגט ער מיר זאָגן — ווי אַלעמען זידלט ער. מיך אָבער — נישט.

ער האָט מיט ווייטיק גערעדט פון נאַדירס קאָמוניסטישער אָריענ־טאַציע:

— ווי אַזוי קאָן ער פלאַפּלען וועגן קאָמוניזם, אַז אַפילו פון רוסלאַנד האָט ער געבראַכט אַוודאי 17 קאָסטנס מיט שמאָכטעס, וואָס פאַרנעמען נאָך אַלץ דעם אויבנאָן אין זיין לעבן!

משה לייב איז געווען אַ לעב־יונג וואָס האָט געוואַגט אַלץ אויט־צופּרוון אויף זיך גופא.

איך בין מיט אים אַמאָל געווען אין שטאָט. ער האָט גראָד געהאַט ביי זיך עטלעכע דאָלאַר. און אַ שוואַכקייט האָט ער געהאַט צו שניפּסן, וואָס ער פלעגט אויך אַליין באַפאַרבן און באַמאָלן. שלעפּט ער מיך

אַריין אין אַ געשעפט פון שניפּסן, באַצאָלט פאַר עטלעכע, און באַלד צעטיילט ער זיי צווישן זיך און מיר. דערווייל פאַרבלאָנדזשען מיר אויף מיין סטריט, אין פראָנט פון אַ ביליקן בורלעסק.

— לאָמיר אַריינגיין, — שלאָגט ער מיר פאָר.

— איך גיי נישט אין אַזעלכע פּלעצער.

— איר זענט אַ שוטה, — שמייסט ער מיר אין פּנים אַריין און ער באַצאָלט גלייך פאַר די צוויי בעסטע בילעטן.

ביים אַרויסגיין פון דאָרטן האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ היפּש באַבערדלטן רב, וואָס איז אַרונטער פון דער גאַליאָרקע און זיך אַוועקגע־שוואַרצט פון מיר מיט אייליקע טריט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשעפעניש, — האָט מיך משה לייב מיט חוזק אַ פרעג געטאָן.

— אַ היימישער ראַבטשאַק, — האָב איך מיט עקל אַ זאָג געטאָן.

— איצט זעט איר שוין וואָס פאַר אַ יאָלד איר זענט? — האָט ער מיך זיגעריש געשמיסן. — אין זאַך מעגט איר יאָ וויסן: ביי אונדז אין ניו־יאָרק האָב איך געזען ערגערע פאַסקודסטווע ווי ביי אייך דאָ, אין לאָס אַנדזשעלעס.

אַזוי האָב איך זיך באַקאַנט און איינגעלעבט מיט משה לייב האַלפּערן אין לאָס אַנדזשעלעס.

זישא לאַנדוי

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל, אין דעם יאָר 1933, געקומען קיין ניו־יאָרק, זענען מיר די מערסטע יידישע שרייבער געווען באַקאַנט בלויז פון זייערע ווערק וואָס איך האָב פונוויטנס נאָכגעפאָלגט, טיילוויז אויך פון מיין דירעקטן קאָרעספּאָנדירן מיט אַ היפּשער צאָל פון זיי. בדרך כלל אָבער, מיטן אויסנאָם פון די גאָר ווינציקע, די אַזוי צו זאָגן פּאָפּולערע און „באַרימטע״, וואָס פלעגן זיך צומאָל באַווייזן אויף דער פּראָווינץ — האָב איך קיינעם פון זיי פּערזענלעך נישט געקענט.

עס איז פאַר מיר דעריבער געווען אַ פריידיקע איבערלעבונג מיט זיי זיך צו באַגעגענען, און אין אַ סך פאַלן, ווי אין דעם פאַל זישא לאַנדוי און מאַני לייב ז״ל, בין איך פּשוט געווען אָנגענעם איבעראַשט, אַפילו גערירט פון זייער אומגעריכטן פאַרחברן זיך מיט מיר אויף דעם האַרציקסטן אופן. ביז היינט איז פאַר מיר נישט קלאָר און אומפאַרשטענדלעך, אין וועלכן זכות מיר איז באַשערט געווען צו געניסן אין אַזאַ גרויסער מאָס, זייער זעלטן אינטימע באַציונג צו מיר, אין דעם גרויסן, קאַלטן מדבר און דורכויס סנאָבישן ניו־יאָרק, ווו רכילות און די קנאה־שנאה־באַציונג צווישן אונדזער שרייבערישער אינטעליגענץ, דאָמינירט זייער אַלעמענס מענטאַליטעט, פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת, יאָר איין, יאָר אויס.

באַלד ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיט זישא לאַנדוי אין בידערמאַנס בוך־געשעפט, האָט ער מיר פאַרשריבן זיין אַדרעס און מיט מיר זיך פאַרשטענדיקט, צו טרעפן זיך מיט אים ביי אים אין הויז.

און אַז איך האָב זיך צו דער באַשטימטער צייט באַוויזן אויף דער שוועל פון זיין דירה, האָט ער מיך אַליין באַגעגנט ביי דער טיר מיט אַזאַ ברייטהאַרציקן, חסידישן ברוך הבא, וואָס האָט באַלד ווי פאַרווישט דעם שאָטן און די מחיצה פון פרעמדקייט צווישן מיר און אים, און איך

האָב זיך אָן יעדן ספק דערפילט ווי ביי זיך אין דער היים, כמעט ווי אין דער סביבה פון מיין טאַטנס הויז.

די קלוגע רייזל, די פרוי זיינע, האָט באַלד באַמערקט די אומגעווײנלעכע פרייד פון אונדזער באַגעגעניש, האָט זי זיך פאַרנומען מיט עפּעס אַן אַרבעט און אונדז געגעבן אַ געלעגנהייט זיך נענטער צו באַקענען ביחידות.

און אַז ער האָט מיך שפּעטער באַקענט מיט זיינע געראָטענע צוויי טעכטער, האָט אויף אים ממש גערוט די שכינה.

זישא לאַנדוי איז געווען אַ זעלטן גייסטרייכע און אימפּולסיווע פּערזענלעכקייט, מיט די גאָרע אייגנשאַפטן פון אַן ענטוזיאַסט אַ חסיד, דווקא נישט פון אַ רבין — כאָטש ער אַליין האָט אַלעמאָל געפיבערט, ממש געברענט מיט תורה און מיט חכמה. אין די קריטישע מאָמענטן אַפילו פון זיין האַרץ־קראַנקהייט, איז ער נאָך אַלץ געווען זייער רירעוודיק און ביז גאָר אינטערעסאַנט, אין זיין באַרעדעוודיקייט.

ביי מיר אין די אויגן האָט ער אויסגעזען מיט זיין צעשויבערטער טשופּרינע און דורכאויס לאַכעדיקע אויגן, ווי אַ גריכישער גאָט.

ער איז אַלעמאָל געווען באַוווסטזיניק וועגן זיין קלוגשאַפט, מיט וועלכער ער האָט אפשר, ווי אַ סך מיינען — קאָקעטירט, אין וואָס איך גלויב בפירוש נישט — און מיט ברען זיך איינגעשטעלט פאַר זיינע עסטעטיש־קינסטלערישע אָנשויונגען און אַני־מאמינס.

זיין מויל האָט אַלעמאָל געשפּרודלט מיט חכמה וואָס האָט דיך פּשוט פאַרכישופט און צו זיך אַרויסגערופן דעם גרעסטן דרך ארץ, פאַרערונג און אויך ליבשאַפט.

ווי אַ יליד אשה, האָט ער נאַטירלעך אויך געהאַט זיינע מענטשלעכע שוואַכקייטן און דעפעקטן, פון וועלכע קיינער פון אונדז איז נישט ריין.

אַזוי, למשל, האָב איך ביי אים אין הויז באַמערקט אַ באַרג מיט „דעטעקטיוו סטאָריס".

— ווי קומט עס צו אייך? — האָב איך אים איינמאָל פאַרוווּנדערט אַ פרעג געטאָן.

— פאַרוואָס נישט? — איך האָב ליב דעטעקטיוו סטאָריס, לייען איך זיי און, אָסור מיר, צי עס שאַדט מיר...

זיין געשמאַקפול איינגעאָרדנטע דירה איז אָבער גלייכצייטיק, אייגנטלעך — דער עיקרשט — געווען איבערגעלאָדן מיט ביכער, קונסט־בילדער, און זיין שוואַכקייט צו יידישע חפצים פון אַ ריטועלן כאַראַק־טער, האָבן אַרויסגעצויבערט פון יעדן ווינקל פון זיין הויז.

און אַז ער האָט מיר גענומען באַווייזן אַ צאָל בשמים־ביקסלעך, מנורות, לייכטער, תורה־מענטעלעך, קמיעות, מטבעות, שופרות, מגילות, תחינות, מזוזות, הבדלות און ענלעכע חפצים, האָט ער ממש געבערענט און געפיבערט מיט באַגייסטערונג, און דערביי נישט פאַרפעלט אָנצוגעבן די געשיכטע פון יעדן חפץ באַזונדער.

זיין הויז איז באמת געווען אַ בית ועד לחכמים. ער אַליין — אַ שפּרודלדיקער קוואַל פון תורה און חכמה, וואָס האָט דיך אַלעמאָל געהאַלטן געשפּאַנט מיט דעם רייץ פון זיין פּערזענלעכקייט.

פרייטיק איז ביי אים געווען אַן אָפן הויז.

און ער אַליין, מער פון אַלעמען — האָט געפיבערט מיט תורה.

אין יענע אָוונטן האָב איך אים קיינמאָל נישט געזען זיצן אַ סעקונדע. אין יעדן שמועס האָט ער זיך באַטייליקט מיט חכמה און נישט ווינציקן רייץ, וואָס האָט אַלעמען געהאַלטן געשפּאַנט.

אַרום אים, ביי זיין טיש אין הויז, אויף דער גאַס און אין דער קאַפע — האָט אַלעמאָל געשוויבלט מיט יוגנט. די גאַליציאַנער גרופּע: מאיר שטיקער, אבא שטאָלצנבערג ז"ל, אברהם טאַבאַטשניק און אַנדערע, האָבן זיך זייער אַקטיוו באַטייליקט אין די דיסקוסיעס ביי זישא לאַנדויס טיש, פרייטיקצונאַכטס.

און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו קעז און איינגעמאַכטס, זענען אָט די מאכלים און נאַשערייען אַלעמאָל געווען די הויפּט־שפּייזן אויף זיין טיש.

אַלעמאָל, ווי קראַנק ער איז נישט געווען — האָט ער מיך אַליין אַרויסבאַגלייט צו דער נאַנטסטער סאַבוויי. און שוין ביי מיין ערשטן באַזוך, האָט ער מיר פאַרזאָגט:

— פרייטיק, איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איר מוזט קומען צו מיר. איר מוזט מיר אָבער אויך צוזאָגן, אַז איר וועט זיך צו מיר אַרונטער־כאַפּן סתם אַזוי עטלעכע מאָל אין דער וואָך, אַזוי לאַנג ווי איר געפינט זיך דאָ אין שטאָט.

אין דער סביבה פון זיין פאַמיליע האָט ער אַלעמאָל געשיינט מיט דער פריידיקסטער הנאה פון אַ שטאָלצן מאַן און פאָטער. ער איז געווען אַזוי צוגעבונדן צו זיינע טעכטער, אַז אין זייער קעגנוואַרט האָט ער אַליין אויסגעזען ווי אַן עלטערער ברודער זייערער, וואָס איז בוכשטעב־לעך פאַרליבט אין זיינע יונגערע צוויי שוועסטערלעך.

איך האָב אים אַמאָל באַגעגנט אויף סעקאָנד עוועניו שבת בייטאָג אַ פריידיקן, מיט אַ צעלויכטן פּנים גיין מיט זיינע טעכטער געאָרעמט.

— וואָס איז אויף אייך די גדולה און וווּ איילט איר זיך אַזוי?

— איך גיי מיט מיינע טעכטער אין יידישן טעאַטער!

— אַוודאי אין שוואַרצס קונסט־טעאַטער, — האָב איך תמעוואַטע אַ זאָג געטאָן.

— ווייס איך וואָס! עס הויבט זיך נישט אָן און עס לאָזט זיך נישט אויס — האָט ער זיך ממזריש צעשמייכלט. — איך גיי מיט זיי אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער. דאָרט שפּילט מען אמתן טעאַטער, נישט ווי ביי שוואַרצן — ל י ט ע ר אַ ט ו ר...

אין שייכות מיט ליטעראַטור־ווערטן, האָט ער אַלעמאָל גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן פאָלקס־דיכטונג אין אַלגעמיין. זיינע איבערדיכטונגען פון אַנדערע לשונות און פעלקער, אילוסטרירן עס אַמבעסטן.

איך האָב אים אַמאָל אַ פרעג געטאָן וועגן זיין באַמערקונג איבער דער דיכטונג פון מיין בן עיר, ה. רויזענבלאַט ע״ה — אין דעם פאָרוואָרט צו זיין אַנטאָלאָגיע.

— איך שרייב קיינמאָל נישט אַנדערש ווי איך גלויב און איך פיל, — איז געווען זיין ענטפער.

— וואָס, למשל, וואָלט איר, זישא לאַנדוי, געטאָן ווען איך קומט אויס צו זיין אַ גאַסט ביי אונדז אין שטאָט ווו רויזענבלאַט וווינט, און ער איז אגב זייער באַליבט ביי אונדזערע יידן?

— ערשטנס, האַלט נאָך נישט דערביי אַז איך זאָל צו אייך קומען אַזוי גיך, — איך בין דאָך אַ האַרץ־קראַנקער און טאָר זיך נישט באַוועגן אַזוי ווייט. און אויב איך זאָל יאָ קומען, און זיינע נייסטע לידער זאָלן ביי מיר אַרויסרופן דעם געוווּנטשטן איינדרוק, פאַרזיכער איך אייך, בראָנשטיין, אַז איך וואָלט געהאַט דעם מוט עס צו אָנערקענען און זיך אַפילו עפנטלעך אַנטשולדיקן פאַר אים...

אין דעם איז באַשטאַנען אַ באַשטימטע גרויסקייט פון אַ געוויסנ־האַפטן דיכטער, וואָס זישא לאַנדוי איז ביי אונדז געווען און אויך פאַרבליבן.

זישא לאַנדוי האָט מיט מיר אָנגעהאַלטן אַ קאָרעספּאָנדענץ נאָך איידער מיר האָבן זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים, און אויך שפּעטער.

אין 1935, באַלד נאָך מיין חתונה — בין איך ווידער געקומען קיין ניו־יאָרק. דאָס מאָל האָבן מיר געהיטש הייקט.

אונדזער באַגעגעניש מיט זישא לאַנדוי איז געווען אַ רירנדיקע. ער איז דאַן שוין געווען זייער קראַנק און אָפּגעצערט, נישט צום דערקענען. און ביידע, איך און מיין פרוי — האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַר זיין גורל.

דאָס מאָל, אַז ער האָט אונדז ביידע געוואָלט באַווייזן די היפּש פאַרגרעסערטע קאָלעקציע פון זיינע ייִדישע אַנטיקן, וואָס אַ טייל פון זיי זענען אַגב געווען פאַרזעקלט אין אַ היפּשן זאַק אין דער גרעסטער אומאָרדענונג, האָט ער שוין דעם זאַק נישט געקענט רירן פון אָרט... ער האָט גערעדט אין לאַנגע פּויזעס, זיך צוהאַלטנדיק ביים האַרצן, און נישט זעלטן זיך אָנגעשפּאַרט אָן מיין אַקסל...

זיין פּנים האָט נאָך געמיניעט מיט סימנים פון זיין אַמאָליקער שיינקייט, איבער וועלכן אַ דינער פאַרהאַנג פון אַן ערב־נאַכט־קאָליר, האָט זיך שוין בולט אָנגעזען...

דאָס הויז זיינס האָט זיך עפּעס אויך פאַרענדערט — געווען שטאַרק אָפּגעלאָזן און עפּעס ווי פאַרטרויערט...

איך האָב אים נאָך פונדעסטוועגן אַ סך מאָל באַגעגנט אויף דער עוועניו, כאָטש זיין לעבן איז שוין קאַנטיק געווען האַלב חרוב...

מיר האָבן זיך באַמיט און אים געקומען זען, אַזוי אָפט ווי מעגלעך.

און האָט אים די קראַנקהייט אַ ביסל אָפּגעלאָזט, האָט ער זיך ווידער געלאָזט פירן פון זיין חכמה אין דער באַגלייטונג פון זיין באַזונטן שמייכל און דורכויס קלוגע רייד.

ביים געזעגענען זיך האָט ער אַפילו גערעדט וועגן איינקויפן זיך אַן אָפּגענוצט פאָרדל, און אַריבערקומען קיין קאַליפאָרניע אויף עטלעכע וואָכן...

מיר זענען פונדעסטוועגן אַוועקגעפאָרן מיט אַ שווער האַרץ, צוליב דעם אומפאַרמיידלעכן גורל וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף אונדזער טייערן פריינט זישא לאַנדוי, וואָס האָט מיך פערזענלעך אַזוי צעבאַלעוועט מיט זיין זעלטענער באַציונג צו מיין ווייניקייט.

מאַני לייב

אַלעמאָל, ווען איך טראַכט פון מאַני לייבן, זע איך אים אין דער געשטאַלט פון אַ שעמעוודיקן ייִנגל.

די שעמעוודיקייט פון אַ ייִנגל האָט זיך פון אים נישט אָפּגעטאָן אין זיין גאַרער דערוואַקסנקייט פון אַ מאַן און באמת גרויסער דיכטער.

זיינע פאַרחלומטע אויגן האָבן געפיבערט מיט דעם רייץ און חן פון אַ ראָמאַנטיקער און דער תמימות פון אַ גלויביקן, וואָס שפּאַנט מיט הכנעה איבער גאָטס וועלט, קריגט זיך נישט מיט זיין באַשעפער, און ער איז בדרך כלל דאַנקבאַר פאַר אַלץ מיט וואָס דער גורל האָט אים באַשאָנקען.

מיין באַגעגעניש מיט מאַני לייבן אין ניו־יאָרק, אין דעם יאָר 1933, איז פאַר מיר געווען די פריידיקסטע איבערלעבונג.

זיין פשטות, וואַרעמקייט און האַרציקייט אין לעבן, האָט זיך מיר איבערגעגעבן ווי דער דירעקטער המשך און ריטם פון ז י י ן ליד און שריפט.

מאַני לייב גופא, זיין שטילקייט, גאַנג און באַנעמונג בין אדם לחברו — האָט מיט זיין גאַנצן וועזן, אָן דעם שאָטן פון פּאָזע — זיך אַריינגעזונגען אין דיין געמיט, מיט דער גאַרער עכטקייט און שיינקייט פון אַ ליד, אין דעם געשטאַלט פון אַן עניו, אַ לעבעדיקן מענטשן.

אין דער שטילקייט פון מאַני לייבס רעדן און הויכן שווייגן אַפילו, אין דער אינטימקייט פון זיין באַשיידענער וווינונג, צי — כמו אָפּיס: אַ וואָכעדיק, אָפּגעקראָכן און אָפּגעלאָזן גרוי צימערל פון דער בעקערס־יוניאָן אויף דער ניו־יאָרקער איסט סייד — האָט זיין דיכטערישע פערזענלעכקייט דיך צוגעשמידט צו אים, דיך געהאַלטן געשפּאַנט מיט זיין תמימות און דער גאַרער עכטקייט פון ז י י ן באַציונג צו דיר, ווי צו זיינס גליכן, וואָס האָט דיר גופא צוגעגעבן אַ סך חשיבות אין דיינע אייגענע אויגן.

— איך וואָלט נישט וועלן, אַז איר, בראַנשטיין, זאָלט שרייבן עסייען און ליטעראַטור־קריטיק, — גיט ער מיר פּלוצים אַ זאָג ביי אַ גינסטיקער געלעגנהייט, אויף אונדזער וועג צו דער רעדאַקציע פון דעם ניו־יאָרקער „פאָרווערטס".

— צוליב וואָס באַדאַרפט איר עס, — האַמערט ער ווידער. — קריטיק שמעקט עפּעס מיט... פּאָליטיק, מיט טאָן יענעם אַ טובה, צי גאָר חלילה — אַ רעה. עס פירט אָפּט צו הייס בלוט. נישט זעלטן — צו פּשוטער שנאה...

און ווייטער:

— איר וואָלט באַדאַרפט שרייבן אַזעלכע שטילע לידער ווי איך שרייב, אָן חכמות און אָן פּרעטענזיעס...

ווי נאַיוו איר זענט, מיין טייערער מאַני לייב, האָב איך זיך געטראַכט. ווען איך וואָלט געהאַט אייער טאַלאַנט, וואָלט עס זיך במילא אַזוי אויסגעלייגט. איך האָב אָבער בכלל געשוויגן פון געפּלעפּטקייט, סתם נישט רעאַגירט אויף דעם, בלויז דערביי זיך געריוויטלט...

מאַני לייב איז געווען אַ מסתפּק במועט. צוליב דעם האָט ער זיך פאַר מיר קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף זיין גורל. ער האָט זיך גאָר, אין קעגנטייל, געפריידט מיט זיין „עשירות" — די עשירות פון אַ פּשוטן מענטשן, וואָס איז — ווי מיין ווייניקייט — אַ שמח בחלקו.

— די בעקער־יונגען פאַר וועלכע איך אַרבעט אַ ביסל (געשריבן „פּובליסיטי" — י. ב.), באַהאַנדלען מיך זייער גוט. ס'איז פּשוט אַ מחיה מיט זיי צו פאַרברענגען. זיי זענען אַלע ווילע מענטשן, און איך בין מיט זיי זייער צופרידן. איך פאַרשטיי אגב אויך נישט, — גיט ער מיר פּלוצים אַ זאָג — וואָס מ'האָט ביי אונדז צו אב. קאַהאַן. מיך באַהאַנדלט ער זייער גוט! איך מיין, — באַטאָנט ער ווידער — אַז ער איז זייער אַ פיינער און גאָר גוטער מענטש.

צוליב דעם אפשר האָב איך פּשוט געשטוינט, ווי אַזוי אַ צאָל אינע־ווייניקסטע „פאָרווערטס"־מיטאַרבעטער, האָבן אין עטלעכע מינוט אַרום אויפגענומען מאַני לייבן, ווען איך בין מיט אים אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע, ווו מאַני לייב האָט באַדאַרפט איבערלאָזן זיין „פּובליסיטי"

פאַר דער בעקערס־יוניאָן. קיינער, אַבסאָלוט קיינער נישט! — האָט זיך אויף אים כמעט ווי נישט אומגעקוקט, אים צומאָל נישט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג; ווי אַ שיק־יינגל אים אָפּגעשטויסן און משלח געווען פון איין שרייבטיש צום צווייטן...

מאַני לייב איז געווען פאַרליבט אין דער פּאָעזיע פון דעם אַמאָליקן רוסלאַנד. אַלעמאָל האָט ער דערפון גערעדט, זיך ממש פאַרכלינעט פון באַגייסטערונג.

פון ציט צו צייט, ביי זיך אין הויז צי גאָר אין גאַס, פלעגט ער פאַר מיר פאַרלייענען פון זכרון, לידער פון פושקין, סאָלאָגוב, נעקראַסאָוו און אַנדערע. ער האָט זיי גלייכצייטיק פאַר מיר איבערגעדיכטעט אויף יידיש־לשון, וואָס האָבן מיר געקלונגען אין די אויערן ווי אָריגינעל פאַר־טראַכטע און גוט אויסגעפירטע לידער אויף יידיש.

ביי זיין גאַנצער דיכטערישער צעטראָגנקייט איז מאַני לייב אויך געווען זייער אַ פּינקטלעכער מענטש.

איך בין אַמאָל געווען ביי אים צוגאַסט. פּלוצים גיט ער מיר אַ זאָג:

— שוין צייט פאַר אייך צו גיין.

— איך קוק אים אָן פאַרוווּנדערט און איך פרעג: — פאַרוואָס?

מאַני לייב מישט אויף אַ ניו־יאָרקער צייטונג און ער ווייזט מיר:

— איר זעט? דאָ אַנאָנסירט מען, אַז איר באַדאַרפט היינט פאַר־לייענען אייערע לידער, ביי אַ זיצונג פון דער קולטור־געזעלשאַפט. באַדאַרף מען האַלטן וואָרט — קומען און לייענען.

מאַני לייב איז געווען איבערראַשט צו הערן, אַז איך ווייס אַפילו נישט דערפון... ער האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינעם; מיך צוגערעדט צו גיין און מיך אַפילו צוגעפירט צו דער סאָבוויי.

אַ צווייט מאָל, ווען איך בין ביי אים געווען צוגאַסט און ער האָט זיך געאיילט אַוועקגיין האַלטן אַ לעקציע, ווי עס איז געווען אַנאָנסירט אין צייטונג, האָב איך געוואָלט מיט אים מיטגיין.

— ס'איז נישט נייטיק, — האָט ער זיך גענומען רויטלען ווי אַ יינגל...

— איך בין נישט קיין רעדנער, און איר וועט גאָרנישט נישט אָנווערן, אַז איר וועט מיך נישט הערן רעדן.

מאַני לייב איז באַשטאַנען אויף זיינעם און מיך טאַקע נישט מיט־גענומען.

ביי אַ געלעגנהייט האָב איך אים אַ פרעג געטאָן וועגן דעם „סקאַנדאַל" וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי אים אין הויז, ווען איזאַדאָרע דאַנקאַן און סערגיי יעסענין זענען געווען ביי אים צוגאַסט.

דאָ האָט זיך מאַני לייב גאָר שטאַרק פאַררויטלט. זיין פּנים האָט ווידער אָנגענומען דעם אויסזען פון אַ פאַרשעמט יינגל, און ער האָט מיר קורץ און שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— הערט זיך נישט צו צו קיין רכילות! עס איז באמת גאָרנישט נישט געווען...

איך האָב ביי מאַני לייבן אין הויז נישט באַמערקט קיין קאַפּיעס פון זיינע אייגענע ביכער. און אַז ער האָט מיר געוואָלט געבן אַ מתנה זיינעם אַ בוך, האָט ער מיך צוגעשיקט צו זיינעם אַ חבר קיין ברוקלין, איך געדענק לײדער נישט זיין נאָמען — וואָס האָט מיר איבערגעגעבן אַ קאָפּיע פון זיין בוך „וווּנדער איבער וווּנדער".

מיין צווייטע באַגעגעניש מיט דעם אומפאַרגעסלעכן מאַני לייב איז געווען אין יאָר 1935, אויך אין ניו־יאָרק. די פאַרטיפונג זיינע אין זיין אייגענעם חשבון הנפש איז געווען זייער קענטיק אויף זיין איידל אויס־געבליכט פּנים, וואָס האָט געפיבערט מיט נייגיר און דערוואַרטונג. מאַני לייב איז דאַסמאָל געווען מער פאַרטראַכט ווי אַלעמאָל, שטאַרק גצעוימט אין זיין רעדן, מיט אַ זעלטן איינגעהאַלטענעם און קלוגן שמייכל אויף זיין אָפּגעצערטן פּנים, איינגעצויגענע ליפּן און מיסטיש פייערל אין זיינע צעלויכטענע, פאַרחלומטע אויגן.

מאַני לייב איז שוין דאַן געווען פאַרקאַכט אין זיינע ס אָ נ ע ט ן, וועגן וועלכע ער האָט אַגב גערעדט מיט שפּאַנונג און נייגער, ווי וועגן דעם קלימאַקס פון אַלע זיינע דיכטערישע עבודות, וואָס זענען שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אין זיינע פּראַכטפולע צוויי בענדער „לידער און באַלאַדן", וואָס אים איז שוין לײדער נישט באַשערט געווען צו זען.

דוד איגנאַטאָוו

דוד איגנאַטאָוו האָט זיך מיר איינגעקריצט אין מיין זכרון, מיט זיין אייביק יוגנטלעכן אימפּעט.

פון דער נאַטור אַ האַרציקער און פריינטלעכער מענטש, איז ער אין זיין אומגאַנג מיט מענטשן געווען ווי אַן אָפן בוך, וואָס אַפּעלירט צו דיר מיט דער גאַרער עכטקייט פון אַ פאַרשריבענער איבערלעבונג.

זיין באַגעגעניש מיט מיר איז געווען, ווי די באַגעגעניש פון אַ פאָטער מיט אַ זון, אין וועמענס גורל דער ערשטער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַפילו באַזאָרגט וועגן דעם וווילזיין פון דעם צווייטן.

מיט דער הנאה און דעם נחת פון אַן עלטערן ברודער, האָט ער געבלעטערט און זיך פשוט געפרייט מיט מיין בוך „וואַגאַבונדיאַדע“, וואָס איך האָב אים געבראַכט אַ מתנה.

— עס קומט איך אַ סך קרעדיט, — זאָגט ער מיר מיט באַגייסטערונג — שוין פאַר דער עסטעטישער זייט אַליין פון אָט דעם בוך אייערן.

— איך אַליין, — דערציילט ער מיר — האָב אַ ביסל דערפאַרונג אין אָט די זאַכן. זאָג איך אייך בפירוש, אַז איך וואָלט עס נישט געקאָנט מאַכן בעסער פון איך, דאָ — אין ניו־יאָרק.

— וואָס איז אָבער מכוח דעם אינהאַלט? — פאַל איך אים אַריין אין די רייד.

— שאַט, שאַט! וואָס איילט איר זיך אַזוי? אַלץ ווילט איר וויסן מיטאַמאָל! — שמייכלט ער מיר אין פנים אַריין מיט זיינע ברייט־צעעפנטע און לאַכעדיקע אויגן. — לאָזט מיך עס פריער איבערלייענען, וועלן מיר זען. איין זאַך ווייס איך יאָ, — זאָגט ער מיר גוטברודעריש — פון אייערע ביז איצטיקע זאַכן וואָס זענען מיר באַקאַנט, קאָן מען פון איך אויף זיכער עפּעס דערוואַרטן...

אונדזער באַגעגעניש איז געווען ביי זיין פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט

אין דעם „האַיאַס“, אין שכנות מיט דעם אַמאַליקן „מאָרגן־זשורנאַל“, אויף דער באַוערי, אין דעם יאָר 1935.

ער איז דאָרט געווען שטאַרק פאַרנומען און איך האָב געשאַנעוועט זיין צייט.

— איר האָט זיך נישט וואָס צו איילן — גיט ער מיר אַ זאָג. — מאָרגן און איבערמאָרגן, וועט נישט זיין אַנדערש ווי היינט. האָט זשע אַ ביסל געדולד, וועלן מיר כאַפּן אַ שמועס.

אַזוי־אָ, רעדנדיק וועגן ליטעראַטור און שרייבער, גיט ער זיך אַ צינד אָן, און ער גיט מיך פּלוצים אַ פרעג:

— דעם שרייבער מ. ל. קענט איר? ער געפינט זיך איצט, דאַכט זיך, אין אייערע מקומות. אויב איך מאַך נישט קיין טעות, האָט איר וועגן אים רעפערירט ביי זיין קבלת פּנים.

— אַוודאי קען איך אים! מיר דאַכט אַגב אויך, — גיב איך צו מיט באַטאָנונג — אַז ער איז אַ גוטער פּראָזע־שרייבער.

— און אַז אַ גוטער שרייבער, — העכערט ער זיין קול — איז וואָס?

אין זיין אומגעריכטער אויפרעגונג, כאַפּט דוד איגנאַטאָוו אַרויס אַ פּאַקעט מיט בריוו־דופּליקאַטן — זיינע ענטפערס אין נאָמען פון „האַיאַס“, און אויך אַ היפשע צאָל בריוו פון אַ פרוי פון אַ דרום־אַמעריקאַנער מדינה.

— באַמיט זיך און קוקט אין זיי אַריין.

ביים לייענען אָט די דאָקומענטן איז מיך באַפאַלן אַ היץ און אַ קעלט. מיר איז כמעט ווי פינצטער געוואָרן אין די אויגן פון אַ מיטגעריסענעם צער און בושה. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער הילפלאָזיקייט פון אַ מאַמע מיט קינדער — דעם פּאַראַט פון דעם דערמאָנטן שרייבער, וואָס האָט איבערגעלאָזן זיין פרוי און קינדער אויף גאָטס באַראָט, פאָרט אַליין אַרום איבער דער וועלט און — הפקר פּעטרישקע...

— וואָס טויג מיר וואָס ער איז אַ גוטער שרייבער, ווי איר מיינט — אַז ער איז אַ רשע, אַ דעגענעראַט, — אויב איר ווילט! דער וואָס טרייסלט זיך אָפּ פון זיין פאַמיליע, לאָזט זיי אויסגיין פון הונגער און איז פשוט טויב און בלינד צו זייערע נויטן, — כעסט זיך דוד איגנאַטאָוו —

איז נישט קיין מענטש און נישט קיין ייד. אַזאַ מענטש, לויט מיין מיינונג, קאָן אויך נישט זיין קיין גוטער שרייבער. קיין כבוד פאַר אונדזער שווער פאַרהאַרעוועטער ליטעראַטור, איז עס זיכער נ י ש ט!

— דענקט איר נישט, בראַנשטיין, — היצט ער זיך ווייטער, אַז אַ שרייבער באַדאַרף און מוז קודם כל זיין אַן עטישער מענטש, מיט זיין לעבן און האַנדלונגען דינען ווי אַ מוסטער פון אַן אידעאַלן מענטש?

— אַוודאי בין איך מיט אייך מסכים, דוד איגנאַטאָוו. אָבער איך און איר, קאָנען דאָך נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ צווייטן שרייבערס האַנדלונגען!

— אַז מיר קאָנען אים אַפילו נישט אָניאָגן! היינט איז ער דאָ, און מאָרגן — ערגעץ אַנדערש, אַפילו אין אַן אַנדער לאַנד... און איך האַלט, — טענהט ער ווייטער — אַז אונדזער ליטעראַטור באַדאַרף נישט און טאָר נישט טאָלערירן אַזעלכע שרייבער ווי ער איז, איבערהויפּט איצט, אין דער טראַגישער תקופה פון היטלעריזם, ווען יידיש לעבן גייט אָפּ מיט בלוט.

צוליב אָט דער אומגעריכטער אויפרעגונג, איז דער ענין ליטעראַטור פון אונדז אַוועקגעשוווּמען. ביידע זענען מיר עפּעס פאַרבליבן ווי פאַר־גליווערט און מער נישט אויפגעלייגט געווען, בכלל צו רעדן.

מיר האָבן זיך צעשיידט אין זייער אַ שלעכטער שטימונג. און ביז היינט גייט מיר נאָך דער אומהיימלעכער בייגעשמאַק פון מיין ערשטער באַגעגעניש מיט דעם באמת ראַפינירטן, איידעלן און ביז גאָר איבער־געגעבענעם, האַרציקן חבר און ענטוזיאַסט, דוד איגנאַטאָוו.

מיינע אַנדערע באַגעגענישן מיט דוד איגנאַטאָוו האָבן זיך געדרייט מצד אים, אַרום אַ מעגלעכקייט פאַר מיר צו פאַרבלייבן אין ניו־יאָרק, אויף דעם אָנרעג פון די נאָך לעבעדיקע און אַקטיווע שריפטשטעלער, אברהם ליעסין, דוד פּינסקי, מאַני לייב און זישא לאַנדוי ז״ל, וואָס זענען שטאַרק געווען פאַראינטערעסירט מיך צו פאַרהאַלטן אין ניו־יאָרק, פּשוט געזוכט פאַר מיר אַ מעגלעכקייט זיך דאָרט צו עטאַבלירן.

— איך ווייס נישט ווען, — טענהט צו מיר דוד איגנאַטאָוו — איין זאַך איז אָבער יאָ זיכער, פריער אָדער שפּעטער וועל איך דאָ פאַר אייך

קריגן אַ פּאַסיקע שטעלע. איך בין אָבער קיינמאָל נישט זיכער מיט אייך, איר זענט דאָך אַ וואַגאַבונד! היינט דאָ, און מאָרגן — ווער ווייסט ווו, איך האַלט אייך אָבער פאַר אַן ערלעכן מענטשן. וויל איך פון אייך אַליין הערן, צי איר ווילט יאָ אָדער נישט פאַרבלייבן דאָ. וועט איר מיר זאָגן, אַז יאָ, — וועל איך פאַר אייך זוכן אַ שטעלע. אויב נישט — איז אומזיסט מיין טירחא.

איך בין נישט געווען פאַראינטערעסירט דאָרט צו פאַרבלייבן. האָב איך אים פאַרשפּאָרט די דאָזיקע מי, כאָטש ער, ווי די פריער דערמאָנטע שריפטשטעלער — האָבן מיך אַלע צוגערעדט דאָרט צו פאַרבלייבן.

ביים איבערגעבן מיר זיינע ביכער אַ מתנה, אין דעם יאָר 1935, האָט דוד איגנאַטאָוו מיר אָנגעשריבן אַן אייגנהאַנטיקע ווידמונג, וואָס לייענט זיך טיילווייז אַזוי: ...מיט די בעסטע ווונטשן פאַר אַ גוטער ליטע־ראַרישער צוקונפט... וואָס איין גאָט ווייסט, צי עס איז יאָ צי נישט מקוים געוואָרן...

נפתלי גראָס

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען אין ניו־יאָרק, האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן צו באַקענען און באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט דעם פּאָעט נפתלי גראָס כאָטש מיר האָבן זיך ביז דאַן שוין אַ לענגערע צייט געהאַט אַדורכגעשריבן.

אַלעמאָל ווען איך האָב אָן זיין טיר אָנגעקלאַפּט, האָט זי מיך אַ טויבע באַגעגנט, זיך קיינמאָל פאַר מיר נישט געעפנט.

— איך בין דאַן פאַרנומען געווען מיט גיין אין שפּיטאָל טאָג־טעגלעך, מיין פרוי ע״ה, איז דאַן געווען זייער קראַנק, — האָט ער זיך פאַר מיר פאַרענטפערט אין זיינעם אַ בריוו, וואָס האָט מיך שוין אָנגעיאָגט אין מיין היים.

אַז איך בין אָבער אַ צווייטן מאָל געקומען קיין ניו־יאָרק, אין יאָר 1935, מיט מיין פרוי, איז שוין זיין טיר פאַר אונדז אַלעמאָל געווען גרייט און אָפן.

נפתלי גראָס האָט אונדז אויפגענומען מיט דער גאָרער האַרציקייט פון אַ זעלטן ליבן חבר, וואָס האָט זיך אַגב שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די קלענסטע דעטאַלן פון אונדזער לעבן.

דער פּאָעט נפתלי גראָס איז אין לעבן נישט געווען אַ האָרעלע אַנדערש, ווי אין זיינע קערנדיקע לידער.

אין אַ שמועס ביי זיין טיש, האָבן זיך זיינע שיחות חולין אין מיר אַריינגעכישופט מיט דעם רייץ און פּשטות פון זיין דיכטונג אין שריפט, אין דעם היימישן לשון פון זיין גאַליציאַנער יידיש.

אין דער מסיבה פון זיינע אומצאָליקע ספרים אויף דעם געביט פון ביבל־פאָרשונג, האָט ער געפיבערט מיט דער שעפערישקייט און דער צניעות פון אַן עניו, אין אַ וועלט פון כולו רוחניות, אין ווידער־שפּרוך צו דעם דרויסנדיקן געטומל און גייסט פון דער ריזיקער מעטראָ־פּאָליע — ניו־יאָרק.

אין דער גאָרער איידלקייט פון זיין באַנעמונג מיט מענטשן, איז ער געווען אַ זעלטענער מכניס־אורח. און וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט, אייגן־געמאכטן קאָניאַק און איינגעמאכטס פון פאַרשידענע פּירות — האָט ער באַלד דערמיט סערווירט זיינע געסט.

ווען איינער פון זיינע געסט האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען אָפּשיד, איבערלאָזנדיק הינטער זיך דעם מכניס אורח מיט די אַנדערע געסט, ווי עס איז אַמאָל געווען דער פאַל מיט דעם שריפטשטעלער און פאָלקלאָריסט א. ליטווין ז״ל, וואָס האָט אגב אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּאַרצייטיקן, פאַרחלומטן גייער — האָט אים נפתלי גראָס אַרויסבאַגלייט מיט אַ סך ליבשאַפט אין זיינע אויפגעטרערטע אויגן און דערביי באַמערקט:

— ווי איר קוקט אים אָן, אָט דעם עניו, דעם מחבר פון די וווּנדער־לעכע „יידישע נשמות", איז ער אַליין אַ וווּנדערלעכער מענטש, כמעט אַ רואה ואינו נראה. קיינער פון אונדז, באַטאָנט נפתלי גראָס — ווייסט קיינמאָל נישט זיין אַדרעס, פונוואַנען ער קומט און וווּהין ער גייט. און אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, איינשליסנדיק זיינע מאַנוסקריפּטן, טראָגט ער מיט זיך מיט אין זיין זעקל, אויף די פּלייצעס זיינע. ער קומט צו מיר פון צייט צו צייט אַריין אין הויז, רעדט נישט קיין סך, באַקלאָגט זיך נישט אויף זיין גורל, און איידער דו קוקסט זיך אַרום איז ער שוין ווידער נישטאָ...

נפתלי גראָס האָט געהאַט זעלטן גרויסע, ליכטיקע אויגן, וואָס האָבן אַלעמאָל געפלעמלט מיט דעם מיסטישן פייער פון אַ שעפערישער פערזענלעכקייט, פול מיט רייץ, חן, נייגער, צער, טרויער־און־באַדויער, וואָס האָבן אין זייער אומרו אַלעמאָל געזוכט און אויך געפונען אַ תיקון אין זיינע תוכיקע לידער און מערקווירדיק תנ"כישע איבערדיכטונגען.

זיין אומרו, זאָרג און נייגער פאַר אַ פּינקטלעכן פירוש און וואָרט, האָבן אים תמיד געשטויסן צו שעפערישע מעשים, מיט וועלכע עס איז שווער געווען צו קאָנקורירן, אַ דאַנק זיין גרויסער התמדה און נישט קלענערער ערודיציע.

זיינע תמימותדיקע סענטימענטן צו אַ חבר האָבן זיך אַפילו אָפּגעשפּיגלט אין זיינע דורכאויס סענטימענטאַלע ווידמונגען אויף זיינעם אַ בוך־מתנה, צי זיינער אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס אָטעמען תמיד מיט דער גרויסמענטשלעכקייט און עכטקייט פון אַ זעלטן איבערגעגעבענעם חבר, ווען ס'איז אַבסאָלוט פרעמד געווען די צביעות פון אָנשטעל און פּאָזע.

ס'איז פונדעסטוועגן צום שטוינען, וואָס אָט דער באַשיידענער און

זעלטן ראַפינירטער נפתלי גראָס, האָט שטיל געליטן פון אַן אינפעריאָ־ריטעט־קאָמפּלעקס, און אין זעלטענע מאָמענטן פון שטילן השתפכות הנפש, זיך רויטלענדיק דערבײַ ווי אַ ייִנגל, שטאַמלענדיק באַקלאָגט זיך, אַז מ׳שאַצט אים נישט גענוג אָפּ אין דער ליטעראַטור...

אין אונדזערע באַגעגענישן און קאָרעספּאָנדענץ, האָבן מיר קיינמאָל איינער דעם אַנדערן חלילה נישט פוגע בכבוד געווען. ווען נפתלי גראָס האָט מיר אָבער פּלוצים אויפגעהערט ענטפערן אויף מײַנע בריוו, האָט עס מיר שטאַרק וויי־געטאָן. איך האָב זיך איינמאָל אָנגענומען מיט מוט, אויסגערעדט דאָס האַרץ פאַר אים, באַטאָנענדיק דערבײַ, אַז איך פיל זיך נישט שולדיק קעגן אים מיט גאָרנישט. איך האָב אים פשוט געבעטן: מיר אויפקלערן זײַן אומגעריכטן גלײַכגילט צו מײַן ווײַניקייט.

מײַן אָנפראַגע און אָפנהאַרציקייט האָט אים קענטיק גערירט. ער האָט מיר באַלד געענטפערט, אומגעפער אַזוי: ...אין אַ נאָטיץ אונטער אײַער רעדאַקציע, האָט איר אַנאָנים איראָניזירט איבער מײַן פּאָעזיע...

די זאַך האָט מיך אַ שטאַרקן ברי געטאָן. איך האָב באַלד מעיין געווען אין די אויסגאַבן וואָס איך האָב אַמאָל רעדאַקטירט און, צו מײַן ווײַטיק און בושה האָט זיך עס לײַדער באַשטעטיקט...

דער אמת אָבער איז, אַז דער באַטרעפנדיקער נאָטיץ איז געווען געשריבן פון מײַנעם אַ בן עיר, אַ חבר, אַ היץ־קאָפּ — וואָס זוכט בלויז חסרונות בײַ יענעם. אַזוי ווי אָבער איך בין געווען דער פאַראַנטוואָרט־לעכער רעדאַקטאָר פון דער באַטרעפנדיקער צײַטשריפט, האָב איך נאַטירלעך געטראָגן די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערפאַר, שוין צוליב דעם אַלײן, וואָס יענער נאָטיץ איז געווען אַנאָנים, פון קיינעם נישט אונטערגעשריבן.

מײַן עגמת נפש האָט זיך מיטאַמאָל פאַרפילפאַכט. איך האָב זיך נאַטירלעך באַלד אַנטשולדיקט פאַר מײַן לײַדנדיקן חבר נפתלי גראָס, צוגעבנדיק מײַן שולד.

נפתלי גראָס האָט מײַן אַנטשולדיקונג אויפגענומען מיט דער ספּאָרטישקייט פון אַן איידעלן מענטשן און באמת איבערגעגעבענעם חבר. אונדזער קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך באַלד ווידער באַנײַט און אויך אָנגעהאַלטן ביז דעם אומפאַרמײַדלעכן פינאַל פון זײַן יונג פאַרשניטענעם לעבן.

מיין באַגעגעניש מיט דעם דיכטער איקס

צו שרייבן איבער ליטעראַטור־ווערטן ביי יידן, איז נישט אַזאַ איינפאַכער ענין, ווי עס קאָן זיך אויסדוכטן אויבנאויף, ווי מיר ווען באַלד זען — זיכער נישט קיין דאַנקבאַרע אַרבעט.

צום אַלעם ערשטן, זאָל געדענקט ווערן — באַדאַרף מען זיין געבענטשט מיט טאַלאַנט, געדולד, נישט ווייניק וויסן און אויך אַ היפשער מאָס אינטויציע. און אַז דו דערגרייכסט שוין וואָס דו גאַרסט און וואָס דו ווילסט — אַרויספּערלען פון זיך דיינע איינדרוקן פון ביכער וואָס אינטערעסירן דיך און האָבן בכלל אַ קינסטלערישן ווערט, באַדאַרפסטו ערשט זאָרגן פאַר אַן אויסגאַבע מיט חשיבות, ווו דיין אַרבעט צו פאַר־עפנטלעכן. דערנאָך ערשט — און דאָס איז דאָס ערגסטע! — ווערסטו נישט זעלטן אויסגעזעצט צו די משונהדיקסטע קאַפּריזן פון שרייבער איבער וועמענס ווערק דו שרייבסט יאָ, און אויך פון שרייבער איבער וועמענס ווערק דו חלומסט אַפילו נישט צו שרייבן.

שרייבער בכלל, זענען זייער עקסצענטריש אין זייער באַנעמונג. אַלע אָן אויסנאַם מיינען, אַז בלויז ע ר איז עס דער באַרופענער צו זיין אַ שרייבער ביי יידן, און נאָר אים קומט די כהונה, לויב און אָנערקענונג — דערצו נאָך, נישט ווינציקער ווי פולע הונדערט פּראָצענט, מיט אַן עודף נאָך דערצו...

אין מיין דערפאַרונג מיט שרייבער איבער וועמענס ביכער איך האָב יאָ באַוויזן צו שרייבן, איז מיר דירעקט אויסגעקומען צו הערן:

— לויט מיין מיינונג, האָט איר, שרייבנדיק איבער מיין בוך, בכלל נישט גענוג געשריבן און פּראָפּאָרציאָנעל געבראַכט אַ גרעסערע צאָל פון מיינע לידער, ווי אייגענע מיינונגען איבער זיי...

אַ צווייטער שרייבער, איבער וועמענס ביכער איך האָב בכלל נישט געשריבן — האָט זיך אַמאָל צו מיר געווענדעט אין שריפט, בזה הלשון:

— איך זע נישט איין, וואָס אַזוינס איר האָט דערזען אין דעם דיכטער

אברהם סוצקעווער, וואָס איר שרייבט וועגן אים אַזוי אָפּט! ער איז גאָרנישט אַזאַ גרויסער דיכטער ווי איר מיינט...

און אַ דריטער דיכטער האָט מיר פאָרגעשלאָגן צו שרייבן איבער זיינעם אַ בוך לידער און דערביי נישט פאַרפעלט צו באַטאָנען, וועלכע לידער זיינע איך זאָל לייענען, ציטירן, אַפילו וואָס צו זאָגן וועגן זיי...

פון דעם געזאָגטן איז צו זען, אַז עס איז אָפּט נישט זייער אָנגענעם זיך עפנטלעך צו פאַרנעמען מיט ליטעראַטור־ווערטן און גלייכצייטיק אָנהאַלטן דעם באַלאַנס פון זיין אָביעקטיוו און גיין ווייטער אין שפּאַן פון אַזאַ עבודת הקודש, אָן אַן איבערגרייס און אויך אָן פאַרדרוסן, וואָס זיי זענען אַגב נישט זעלטן אַ פּאָזיטיווע שטערונג אין דייַן אַרבעט.

איך בין אַמאָל באַגאַנגען אַ נאַרישקייט און פאַרעפנטלעכט אַ פּאָזיטיווע אַרבעט איבער אַ בוך לידער פון דעם פּאָעט X, אין אַ ניו־יאָרקער ליטעראַרישער אויסגאַבע.

צוליב אָט דער באַשיידענער אַרבעט מיינער, האָט זיך פאַרבונדן אַ חברישע קאָרעספּאָנדענץ צווישן מיר און דעם פּאָעט X.

אין יאָר 1935 בין איך געווען צוגאַסט אין ניו־יאָרק.

דער דיכטער X, ווי אַ סך אַנדערע פען־חברים — האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אין הויז.

X האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון זייער אַ שטילן מענטשן. באַשיידן, און נישט באַרעדעוודיק. ווען איך פלעג אים צומאָל באַגעגענען אין גאַס, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן זיין נערוועז באַוועגנדיק פּנים, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מענטשן וואָס ליידט פון אַ הויכן בלוט־דרוק מיט אַ שטילן טרויער אין די אויגן.

זיין וווינונג — אַ געווײנלעך היימישע דירה, האָט מיר אויך אויס־געזען צו זיין פאַרטרויערט, צוליב עפּעס אַ פּאָר מיר מיסטעריעזער סיבה.

ווען מיין בליק איז צופעליק געפאַלן אויף דעם בילד פון אַ קינד און איך האָב אומשולדיק אַ פרעג געטאָן ווער דאָס איז, האָט זיך די מיסטעריע מיט אַ מאָל ווי אויפגעלייזט...

די שטימונג ביים טיש ביי דעם דיכטער X אין הויז, איז פונדעסט־וועגן געווען אַ גוטע, אַפילו פאַרזאַלצן מיט אַ ביסל הומאָר — — —

דער שמועס, ווי געוויינלעך, האָט זיך געדרייט אַרום שרייבער און זייערע ווערק.

ווען מיר האָבן פאַרענדיקט דאָס עסן, בין איך מיטאַמאָל פאַרבליבן אַליין מיט דעם דיכטער X, פּנים אל פּנים. זיין פּנים האָט זיך מיטאַמאָל ווי פאַרכמאַרעט, כמעט ווי אָנגעברוגזט. זיין שטימונג — אינגאַנצן ווי פאַרענדערט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז ער געבליבן פאַרווינקלט און הויז, אין זיך געשוויגן.

אַ מאָדנע אומהיימלעכקייט האָט מיך גענומען דריקן־און־שטיקן. איך האָב מיטאַמאָל אויף זיך דערשפּירט אַ מין בייזקייט אָן ווערטער. די לופט אין הויז האָט מיך גענומען שטיקן און מיר האָט זיך בפירוש אויסגעוויזן, אַז דער דיכטער X ברוגזט זיך אויף מיר.

איך האָב אָן איבערלייגונג אין זיך צענויפגענומען אַלע מיינע כוחות און אָפּגעהאַרציק אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר דעם אמת, חבר X: וואָס דריקט אייך אויפן האַרצן? האָב איך אייך אפשר חלילה פּוגע בכבוד געווען?

דער דיכטער X האָט זיך גענומען רויטלען, כמעט ווי שוויצן. ער האָט נערוועז גענומען דרייען מיט דעם קאָפּ, אים באַוויגן ווי דעם אומרו פון אַ זייגער — און נאָך אַ לאַנגן קווענקלען זיך, איז ער אַרויס מיט לשון:

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, חבר בראָנשטיין! ווען איר האָט בשעתו אָפּגעדרוקט אייער רעצענזיע איבער מיין בוך אין אַ היגער אויסגאַבע, בין איך און די קאָלעגן אונדזערע געווען זייער צופרידן, אַפילו באַגייסטערט דערפון — ווי איך האָב אייך געשריבן אין אַ בריוו. ווען איך האָב אָבער שפּעטער באַמערקט, ווי איר האָט אין דער זעלבער ניו־יאָרקער אויסגאַבע צו עפּעס אַנדערש, אויך געשריבן מיט באַגייסטערונג וועגן א. לוצקי, האָב איך זיך געטראַכט, און איך זאָג עס אייך איצט — אַז אייער אַרבעט וועגן מיר און מיינע לידער, האָט פאַר מיר איצט קיין ווערט נישט...

צווישן מיר און דעם דיכטער X האָט זיך אין אָט דער מינוט אַוועק־געשטעלט אַ דיקע וואַנט פון אייז... מיר האָבן כמעט גלייכצייטיק, ביידע

פֿאַרלוירן דאָס לשון און מער נישט געהאַט וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן...

נאָך דער וואַרעמער אויפֿנאַמע ערשט פֿריערביים טיש, האָב איך ויך מיטאַמאָל דערפֿילט פֿרעמד און... ווי אָפּגעשמיסן, דערצו נאָך אָן אַ פֿאַרוואָס. צוליב דעם — אינגאַנצן איבעריק ביי דעם דיכטער X אין הויז.

צוליב דעם און אַ סך ענלעכע דערפֿאַרונגען, מיין באַהויפּטונג: אַז שרייבן איבער ליטעראַטור־ווערטן ביי יידן, איז בפֿירוש נישט קיין דאַנקבאַרע אַרבעט...

א. לוצקי

ווען איך האָב זיך באַקענט מיט דעם פּאָעט א. לוצקי, דאָ, אין לאָס אַנדזשעלעס אין 1929, זענען מיר נאָך בײדע יונג געווען. אונדזער ישוב, דאָ אין שטאָט, איז נאָך אויך געווען אַ יונגער. פֿון אַלע שטאָטן, איבער־הויפּט פֿון דעם שטאָט ניו־יאָרק, האָט אַהערגעשטראָמט אַ פֿאַרהעלטניש־מעסיק יונגער עלעמענט מענטשן, צווישן וועלכע עס האָט זיך אגב אויך געפֿונען אַ צאָל גאָר יונגע יידישע שרייבער מיט ליטעראַרישע אַמביציעס. אין יענעם יאָר האָט נאָך דאַן אַפּילו עקזיסטירט אַ יידיש וואָכנבלאַט, וואָס האָט צוגעגעבן אונדזער ישוב, לפּנים אַמוויניקסטנס — אַ געזעלשאַפטלעך יידישן כאַראַקטער.

א. לוצקי, ווי ס'איז אַלעמען באַוווּסט — איז דאַן געווען זייער פּאָפּולער אויף אונדזער יידישער גאַס, ווי אַן אָריגינעלער דיכטער און זעלטן אייגנאַרטיקער אימפּראָוויזאַטאָר פֿון זיינע אייגענע שאַפֿונגען. זיין נאָמען איז אים פֿאָרויס געגאַנגען, און זיינע אונטערנעמונגען האָבן אַלעמאָל צוגעצויגן אַ פֿאַרשידנאַרטיקן עולם, דער עיקרשט טאָקע — אַ יוגנטלעכן עולם. אין יעדער שטאָט און שטעטל, איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פֿון אַמעריקע, האָט מען מיט גרויסן נייגער געוואַרט אויף זיינעם אַן אָוונט און לאַנג נאָך דעם, מיט באַגייסטערונג דערפֿון גערעדט.

לאָס אַנדזשעלעס איז נאַטירלעך נישט געווען קיין אויסנאַם. אַזוי גיך ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז ער קומט אַהער, האָבן מיר אַלע גענומען פֿיבערן מיט נייגער און זיך געגרייט אים אויפֿצונעמען מיט דער געהעריקער חשיבות און ליבשאַפֿט וואָס ער האָט צו זיך אַרויסגערופֿן, אַ דאַנק זיין טאַלאַנט. דער עיקרשט טאָקע האָט אַרום אים זיך געטומלט די יוגנט, נישט נאָר די יידיש־רעדנדיקע, נאָר אַפּילו היגע געבוירענע, וואָס איז נאָך דאַן געווען אויף קעסט ביי אונדזערע „גרינע" עלטערן...

אַזוי גיך ווי לוצקי האָט זיך באַוויזן אויף אונדזער יידישער גאַס, אין בויעל הייטס — איז ביי אונדז באַלד געוואָרן יום־טוב.

אַלע אַן אויסנאַם האָבן וועגן דעם געדעדט. דאָס פֿאָלק האָט מיט אַן אמתן נייגער גערוישט און געטומלט, בוכשטעבלעך געציילט די טעג, ווען זיי וועלן עפּנטלעך באַגעגענען זייער באַליבטן דיכטער, וואָס האָט זיך אין קיין רעקלאַמע נישט געניויטיקט — ביי זיין אָפּיציעלן קבלת פּנים אין דער פֿאָלקס־שול, אויף סאָטאָ־גאַס.

לוצקי, ווי ס׳איז אַלעמען באַוווסט — האָט נישט נאָר אַליין פֿאַרשפּרייט זיינע אייגענע ביכער, נאָר ער האָט אויך אַליין אַראַנזשירט פֿאַר זיך זיינע אָוונטן...

אַזוי גיך ווי ער איז אַריינגעקומען אין אַ שטאָט, האָט ער זיך באַלד פֿאַרבונדן מיט די לאָקאַלע קולטור־טוער, אָרגאַניזירט אַ קבלת־פּנים־קאָמיטעט, געדונגען אַ זאַל, צוגעגרייט די נויטיקע אַנאָנסן און זיך גלייך אַוועקגעלאָזט פֿאַרקויפֿן זיין בוך, דערצו נאָך אויף זייער נישט קיין עטישן אופֿן...

דעם ערשטן אָוונט וואָס ער איז אָנגעקומען צו אונדז אין שטאָט, האָט ער זיך באַקענט מיט די היגע שרייבער און אַ צאָל געזעלשאַפֿטלעכע טוער, אין אַ היגן רעסטאָראַן. ער האָט גלייך אָרגאַניזירט אַ קבלת פּנים־קאָמיטעט און גלייכצייטיק אויך פֿאַראינטערעסירט אונדזער עלטסטן דיכטער דאָ אין שטאָט, צו זיין דער פֿאָרזיצער ביי זיין ערשטן אַרויסטריט.

לוצקי האָט קיין סך צייט נישט פֿאַרלוירן. ער האָט באַלד אָפּגעדרוקט אַ צירקולאַר אין וועלכן ער האָט אָנאָנסירט דאָס פּראָגראַם פֿון זיין אָוונט, איינשליסנדיק דעם נאָמען פֿון דעם פֿאָרזיצער און באַגריסער.

עס זענען נישט אַוועק קיין עטלעכע טעג און אין שטאָט האָט זיך גענומען קאָכן מיט אַ שטילן סקאַנדאַל, וואָס האָט געקראָגן אַ גאָר הויכן רעזאָנאַנס ביי דער היגער עפֿנטלעכער מיינונג. דער סקאַנדאַל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער דערמאָנטער עלטסטער דיכטער דאָ אין שטאָט, האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דער פּאָעט א. לוצקי האָט אים אָנאָנסירט ווי זיין פֿאָרזיצער און באַגריסער, נישט אָנפֿרעגנדיק ביי אים אַפֿילו, און נאַטירלעך, אָן זיין הסכמה.

איך בין דאַן געווען אַ באַצאָלטער באַאַמטער אין אַ היגער, נאַציאָנאַלער אינסטיטוציע. איך בין אגב אין יענער צייט פֿון יאָר געווען שטאַרק

פאַרנומען מיט די הכנות פון אַ יערלעכער קאָנווענשאָן. בין איך נאַטיר־לעך נישט געווען אַקטיוו אין דעם לוצקי־קבלת־פנים־קאָמיטעט. האָב איך פונוויטנס אַלץ אויפגענומען, אין דעם ענין זיך בכלל נישט געמישט, בלויז געוואָרט אויף דעם לוצקי־אָוונט, ווי איינער פון זיינע אַקטיווע לייענערס, כאָטש איך בין בפירוש נישט געווען גלייכגילטיק צו דער עוולה, אומרעכט און נישט־עטישע האַנדלונג פון דעם דערמאָנטן דיכטער לגבי אונדזער גאַסט. אַ צאָל פריינט מיינע, וואָס זענען געווען מיטבאַטייליקט אין דעם אַ. לוצקי־קבלת־פנים־קאָמיטעט, האָבן מיך אַגב פאַרזיכערט, אַז זיי זענען אַליין געווען דערביי, בשעת דער עלטסטער דיכטער ביי אונדז אין שטאָט האָט בפירוש יאָ אָנגענומען ...צו זיין לוצקיס פאַרזיצער און באַגריסער...

פרייטיק, דעם 20סטן אויגוסט, אַרום דריי בייטאָג, יאָג איך זיך אַהיים פון מיין אַרבעט. אויף סאָטאַ־גאַס שטעלט מיך אָפּ לוצקי, אין פראָנט פון דעם האָטעל ווו ער איז איינגעשטאַנען. מיט טרערן אין די אויגן נעמט ער צו מיר טענהן:

— ווי געפעלט דיר אַן אומגליק? עטלעכע טעג פאַר מיין אונטערנע־מונג, נעמט דער... און לאָזט אַרויס אַ קלאַנג, אַז איך האָב אים אַנאָנסירט ווי דעם פאַרזיצער און באַגריסער פון מיין אָוונט, אָן זיין וויסן און אָן זיין הסכמה...

— איך פאַרשטיי באמת נישט, ווי אַזוי אַן עלטערער דיכטער זאָל אַזוי פאַרשעמען און ווייטאָן אַ צווייטן דיכטער — ברעכט ער אויס אין אַ געוויין.

לוצקי האָט בשעת מעשה אויף זיך אַרויפגעצויגן די עלטער פון אַ פאַרפינצטערטן און צעבראָכענעם זקן. ער איז באמת געווען שוואַרץ ווי די ערד און ממש געציטערט פון אויפרעגונג.

— הער זיך צו, מיין חבר בראָנשטיין, — ווערט ער מיט מיר אינטים און סענטימענטאַל — דו ביסט מיין יונגער קאָלעגע! עס איז דיין חוב מיך אַרויסצוראַטעווען פון פאַרשעמונג. בעט איך דיך: גיי אַהיים און גרייט צו אַ מין איינלייטונג צו מיין אָוונט... דו מוזט עס פאַר מיר טאָן! איך האָב נישט קיין אַנדערן. ווער עס זאָל עס טאָן פאַר מיר! אָן אַן איינלייטער

אין אַ פרעמדער שטאָט, פּיל איך פּשוט, אַז איך וועל זיך צוזאַמענברעכן און אַליין אויך נישט קאָנען אויפטרעטן...

וואָס איך האָב צו אים געטענהט, האָט נישט געהאָלפן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ בוך פון זיין טעקע, מיין פּלייצע גענוצט פאַר אַן אָנשפּאַר, מיר געמאַכט דעם פאָלגנדיקן אויפשריפט:

אַ ליבער בחור,
אַ מחבר פון אַ ספר.
לידער — לויטער לעבן.
זייער און זייער באַשיידן.
אין די שורות — פונקט פאַרקערט...
אָבער צו פאַרגעבן, — יונג...
צו יחזקאל בראָנשטיין.
פון א. לוצקי.

— נעם עס און גיי אַהיים. נישקשה! — דו האָסט אַ גוטן קאָפּ און אויך גענוג צייט, צוצוגרייטן אַ קורצע איינלייטונג.

ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט און באַלד נישט געסטייעט...

איך האָב אין מיין ענגן צימערל זיך באַלד מתיחד געווען מיט לוצקיס לידער, וואָס זענען מיר בכלל נישט פרעמד געווען, און ווי ס'נישט איז צוגעגרייט אַן אימפּראָוויזירטן קורצן רעפעראַט, וועגן אים און זיינע לידער.

ווען איך האָב אין אָונט, אַ פאַרשוויצטער זיך דערנענטערט צו דער פאָלקס־שול, האָב איך שוין פונווייטנס באַמערקט דעם געדראַנג פון אַ זעלטן גרויסן עולם, כאָטש עס איז נאָך געווען זייער פרי. איך האָב זיך בשעת מעשה געטראַכט: דאָס איז די בעסטע נקמה וואָס האָט זיך געקאָנט אויסלייגן פאַר דעם געקריוודעטן גאַסט — דעם פּאָעט א. לוצקי, פאַר דער גרויזאַמער און נישט עטישער האַנדלונג פון מיין בן עיר — דעם עלטסטן דיכטער דאָ, אין „מיין" שטאָט פון מלאכים...

מיר איז באמת אָנגעקומען זייער שווער צו דערשלאָגן זיך צו דער

בינע. אַזוי גיך אָבער ווי איך האָב די בינע דערגרייכט, האָט מיך דער פאַרזיצער באַלד פאַרגעשטעלט.

דער עולם האָט מיך אויסגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערק־זאַמקייט און מיך זייער שטאַרק אַפּלאָדירט, ווען איך האָב פאַרענדיקט מיין אימפּראָוויזירטן און געשריבענעם רעפעראַט, וועגן דער דיכטונג פון א. לוצקי.

צו דעם שבח פון יענעם עולם, זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז ער איז באמת געבליבן טויב צו דער פאַרשפּרייטער רכילות וועגן לוצקין. ס'איז געקומען אַ גרויסער עולם. די טירן, פענצטער, ווענט און די קאָרידאָרן פון דער פאָלקס־שול זענען געווען באַהאָנגען און איבערגעפּולט מיט נייגעריקע צוהערער, וואָס האָבן מיט עכטער באַגייסטערונג און גרויס חשיבות, ליבשאַפט און פאַרערונג, אויפגענומען דעם פּאָעט און אימפּראָוויזאַטאָר א. לוצקי, ווי ער האָט זיך עס כשר פאַרדינט.

ס'איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז לוצקי האָט זיינע ביכער פאַרקויפט, אויף גאָרנישט קיין חשיבותדיקן אופן.

דער איינדרוק פון אַ סך מענטשן איז געווען, אַז ער האָט ליב געהאַט געלט... צוליב דעם זאָל ער האָבן מקריב געווען זיין אייגענעם כבוד, ווי דעם כבוד פון יידישן בוך אין אַלגעמיין. ווייל איך דאָ אַרויסהויבן אַ זעלטענעם אַקט פון חשיבות, טאַקע אין שייכות מיט געלט — מצד א. לוצקי, דעם פּאָעט און מענטש — וואָס איז פון מיין שטאַנדפּונקט מכפּר אַלע זיינע עבירות.

איך גיי מיט אים איינמאָל אין אַ זוניקן פרימאָרגן, עטלעכע טעג נאָך זיין קבלת פּנים — אויף סאַטאַ־גאַס. עס קומט אונדז אַנטקעגן אַ פאַר־וואָרלאָזטער בחור. ער שטעלט אונדז אָפּ און ער בעט, אַ פּאָר סענט אויף אָנבייסן... לוצקי כאַפּט זיך באַלד צו דער קעשענע, ער נעמט אין איילעניש אַרויס אַ פאַפּירן פינפערל און לייגט אים אַריין אין יד אַריין. דער בחור בלייבט שטיין שטאַרק איבעראַשט, הויבט אַזש אָן צו שוויצן און זאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטימע: — ניין, ניין! ס'איז צופיל...

— מאַכט זיך נישט נאַריש, — ענטפערט אים לוצקי — נעמט עס! ס'איז גוט פאַר אייך!

לוצקי נעמט מיך אָן אונטערן אָרעם און איילט מיט מיר אַוועק אין אַ זייטיק געסל.

וויפל מאָל איך האָב זיך מיט לוצקין געטראָפן, האָב איך פון אים קיינמאָל נישט געהערט קיין שלעכט וואָרט אויף דעם אַדרעס פון אַ צווייטן קאָלעגע. צוליב דעם געדענק איך אים ווי אַ מענטש אַ גוטן. און אַז איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט אין ניו־יאָרק אין 1933, האָט ער מיך אַריינ־געשלעפּט אין אַ רעסטאָראַן, באַשטעלט פאַר אונדז ביידע דאָס בעסטע וואָס מ'האָט דאָרט פאַר געלט געקראָגן. ביים אַוועקגיין האָט ער מיר געזאָגט:

— דאָס איז מיין פּערזענלעכער און פּריוואַטער קבלת־פּנים־באַנקעט פאַר דיר. לאָמיר זיין געזונט!

מער האָב איך אים ליידער נישט געזען.

ב. ריווקין

אַלעמאָל ווען איך טראַכט פון דעם זעלטן אימפּולסיוון און שעפערישן ליטעראַטור־קריטיקער ב. ריווקין, האָב איך די אילוזיע פון געפינען זיך אַרום אַ וואָקזאַל אין אָנגעזיכט פון אַ סאָפּנדיקן לאָקאָמאָטיוו פאַר זיין אָפּגיין אין די מרחקים, אין דעם פּראָצעס פון יאָגן זיך מיט אימפּעט, אָדער גאָר ביים אָפּשטעלן זיך קעגנאיבער דיר און דיך פאַרשפּריצן מיט זיין פּאַרע...

נאָך איידער איך האָב זיך באַקענט מיט ב. ריווקין, האָט מיך אַמאָל ה. לייוויק געעצהט, זיך האַלטן אַ ביסל פון דער ווייטנס פון אים אין אַ שמועס, צוליב זיין אימפּעט פון רעדן, וואָס פאַררעגנט דיך אָפט מיט דער סלינע פון זיין מויל...

נידעריק אין וווקס, מיט אַן אומגעווייינלעך גרויסן לייבן־קאָפּ, אַלעמאָל שטאַרק צעשויבערט, מיט גאָר דיקע אויגן־גלעזער און זייער קורצע הענט, האָט ער אַלעמאָל געשטורעמט און געפּיבערט מיט אַן איבערפלוס פון רייד און פאַנטאַסטישע בילדער, אין אַ באַמיונג פון זיך אַרויסצו־פּערלען זיינע רעיונות און זיך־שאַפנדיקע מחשבות, וואָס זענען אים קאָנטיק אַלעמאָל דעם וועג פאַרלאָפן.

תמיד איז ער געווען פאַרחושט, ווי אַ מענטש פון אַן אַנדערן פּלאַנעט, אויב אַזאַ השערה איז בכלל מעגלעך זיך פאָרצושטעלן.

גייענדיק צוזאַמען מיט ב. ריווקין אין גאַס, איז דיר פּשוט געווען שווער אָנצוהאַלטן דעם ריטם פון זיין גאַנג, צוליב דעם אימפּעט זיינעם, וואָס האָט אים געיאָגט ווי אַ טייוול, איבער וועלכן ער האָט קאָנטיק קיין קאָנטראָל נישט געהאַט...

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט ב. ריווקין איז געווען אין שיקאַגאָ, ווינטער 1955, ביי אַן עפנטלעכן קבלת פּנים פאַר מיין ווייניקייט, לכבוד דער דערשיינונג פון מיין בוך לידער א. ב. „וואַגאַבונדיאַדע״, אין דעם

אָרטיקן שלום־עליכם־פּאָלקס־אינסטיטוט, ווו ריווקין איז אויפגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט איבער מיין בוך.

אויף דער בינע, ווי אויף דער גאַס און פּריוואַט — איז ער געווען זייער באַרעדעוודיק און צעשווימען, אַפילו פאַרנעפּלט אין זיין גערענגגאַנג, וואָס עס איז אים אָנגעקומען זייער שווער אָנצויאָגן און פאָרמולירן קלאָר.

מיט מיין בוך אין דער האַנט, האָט ער אַרומגעשפּאַצירט אין זיין נאַכלעסיקער הלבשה און צעשויבערטער גריווע, איבער דער בינע. און אַלעמאָל ווען עס איז אים אויסגעקומען איבערצומישן אַ בלעטל, איז עס כמעט ווי אַרויסגעפלויגן פון זיינע כמעט קינדישע הענט. דער פּועל יוצא איז געווען, אַז ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין אַנאַליז פון מיינע לידער, איז זיך דאָס בוך אינגאַנצן צעפאַלן...

אין זיין אַנאַליז פון מיינע לידער האָט ער זיך באַנוצט מיט מיינע טאַטע־לידער ווי מיט אַ שם המפורש אין זיי אַריינצוטייטשן און אויסצוטייטשן דעם גורם, זין, שורש און תוכן פון מיינע לידער. און פאַרענדיקט האָט ער מיט אַ דירעקטער עצה פאַר מיר:

— אַז איר וועט קומען קיין ניו־יאָרק, חבר בראָנשטיין, זאָלט איר אויסמיידן די קיבעצאַרניע, נישט פאָרן אַפילו מיט דער סאַבוויי, נאָר אויסמעסטן די שטאָט מיט אייערע אייגענע פיס און אַזוי אַרום אויסנוצן אייערע אָבסערוואַציע־כוחות, וואָס וועלן אָן יעדן ספק אויפכאַפּן דעם ריטם פון אונדזער מעטראָפּאָליע און קריגן אַ גוטן רעזאָנאַנס אין אייערע נאָכקומענדיקע לידער.

אין שיקאַגע, ווי אין ניו־יאָרק — האָט ב. ריווקין כמעט ווי געהונגערט און געפרירט פון קעלט.

אין די שווידערלעכסטע קעלטן האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין אַ לייכטן מאַנטל. די קעשענעס זיינע זענען אַלעמאָל געווען איבערפולט מיט צייטונגען און זשורנאַלן. און אַלעמאָל האָט ער געפיבערט און געבליצט מיט נייע אידייען, וואָס האָבן אים תמיד באַומרויקט.

— ווי מיינט איר, חבר בראָנשטיין, — האָט ער מיך איינמאָל

אַ פרעג געטאָן — ביי איך אין קאַליפאָרניע, וואָלט איך עפּעס געקאָנט אויפטאָן מיט מיינע אידייען?

איך האָב אים אין קורצן דערקלערט ווי אַזוי מיר זענען דאָ סיטואירט אין אונדזערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע קרייזן אויף דער פּראָווינץ, און ווי שווער עס איז פאַר אַ יחיד בכלל און אַ שעפערישער גרויסשטאָטישער פּערזענלעכקייט פון זיין קאַליבער בפרט, צו זיין אָנגעוויזן אויף קהל, ווי איך האָב עס אַמאָל געטאָן מיט ה. לייוויקן, בשעת ער האָט זיך מיט מיר אַמאָל געעצהט וועגן באַזעצן זיך פּערמאַנענט אין „מיינע" מקומות — און אים שטאַרק אָפּגעשלאָגן פון קומען זיך באַזעצן דאָ, אויב ער וויל שאַנעווען זיין געזונט און כבוד, אָנהאַלטן דעם זעלבסט־רעספּעקט און בפירוש אויסמיידן אַ ירידה און חיבוט הקבר ביים לעבן.

ב. ריווקין ווי פריער ה. לייוויק, האָט אָנגענומען מיין עצה און באַלד פאַרגעסן אין דעם.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך אין ניו־יאָרק אַ צווייטן און לעצטן מאָל מיט דעם זייער סענסיטיוון, ביז גאָר אינטערעסאַנטן און שעפערישן שריפטשטעלער ב. ריווקין, צוזאַמען מיט זיין פרוי — די דיכטערין מינע באָרדאָ־ריווקין.

דאָ, אין ניו־יאָרק, האָט מיך אַגב ריווקין, דער ליטעראַטור־קענער און קריטיקער ווי מיר אַלע קענען אים, אַוועקגעשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט, ווען ער האָט מיך פּלוצים, אין דער אָפוועזנהייט פון זיין פרוי אַ פרעג געטאָן מיין מיינונג וועגן אירע לידער, וואָס זענען מיר בוכ־שטעבלעך געווען אומבאַקאַנט. דער אופן פון זיין פרעגן, האָט מיך אגב אַ ביסל שאָקירט. און שאָקירט האָט עס מיך צוליב דעם, וואָס איך האָב באַמערקט דעם אויפפלאַם פון אַן אומהיימלעכן שמייכל אין זיינע אויגן... און איך האָב אים געזאָגט דעם אמת:

— פון די צופעליקע עטלעכע לידער וואָס איך האָב דאָ און דאָרטן ערגעצווו באַמערקט און געלייענט, איז נישט שייך צו רעדן. עס איז פשוט נישט גענוג אָנרעגנדיק צו דערשפירן די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פון אַ שעפערישער פּערזענלעכקייט, וואָס איך זוך אין אַ דיכטער. חוץ דעם, חבר ריווקין — זענט איר דאָך אַליין ד ע ר קריטיקער, צו וועמען

מיר אַלע — די פען־מענטשן פון מיין דור — קוקן אַרויף. וועל איך עס איבערלאָזן פאַר אייך אַליין, צו באַשיידן דעם ווערט פון אייער מינעס איצטיקע לידער...

ז. וויינפּער ז״ל, איז געווען שטאַרק פאַרחברט מיט ב. ריווקין. צוליב דעם האָט זיך וויינפּער באַמיט און צוגעגרייט אַ קבלת פנים פאַר ריווקינען, אין דעם בראָדוויי סענטראַל האָטעל.

וויינפּערס כוונה איז זיכער געווען אַ גוטע. ער האָט אָבער ליידער געמאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס, ווי מ׳זאָגט ביי יידן. די שנאת חנם און קנאת סופרים ביי דער יידיש־שרייבערישער אינטעליגענץ אין ניו־יאָרק איז אויף אַזוי פיל פאַרשאַרפט, אַז פאַרשעמען אַ שרייבער ביי אַזאַ געלעגנהייט, איגנאָרירן זיין אונטערנעמונג — איז כמעט ווי אַ ניט־געשריי־בענער געזעץ און „מוז״... דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אַז צוזאַמען מיט מיר, אַליין אַ גאַסט אין ניו־יאָרק, מיין פרוי, ז. וויינפּער און גאַנצן „עולם״, האָבן מיר אַלע צוזאַמען אויסגעמאַכט קנאַפּע צוויי מנינים מענטשן...

מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ בין איך אַ פאַרשעמטער געזעסן און אויסגעהערט וויינפּערס באַגייסטערטע רעדע, די האַרציקע, האַלב־דייטש־מערישע רייד פון ענריקא גליצנשטיין, אפשר נאָך איין שרייבער אַ יונגע־רער — און, מיט אַ נישט קליינעם פאַרדרוס און ווייטיק אין האַרצן, פון דאָרטן אַוועקגעגאַנגען.

ב. ריווקין, אין זיין האַרציקסטער באַציונג צו מיר און מיין פרוי — איז דווקא באַשטאַנען, מיר זאָלן אים באַזוכן אויף זיין נייער קוואַרטיר, וואָס אים איז מיט נישט וויניק שוועריקייטן געלונגען צו קריגן אין דעם גרויסן מדבר ניו־יאָרק.

אין אַ גרויסער זאָרג־זאָרג האָבן מיר זיך צו אים פאַרקליבן, אין סאַמע בין השמשות.

זיין וווינונג — זייער אַן אָרעמע, כמעט ווי אינגאַנצן נישט באַהייצט.

זיין פרוי מינע איז פונקט דאַן אין הויז נישט געווען. האָט ער גופא אונדז אויפגענומען.

ריוקין האָט פונאַנדערגעפּאַקט אַ היימישן הערינג מיט אַ קאָרן־ברויטל, און זאַלבעדריט האָמן מיר געפּראַוועט אַ סעודה כיד המלך.

ביי אָט דער געלעגנהייט האָט מיר דאָ ריוקין אַגב דערציילט, אַז א. ליעסין ז"ל, האָט ביי אים באַשטעלט אַן אַרבעט „איבער אייער בוך ,וואַגאַבונדיאַדע'".

— אַצינד וועל איך עס שוין זיכער אָנשרייבן, — זאָגט ער מיר מיט אַ שמייכל אויף זיין פּנים — ווייל איך האָב עס אים בפירוש צוגעזאָגט. די צרה איז בלויז, — דערציילט ער מיר, — וואָס איך האָב נישט מיינע נאָטיצן צו דער האַנט. מיין ביסל אָרעמקייט, — דערקלערט ער מיר — געפינט זיך נאָך אַלץ הינטערוועגס — אין שיקאַגע.

אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, איז דער אַרטיקל קיינמאָל נישט געדרוקט געווען. עס איז אַפילו נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט אים אויך קיינמאָל נישט אָנגעשריבן.

דער דערמאָנטער קבלת פּנים פאַר ב. ריוקין אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1935, האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון, ווי אַ גרויסער פּאַטש אין פּנים — אַ ירידה פון אונדזער מלכות יידיש, אין דער גרויסער מעטראָפּאָליע אונדזערער, די יידיש־שאַפנדיקע ניו־יאָרק.

קלמן מרמר

מיין באַקאַנטשאַפט מיט מיין ערשטן רעדאַקטאָר קלמן מרמר, איז לכתחילה געווען און מערסטנטיילס אויף פאַרבליבן אַ שריפטלעכע.

אינעם סאַמע פרילינג פון מיין לעבן, ווען איך האָב זיך כמעט ווי אומבאַוווסטזיניק פאַרנומען מיט שרייבן מיסטישע פּראָזע און זייער נאַיווע פערזן, האָב איך מיינע ערשטע לידער, נאָך דעם ווי איך האָב די סאַמע ערשטע אינגאַנצן פאַרניכטעט — פאַרעפנטלעכט אין „די יידישע אַרבעטער וועלט", אין שיקאַגע, אונטער דער רעדאַקציע פון קלמן מרמר.

דער עצם־פאַקט פון דרוקן זיך אונטער מרמרס רעדאַקציע, איז פאַר מיינע יוגנטלעכע חברים, נאָך מער ווי ביי מיר גופא — געווען אַ גרויסע איבערלעבונג און דערמוטיקונג, וואָס האָט אין מיר באַלד גורם געווען אַן ענדערונג אין מיין שרייבן בכלל: אַ מער באַוווסטזיניקן צוגאַנג צו מיין טעמאַטיק, טעכניק און בכלל אופן פון שרייבן, כאָטש מיין יוגנט־לעכע געוואַגטקייט האָט מיר פונדעסטוועגן נישט געשטערט צו זיין חוצפהדיק און באַטאַנען אין מיינעם אַ בריוו צו קלמן מרמר, וואָס ער האָט מיר דרך אגב אין אַ דריי צענדליק יאָר אַרום אַליין געוויזן אין לאָס אַנדזשעלעס — אַז ...לידער „פיקסט" מען נישט, — אין דעם לשון פון „פאַרווערטס" — ווי שיך...

— נו, — האָט מיך מרמר אין זיין גוטסקייט אַליין פאַרענטפערט — איר זענט דאָך נאָך דאַן געווען זייער יונג, איז ניט שייך צו האָבן געווען אויף אייך ברוגז.

אין מיין לאַנגיאָריקער שרייבערישער אַקטיוויטעט, איז מיר נאָך שפּעטער באַשערט געווען צו שרייבן אונטער מרמרס רעדאַקציע אַ סך וואָגיקערע און רייפערע אַרבעטן, אין דעם קאָמוניסטישן זשורנאַל „דער האַמער", נאָך אַליך נישט קענענדיק אים פערזענלעך.

עס האָט אַפילו געטראָפן אַזאַ מעשה, צווישן מיר און קלמן מרמר: איך האָב אים צוגעשיקט מיינע אַ נאָוועלע, באַזירט אויף מיינע איבער־

לעבונגען אין וויניפעג, קאַנאַדע, אין שייכות מיט אַ היסטאָרישן גענעראַל־שטרייק, א. נ. „שטרייק — 1919", פאַר דעם זעלבן דערמאָנטן זשורנאַל „דער האַמער".

קלמן מרמר האָט מיין נאָוועלע אַ ביסל געקירצט, צוליב דוחק אין פּלאַץ, און עס אינזינען געהאַט צו פאַרעפנטלעכן. עס האָט זיך לײַדער אַזוי געמאַכט, אַז „דער האַמער" האָט פּונקט דאַן אויפגעהערט צו דער־שיינען, כאָטש מיין נאָוועלע איז שוין געווען טיילוויז אויסגעזעצט און גרייט פאַר אַ נייעם נומער.

מרמר האָט מיר די נאָוועלע מיינע צוריק אָפּגעשיקט מיט אַן אייגן־האַנטיקער צושריפט, אין וועלכער ער האָט אַגב־אורחהדיק באַמערקט, אַז ...איך האָב אין אייער נאָוועלע דערקענט אַ פאַרעטער, וואָס איז לײַדער דאָ ביי אונדז זייער אַקטיוו און אַפילו אַנזעעוודיק...

און אַז מיר האָבן זיך ענדלעך דאָ באַגעגנט, עטלעכע יאָר פאַר זיין פּטירה, האָט ער מיט גרויס באַדויער און ווייטיק גערעדט מיט מיר וועגן אָט דעם פאַרעטער.

— איר ווייסט, חבר מרמר, — האָב איך אים דערציילט, — ביי מיין ערשטן באַזוך אין ניו־יאָרק, אין דעם יאָר 1933, האָב איך, שפּאַצירנדיק מיט י. א. ראָנטש, באַגעגנט אָט דעם נפש אויף יוניאָן סקוועה. ראָנטש האָט אים אָפּגעשטעלט און מיך פאַר אים פאָרגעשטעלט:

— אָט איז אייערער אַ לאַנדסמאַן פון וויניפּעג — יחזקאל בראָנשטיין. בראָנשטיין איז דאָרט אַמאָל געווען טעטיק אין דער יוגנטלעכער, יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, בשעת איר זענט דאָרט געווען אַקטיוון ווי אַ פירער.

דער נפש האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער הויך פון זיין סנאָבישער פאַרריסנקייט, אַפילו נישט געהאַט דאָס איידלקייט מיר דריקן די האַנט, אַ בורטשע געטאָן צווישן די ציינער: ...ניין, איך קען אייך נישט! — און באַלד זיך אָפּגעטראָגן.

די באַציונג פון קלמר מרמר צו מיין ווייניקייט, נישט קענענדיק מיך פערזענלעך — איז געווען כמעט ווי אַ פאָטערלעכע.

אַ סך יאָרן פריער, איידער מיר האָבן זיך באַגעגנט אין לאָס אַנדזשע־

לעס — האָט קלמן מרמר אַפילו אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטן קריטישן אַרטיקל איבער מיינעם אַ לידער־בוך, אין וועלכן ער דריקט זיך אויס, אַז ...יחזקאל בראָנשטיין איז איינער פון די באַדייטנדיקסטע ייִנגערע דיכטער אין דער ווייטער וועסט... („מאָרגן־פרייהייט", זונטיק, 2 יוני 1940).

ווען קלמן מרמר האָט זיך דאָ באַזעצט, איז שוין זיין געזונט געווען שטאַרק אונטערבראָכן. און הגם ער האָט דורך זיינע היגע באַוועגונגס־מענטשן בפירוש געוווסט, אַ איך בין קריגעריש געשטימט צו דער באַוועגונג וואָס האָט זיך דאָ מיט אים געצאַצקעט, האָבן מיר זיך פונדעסט־וועגן שטאַרק פאַרחברט. איך פלעג אים אָפט ברענגען צו זיך, און איך בין נאָך אָפטער געווען ביי אים אַ גאַסט.

ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש האָט ער אין מיין פּרוי דערקענט זיינע אַ תלמידה, מיט וועלכער ער פלעגט ליב האָבן צו דיסקוטירן, אַפילו דורך דעם טעלעפאָן.

קלמן מרמרס זעלטן אָפּגעהיטער, אינטערעסאַנטער און גאָר רייכער אַרכיוו, איז מיט דער צייט ביי אים געוואָרן אַ פּראָבלעם. זיינע פּאַרטיי־מקורבים האָבן שטאַרק נישט געוואָלט, ער זאָל אים איבערגעבן דעם ייווו"אָ. אַזוי ווי אָבער ער האָט מיט מיר אָפט גערעדט וועגן דעם, האָב איך אים אָנגעבאָטן מיין הילף, צו ברענגען זיין אַרכיוו אין אָרדענונג, און דערביי אויך אים געעצהט, ער זאָל זיין אַרכיוו יאָ איבערגעבן דעם ייווו"אָ.

— וואָס פאַר אַ גאַראַנטיע וועל איך האָבן, — האָט ער ביי מיר געפרעגט — אַז די שונאים פון דער לינקער באַוועגונג וועלן אים נישט אויסנוצן קעגן מענטשן וואָס לעבן נאָך און זענען נאָך אַלץ געזעלשאַפט־לעך אַקטיוו?

מיר האָבן דעם ענין אַ סך מאָל אַרומגערעדט, ביז מיר האָבן זיך ענדלעך פאַרשטענדיקט, אַז איך זאָל אין מרמרס נאָמען שרייבן צו מענדל עלקין, אַז דער לעצטער זאָל אין נאָמען פון דעם ייווו"א צושיקן אַ געשריבענע גאַראַנטיע צו קלמן מרמר, אַז דער ייווו"א פאַרפליכטעט זיך, נישט צו דערלאָזן אַז עמעצער זאָל זיך באַנוצן מיט דאָקומענטן פון

מרמרס אַרכיוו, קעגן מענטשן וואָס לעבן און זענען געזעלשאַפטלעך אַקטיוו.

און אַז מענדל עלקין האָט איינגיכן צוגעשיקט אַזאַ דאָקומענט צו קלמן מרמר און אויך אַ קאָפּיע דערפון צו מיר, האָט ער ענדלעך מסכים געווען איבערצוגעבן זיין אַרכיוו דעם ייוו״אָ. דער היגער ייוו״אָ־טוער ש. קאַרפּמאַן, האָט איבערגענומען די אַרבעט צו ברענגען אין אָרדע־נונג מרמרס אַרכיוו, וואָס איז מיט דער צייט איבערגעגאַנגען אין דעם רשות פון דעם ייוו״אָ אין ניו־יאָרק.

וועגן זיינע איבערלעבונגען אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו ער האָט פאַר־בראַכט עטלעכע יאָר אין דעם קיעווער וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, האָט ער נישט גערן גערעדט. מיין איינדרוק איז געווען, אַז ער איז פון דאָרט צוריקגעקומען אַן אַנטוישטער, און בלויז צוליב זיין עלטער האָט ער נישט געהאַט דעם מוט צו מאַכן אַן איבערברוך אין זיין לאַנגיאָריקער געזעלשאַפטלעכער אָנגעהעריקייט, און מיט זיך אין קבר מיטגענומען דעם אמת פון זיינע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען, אין דעם אַזוי גערופענעם סאָוויעטישן גן עדן...

די עלטער האָט אויף קלמן מרמר געהאַט אַ מאָדנע און שעדלעכע ווירקונג.

זיין זכרון האָט אים אויפגעהערט דינען. עס האָט נישט זעלטן געטראָפן, אַז דער מערקווירדיק גוטער, געוויסנהאַפטער און זעלטענער תלמיד חכם קלמן מרמר, איז אין אַ שמועס מיט מיר אַרונטער פון די רעלסן און אַוועקגעוואַנדערט קיין בויבעריק, נישט האָבנדיק די מינדסטע אַנונג דערפון.

— עס מיס(ש)ט זיך מיר אין קאָפּ, — האָט ער נישט איינמאָל פאַר מיר זיך באַקלאָגט — איך האָב פּס(ש)וט מורא, איך זאָל נישט מס(ש)וגע ווערן...

איך האָב איינמאָל אין אַ שמועס מיט אים דערמאָנט זישא לאַנדוי.

— וואָס הערט איר פון אים? — האָט ער גיך אַ פרעג געטאָן.

— ער איז שוין לײדער לאַנג צוריק געשטאָרבן.

דער קאָליר פון זיין בלייך פּנים האָט זיך בליץ־שנעל פאַרענדערט. ער האָט מיט ווייטיק אויסגערופן:

— איך האָב אַפילו דערפון נישט געוווּסט!

און אין עטלעכע מינוט אַרום:

— איך וואָלט באַדאַרפט עפּעס אָנס(ש)רייבן וועגן אים.

— אַדרבה, — זאָג איך אים — טוט עס טאַקע!

— איך בין אָבער ניט געזונט, — באַקלאָגט ער זיך פאַר מיר.

— איך וועל אייך העלפן!

איך שלאָג אים פאָר, ער זאָל מיר דיקטירן אַן אַרבעט וועגן זישא לאַנדוי, און איך וועל עס אויפנעמען אויף זיין שרייבמאַשין.

מיר האָבן זיך באַלד, אויף דער הייסער מינוט, גענומען צו דער אַרבעט. עס האָט לאַנג נישט גענומען און עס האָט זיך באַקומען אַן אָנהויב פון אַן אינטערעסאַנטן עסיי, אויף אַן אַנדערהאַלבן זייטן. צום אומגליק איז אַריינגעקומען אַ גאַסט, איינער פון די היגע רויטע יידעלעך, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן אַ פּאַטענט אויף די אַרבעטן פון קלמן מרמר. מיר האָבן געמאַכט אַן איבעררייס מיט דער פאַרשטענדעניש, אַז איך וועל מאָרגן צוריקקומען און מיר וועלן די אַרבעט ממשיך זיין.

איך בין מער ווי איינמאָל צוריקגעקומען. דער אָנהויב פון דעם לאַנדוי־עסיי, האָט עפּעס באַלד נישט געסטייעט — מיסטעריעז פאַרשוווּנדן פון מרמרס שרייבטישל...

קלמן מרמרס לוויה האָט דאָ צוגעצויגן אַ גרויסן פּילפּאַרביקן עולם, אין אַ וואָכעדיקן און זייער הייסן נאָכמיטאָג. צווישן עולם איז אויך געווען אַן אָנגעזעענער פירער פון די פּועלי ציון און סתם יידן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס האָבן אים געדענקט, ווי דעם רעדאַקטאָר פון „דער אידישער קעמפער״, אָפיציעלער אָרגאַן פון די פּועלי ציון דאָ אין אַמעריקע.

מ. אַלגין

מיין באַקאַנטשאַפט מיט מ. אַלגין איז געווען אַ קורצע. דערפאַר אפשר האָט זי זיך אַזוי איינגעקריצט אין מיין זכרון און זוכט איצט אַ תיקון אין מיינע זכרונות.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך אַלגינען געזען פונדערווייטנס, ווען ער איז געקומען קיין וויניפעג אין די גרויליקע טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי אַ סאָציאַליסט און אַנגעזעענער מיטאַרבעטער פון דעם „פאָרווערטס״, פאַרהעלטנישמעסיק יונג, הויך און שיין אין אויסזען, און גאָר פריינטלעך אין זיין באַנעמונג מיט מענטשן.

די פאַרזאַמלונג מיט אַלגינען האָט דאַן געזאָלט פאָרקומען אין דעם קווינס טעאַטער. אַזוי ווי אָבער די לאָקאַלע מאַכט האָט אים נישט דער־לויבט אויפצוטרעטן עפנטלעך, האָבן מיר זיך אַלע בלויז געטראָפן אַרום דעם טעאַטער פונדרויסן, מיט שטומע בליקן אים באַגריסט פונדערווייטנס און זיך באַלד צעגאַנגען.

ווען אַלגין איז ביי אונדז געווען אין וויניפעג, בין איך נאָך געווען זייער אַ יונג בחורל, כאָטש אַקטיוו אין אַ יוגנטלעכן סאָציאַליסטישן פאַראיין. מיין באַשיידנקייט און שעמעוודיקייט האָט מיר אַפילו נישט דערלויבט אים אָפּצוגעבן קיין שלום עליכם. האָב איך זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס איך האָב אים פונדערווייטנס אָבסערווירט און אים אַלע־מאָל געדענקט, ווי אַן איידעלן, סימפּאַטישן מענטש, מיט אַ ווייך פּנים און קלוגן שמייכל.

ווען איך בין געקומען צוגאַסט קיין ניו־יאָרק, אין דעם יאָר 1935, בין איך שוין געווען אַ מחבר פון אַ צאָל ביכער, אַפילו געהאַט דעם סטאַזש פון האָבן זיך באַטייליקט ווי אַ פּאָעט אין דעם „סיגנאַל״ און אויך אין דעם קאָמוניסטישן „האַמער״, מיט לידער. אין דער רעדאַקציע פון דעם „האַמער״ האָט זיך דאַן געפונען מיינע אַ לענגערע נאָוועלע, א. נ. „סטרייק 1919״, וואָס איז שוין געווען רעדאַקטירט און צוגעגרייט

פון קלמן מרמר ז״ל, צום דרוק, וואָס דער לעצטער האָט מיר דערנאָך צוריק אָפּגעשיקט מיט אַ צושריפט און באַמערקונג, אַז דער „האַמער״ האָט זיך ליידער אָפּגעשטעלט און ער באַדויערט זייער, וואָס צוליב דעם וועט עס שוין דאָרט נישט געדרוקט ווערן.

אין שייכות מיט אָט דער נאָוועלע מיינער, וואָס מרמר האָט רעדאַקטירט און בלויז אַ ביסל געקירצט, האָט מיר דאָ מרמר דערציילט, אַז ער האָט אין מיין הויפּט־העלד דערקענט אַ פּאַרעטער, וואָס איז דאַן און ביז איצט נאָך אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, און אַ מיט־אַרבעטער אין דער „מאָרגן־פרייהייט״. דער פּאַרעטער אין יענעם אייגנאַרטיקן, היסטאָרישן און העראָישן שטרייק, אין וועלכן די גאַנצע באַפעלקערונג פון וויניפּעג איז געווען פאַרוויקלט, האָט דאַן פיגורירט ווי איינער פון די שטרייק־פירער און אָנגעזעענער סאָציאַליסטישער פירער. זיין פּאַראַט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַז מען האָט אים אַרעסטירט און זיך באַמיט אים באַשטראָפן, איז ער געקומען אין געריכט, פאַרלייקנט דעם פּאַקט, אַז ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פּשוט געוויינט און אויסגעבעטלט באַגנעדיקונג אויף דעם סמך דערפון, וואָס ער איז דאַן געווען אַ סטודענט אין דער מאַניטאָבער אוניוועדזיטעט, אַז ער מוז פאַרענדיקן זיין קורס, און ער מוז אויסהאַלטן זיין אַלטע און קראַנקע מאַמע.

דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אַז ווען מען האָט אים באַפרייט, איז ער צוליב דער עפנטלעכער מיינונג אַנטלאָפן פון שטאָט, זיך באַזעצט אין טאָראָנטע און דערנאָך מגולגל געוואָרן קיין ניו־יאָרק, ווו ער איז ביז היינט אַקטיוו ווי אַ קאָמוניסט און מיטאַרבעטער אין דער „מאָרגן־פרייהייט״. און אַז איך האָב זיך צופעליק מיט אים באַגעגנט אויף יוניאָן־סקווער און מיין פען־חבר, דער שריפטשטעלער י. א. ראָנטש, האָט מיך פאַר אים פאָרגעשטעלט ווי זיינעם אַ לאַנדסמאַן און יונגערן חבר פון וויניפּעג, האָט ער נישט וויסנדיק אַפילו פון מיין דערמאָנטער נאָוועלע אין וועלכער ער פיגורירט ווי אַ פּאַרעטער און אַ פחדן, געהאַט דעם טרויעריקן מוט אַ בורטשע צו טאָן: ...איך קען אייך נישט. איך האָב אייך קיינמאָל נישט געזען און פון אייך קיינמאָל נישט געהערט...

ווי אַ סך אַנדערע יידישע שרייבער, עלטערע און יונגע — בין איך דאַן אויך געווען אַ ביסל סימפּאַטיש צו דער לינקער באַוועגונג. צוליב דעם, מיין אַנטייל אין די דערמאָנטע זשורנאַלן. איך האָב אַגב אויך געהאַט אַ סך פּריוואַט צווישן די אַזוי גערופענע פּראָלעטפּעניקעס, וואָס איך האָב אָפט באַגעגנט אין מיין וווינאָרט — לאָס אַנדזשעלעס. האָב איך זיך מיט זיי נאַטירלעך אויך געטראָפן דאָ, אין נ. י., און טאַקע אין די קאָרידאָרן פון דער „פריהייט"־רעדאַקציע. אַ סך פון זיי האָבן מיך אַפילו געפּרוווט אַריינציען אין זייער באַוועגונג, וואָס האָט מיך פּאָליטיש קיינמאָל נישט אינטערעסירט. די קלוגערע פון זיי, מעג דאָ דערמאָנט ווערן, זענען נישט געווען צו צודרינגלעך: ...לאָזט אים צורו, — האָבן זיי געטענהט — אַזאַ מענטש ווי ער איז, קומט געוויינלעך אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו. פריער אָדער שפּעטער וועט ער צו אונדז אליין קומען...

וואָס שייך מיין מיטאַרבעטערשאַפט אין די דערמאָנטע זשורנאַלן, האָב איך עס יאָ געוואָלט אָנהאַלטן. איך האָב אַפילו חשק געהאַט אויך צו שרייבן אין דער „מאָרגן־פריהייט".

איינמאָל אַ פרימאָרגן, האָט מיינע אַ באַקאַנטע, וואָס איז דאַן געווען אַ פּראָפעסיאָנעלע קאָמוניסטקע, מיך מיטגענומען אין דער רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פריהייט", ווו זי האָט זיך באַדאַרפט באַגעגענען מיט מ. אָלגין.

אָלגין איז שוין דאַן געווען נישט געזונט און היפּשלעך פאַרעלטערט, כאָטש מער אַגרעסיוו ווי אַלעמאָל, וואָס האָט זיך בולט אַרויסגעזען אין זיין כאַראַקטערלאָזן צופּאַסן זיך צו דער אַזוי גערופענער פּאָליטישער ליניע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

בעת זיין באַקענען זיך מיט מיר, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, מעשה דזשענטלמאַן, מיר וואַרעם געדריקט די האַנט און מיך אַוועקגעזעצט האַרט לעבן זיך, ביי זיין איבערגעלאָדענעם שרייבטיש.

— איך קען אייך גוט דורך אייער שרייבן.

— און איר זענט מיר אויך נישט פרעמד...

— ווי לאַנג זענט איר שוין אין ניו־יאָרק, און וואָס האָט איר דאָ אויפגעטאָן? — האָט ער מיך פּלוצים אַ פרעג געטאָן.

איך האָב אים דערציילט, אַז איך געפין זיך שוין דאָ היפּשע עטלעכע וואָכן, זיך דאָ באַקענט מיט אונדזערע יידישע שריפטשטעלער, וואָס האָבן מיך אַגב זייער חבריש אויפגענומען — און אַז אברהם ליעסין האָט אָנגענומען מיינעם אַן עסיי, וואָס ער וועט אָפּדרוקן אין דעם קומענדיקן נומער „די צוקונפט״.

אַלגין איז געוואָרן צערייצט ווי אַ טיגער. זיין פּנים האָט זיך דערביי נישט פאַררויטלט, נאָר אין קעגנטייל — פאַרבלייכט. זיינע אויגן האָבן זיך ווי אָנגעצונדן מיט גיפט און שנאה, און ער האָט גענומען צו מיר רעדן ווי פון דער בינע אַראָפּ, מיט זשעסטיקולאַציעס און כאַראַקטער־ריסטישע פאַר אים האַנט־באַוועגונגען.

— און איר נעמט זיך נאָך איבער דערמיט? — האָט ער זיך געכעסט — צי דען ווייסט איר אַליין נישט, אַז אייער אָרט איז ביי אונדז ?

— צו אונדז האָט איר באַדאַרפט קומען, ווי אַלע טאַלאַנטפולע מענטשן טוען עס, און נישט גיין צו זיי, דער עיקרשט טאַקע צו דעם אַלטן און ...אַברהם ליעסין! אָט איז דאָ, נישט לאַנג צוריק, אַהער אָנגעקומען קאַדי מאָלאָדאָווסקי. איר ערשטער באַזוך איז געווען ביי אונדז אין דער רעדאַקציע, נישט ביי זיי...

איך בין זיך מודה: איך האָב זיך אויף אַ מאָמענט פאַרלוירן, געבליבן ווי געפּלעפּט פון אַלגינס קבלת פּנים און זיין צערייצטקייט. איך בין אָבער באַלד געקומען צו זיך, און אַן איבערלייגונג אים אַ זאָג געטאָן:

— און איך באַטראַכט פאַר אַ כבוד און דערגרייכונג צו דרוקן זיך אין דער „צוקונפט״ אונטער ד ע ר רעדאַקציע פון אברהם ליעסין, וועמען איך באַטראַכט פאַר אַ גרויסן דיכטער ביי יידן, און אין וועמענס דיכטונג עס שפּיגלט זיך אָפּ דער גאָרער פּאַטאָס פון אונדזער יידישער מאַרטי־ראָלאָגיע.

— זאָל זיין, אַז עס איז אַפילו אמת וואָס איר זאָגט, אָבער זעט אין

וואָס פּאַר אַ פּאָליטישן זומפּ און שימל, ער און זיין באַוועגונג, איז פאַרזונקען. און איר באַדאַרפט זיין מיט אונדז, — נישט מיט זיי.

דער וויכוח האָט לאַנג אָנגעהאַלטן, ביז עס איז אַריינגעקומען אַ פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי און געבליבן שטיין פאַר אָלגינען ווי אַן אויסגעמושטירטער סאָלדאַט, אין זיין פולער הויך און גרויס:

— אונדער עקזעקוטיווע האָט באַשלאָסן, חבר אָלגין, אַז איר זאָלט אַדרעסירן דעם מיטינג שבת, דעם — — — 9 אין אָוונט.

אָלגין האָט פאַרצייכנט די באַשטעלונג אויף זיין קאַלענדאַר און באַשטעטיקט:

— איך וועל דאָרט זיין אין צייט.

— מיר ווילן אייך האָבן פאַר אַ מיטאַרבעטער אין דער „מאָרגן־פרייהייט״, — האָט ער ממשיך געווען דעם שמועס מיט מיר — און איך בין וויליק אייך אָנצונעמען, מיט איין באַדינג: איר זאָלט באַלד אַוועקגיין צו דעם אַלטן ליעסין און ביי אים אָפּנעמען אייער עסיי און מיר אים איבערגעבן.

— איך וועל עס נישט טאָן אונטער קיין שום אומשטענדן, צוליב צוויי טעמים: ערשטנס — ווייל איך קאָן נישט און איך וויל נישט באַליידיקן איינעם פון מיינע באַליבטסטע און עלטסטע דיכטער ביי יידן, און צווייטנס — ווייל איך באַטראַכט עס פאַר אַ כבוד זיך צו דרוקן אונטער ליעסינס רעדאַקציע.

— און איך זאָג אייך, — האָט ער ווידער גענומען האַמערן ווי אַן אמתער אַגיטאַטאָר — אַז אין נאָמען פון אַן אידעאַל מעג מען אַלץ טאָן, אַפילו זאָגן ליגן... איז אויב איר ווילט אָנהויבן שרייבן ביי אונדז, מוזט איר ביי אים אָפּנעמען אייער מאַנוסקריפּט, אונטער יעדן אויסרייד.

איך האָב דערצו, פאַרשטייט זיך, נ י ש ט מסכים געווען.

אָלגין איז נאַטירלעך פאַרבליבן צערייצט און אומצופרידן.

האָט ער מיר געמאַכט אַ צווייטן און לעצטן פאָרשלאַג: איך זאָל נעמען אין באַטראַכט, וואָס ער האָט מיר רעקאָמענדירט און מיך געעצהט צו טאָן. ער האָט ביי מיר גענומען דאָס וואָרט, מיר זאָלן זיך ווידער באַגעגענען דאָ אין זיין רעדאַקציע, קומענדיקע וואָך, וואָס ער

האָט אייגנהאַנטיק פאַרצייכנט אויף זיין קאַלענדאַר. ער האָט מיך אויך געבעטן, איך זאָל אים ברענגען מיינע ביכער און אויך אַ מאַנוסקריפּט.

אויף וויפל איך געדענק, האָב איך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געבראָכן קיין באַשטעלונג, זיך אַלעמאָל באַמיט צו האַלטן וואָרט און קומען אין צייט.

בין איך צו אַלגינען אויך געקומען אין צייט.

— וואָס האָט איר באַשלאָסן טאָן? — האָט ער ביי מיר באַלד אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב נישט געהאַט וואָס צו באַשליסן, חבר אַלגין, — איז געווען מיין ענטפער. — איך וועל אונטער קיין שום אומשטענדן נישט באַליידיקן אַן עלטערן דיכטער ביי יידן, אויף וועמענס פּאָעזיע און פּובלי־ציסטיק איך האָב זיך טיילוויז דערצויגן.

— און איך זאָג אייך, אַז עס איז נישט קלוג, אַבסאָלוט נאַריש. די צוקונפט געהערט צו אונדז — נישט צו זיי! און דאָרט, ביי זיי — האָט איר פאַרזענלעך בכלל נישט קיין צוקונפט!

— איך וועל אייך זאָגן, — טענהט ער ווידער — באַדענקט זיך גוט, וואָס איר טוט! זייט נישט קיין עקשן און נעמט אָפּ אייער עסיי ביים אַלטן ליעסין. גיט אים מיר! איך וועל אים דרוקן! נאָך מער, — היצט ער זיך ווייטער — זאָגט מיר צו, אַז איר וועט אָפּנעמען ביים אַלטן ליעסין אייער עסיי, וועל איך אַליין וועגן אייך אָנשרייבן אַ סעריע אַרטיקלען אין דער „מאָרגן־פרייהייט“. איך זאָג אייך, בראָנשטיין, איך וועל אייך מאַכן פאַר אַ גרויסן מענטשן און עס וועט אייך גוט זיין ביי אונדז, אין אונדזער סביבה...

און איך האָב ביי זיך געטראַכט: אַז אַך און וויי איז צו אַזאַ גרויס־קייט, וואָס באַדאַרף רעקלאַמירט ווערן פון אַן אַנדערן, דערצו נאָך צוליב ענגהאַרציקער און שמאַלקעפּיקער פּאָליטיק, אין וועלכער דו אַליין ביסט בכלל נישט פאַראינטערעסירט.

איך האָב מער נישט רעאַגירט אויף אַלגינס רייד, זיך גענומען גרייטן אַוועקצוגיין.

— וואָס זשע בלייבט? — לאָזט ער נישט אָפּ און פרעגט מיך נערוועז, מיט קוים איינגעהאַלטענעם כעס.

— עס בלייבט אַזוי, — זאָג איך אים אַ שטילער — דאָ האָט איר מיינע אַן אַרבעטער־דערציילונג, און אויך — מיינע ביכער. און אויב איר ווילט מיך נאָך אַלץ האָבן פאַר אַ מיטאַרבעטער, וועל איך אייך פון וועג לאָזן וויסן, ווען מיין עסיי וועט זיין געדרוקט אין ליעסינס „צוקונפט“. איך וועל אייך גלייכצייטיק אויך לאָזן וויסן, אַז איך וועל פון דאַן אָן און ווייטער בלויז שרייבן אין אייערע אויסגאַבן.

אָלגין האָט אויף מיר אַ מאָדנעם בליק געטאָן, צוגענומען מיין מאַנוסקריפּט מיט די ביכער מיינע און זיך מיט מיר געזעגנט אין אַ געדריקטער שטימונג. אַז איך בין שוין געווען ביי דער טיר, האָט ער מיך צוריקגערופן:

— איר האָט פאַרגעסן אויטאָגראַפירן אייערע ביכער, האָט ער מיך דערמאָנט...

איך האָב אין איילעניש אויטאָגראַפירט מיינע ביכער. ער האָט מיר באַדאַנקט. ווידער געדריקט די האַנט. און אַזוי האָבן מיר זיך צעשיידט אויף תמיד...

אַז איך בין אין עטלעכע וואָכן אַרום אָנגעקומען אין מיין מאַמעס היימשטאָט וויניפּעג, איז מיין „גורלדיקער“ עסיי שוין געווען אָפּגעדרוקט אין „די צוקונפט“.

איך האָב קיין צייט נישט פאַרלוירן און באַלד אַרויסגעאיילט אַ צושריפט צו מ. אָלגין, דעם רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט“, און אים מודיע געווען, אַז מיין עסיי איז שוין געווען געדרוקט אין „די צוקונפט“ און איך בין שוין גרייט אָנצונעמען זיין פאָרשלאָג און אָנהויבן מיטצואַרבעטן אין דער „מאָרגן־פרייהייט“, אויב ער האָט נישט קיין חרטה אויף אונדזער ליטעראַרישן שידוך... איך האָב גלייכצייטיק אים אויך דערמאָנט און זיך אויך פאַרפליכטעט, אַז אַזוי גיך ווי ער וועט פאַרעפנטלעכן מיין דערציילונג, וואָס איך האָב אים איבערגעגעבן אין ניו־יאָרק — אין דער „מאָרגן־פרייהייט“, וועל איך מער נישט שיקן מיינע מאַנוסקריפּטן אין קיין אַנדערע רעדאַקציעס.

אַני הקטן האָב געהאַלטן וואָרט. און ער ,אַלגין, דער אַזוי גערופע־נער גדול ביי אונדערע רויטע יידעלעך — האָט נישט געהאַלטן וואָרט!

איך האָב פון אים דירעקט מער קיינמאָל נישט געהערט און אים אויך מער נישט געזען.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך

ביי מיר טרעפט נישט זעלטן, אַז די געשטאַלט פון אַ לעבעדיקן מענטשן, צי אַ שוכן עפר אפילו — זאָל אויפטויכן אין מיין זכרון. בייטאָג — ווען איך בין וואַך, אָדער ביינאַכט — ווען איך באַדאַרף לאָגישערווייז שלאָפן.

די לעצטע עטלעכע טעג און נעכט פאַרפאָלגט מיך די געשטאַלט פון אַלעקסאַנדער גראַנאַך, וואָס האָט ביי זיין לעבן ממש געפיבערט און געשטורעמט מיט דער גבורה פון אַ לייב, אין דער געשטאַלט פון אַ לעבן, וואָס האָט געברענט מיט דער קערנדיקסטער און געזונטסטער הנאה פון עולם הזה.

געקומען איז ער קיין האָליוווד מיט דעם גרויסן נאָמען פון אַ דייטשישן שוישפילער און גאָרער לײדנשאַפט פון אַ זעלטענעם אוהב ישראל און אוהב יידיש, ווי אַ רעאַקציע צו זיין לעצטער דערפאַרונג מיט דעם זאָאָלאָגישן היטלער־דייטשלאַנד און אַנטוישונג אין דעם סאָוויעטן־פאַר־באַנד.

היטלערס דייטשלאַנד האָט אים אינגאַנצן אַנטקרוינט פון זיין גלאָריע, באַרויבט זיין פאַרמעגן און סתם אים פאַרטריבן פון לאַנד, כאָטש, ווי ער אַליין האָט נישט זעלטן באַטאָנט זיינע פאַרדינסטן פאַר דער דייטשי־שער בינע, ווי דער „בעסטער אויסטייטשער פון דראַמאַטישע כאַראַקטערן און דער בעסטער קענער פון דער דייטשישער שפּראַך און ליטעראַטור...״

איך ווייס נישט ווער עס האָט גראַנאַכן רעקאָמענדירט צו מיר. פּלוצים אָבער קלינגט מיין טעלעפאָן און עס דערטראָגט זיך צו מיר זיין לייבן־קול:

— מיין נאָמען איז אַלעקסאַנדער גראַנאַך! איך וויל זיך מיט אייך באַקענען און זיך דורכרעדן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין.

אויף וויפל מיר איז געווען באַקאַנט, האָט אַלעקסאַנדער גראַנאַך דאָ געשמט ווי אַ מענטש מיט אַ סך חוצפּה. און כאָטש עס האָט זיך ביי

אַ נאָנטער באַקאַנטשאַפט מיט אים שפּעטער באַשטעטיקט אין גאָר אַ גרויסער מאָס, האָב איך אים פונדעסטוועגן אָפּגעשאַצט ווי אַ טעמפּע־ראַמענטפולן מענטשן, מיט אַ סך כאַראַקטער און נאָך מער געוואַגטקייט אין דער פּסיכיק פון אַ גאָר קאַלירפולע און ביז גאָר אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט.

ער אַליין, למשל, האָט מיר אַמאָל אגב אורחאדיק דערציילט, ווי ביי אַ סימפּאָזיום דאָ אין שטאָט וועגן טעאַטער, האָט ער דעם פּאָרזיצער, דעם בעסטן רעדנער דאָ אין שטאָט, אַן אַדוואָקאַט מיט אַ נאָמען — עפּנטלעך געשטעמפּלט ווי אַן עם הארץ און אים געעצהט, נ י ש ט צו רעדן איבער אַן ענין — טעאַטער — וואָס איז אים לגמרי פרעמד...

צוליב דעם האָב איך נישט מסכים געווען צו אים אַריבערצוקומען, און אים מטריח געווען צו קומען צו אונדז.

גראַנאַך, וואָס איז געווען אַ בילד־שיינער מאַן און אַ קלוגער מענטש דערצו, האָט זיך באַלד אָריענטירט אין די האָליוודער וועגן צו מאַכן אַ לעבן פון דער טעאַטער־קונסט, זיך גיך באַזאָרגט מיט אַן אַקטיוון טעאַטער־אַגענט פון דער מוווי־קאָלאָניע און מיט דער הילף פון מאַקס ריינהאַרדט און אַנדערע, זיך באַזאָרגט מיט פּרנסה, אַרונטערקומענדיק דערביי פון זיין הויכן קונסט־פּיעדעסטאַל און אויפטרעטן אין די מוווים אין קלענערע ראָלן, אין וועלכע ער האָט זיך אַלצאיינס זייער גוט אָנגעזען.

ווי אַ באָהעם און אַ לעב־יונג, האָט ער זיך אין פּריוואַטן לעבן דערלויבט אַ סך פרייקייט, אין זיין אומגעבונג מיט מענטשן בכלל און פרויען — איבערהויפּט. און כאָטש ער איז אין דעם זין אויך געווען דערפאָלגרייך, האָט ער זיך פונדעסטוועגן געלאָזט צוימען ווי אַ לעמעלע, ווען ער האָט זיך פּאַרטשעפּעט מיט אַ מענטש מיט כאַראַקטער, אינטע־ליגענץ און עטישער באַציונג צום לעבן.

בעת זיין ערשטער באַגעגעניש ביי מיר אין הויז, איז מיין פרוי געווען געצוווּנגען אים דערמאָנען, אַז אויב ער וועט זיך נישט אויפפירן לייטיש אין איר קעגנוואַרט און אונדז נישט רעספּעקטירן, וועלן מיר מיט אים קיין מגע ומשא נישט האָבן...

אַזוי האָט מיין באַשיידענע פרוי באַלד געצוימט דעם צעבאַלעוועטן

און צעכראַסטעטען, אַמאָליקן בעקער־יונג און באַרימטן בינע־ און מוווי־קינסטלער, אַלעקסאַנדער גראַנאַך.

ווען אַלעקסאַנדער גראַנאַך האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אַריינגעשטעלט צו אונדז אין שטיבל, האָט זיך עס אין איין הרף עין אויסגעפילט מיט זיין ברייטפּלייציקייט און דער גיגאַנטישקייט פון זיין גבורה, וואָס האָט פון אים אַרויסגעשפּאַרט, אין דער געזונטער באַגלייטונג פון זיין לייבן־קול.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך — האָט מיין פרוי ביי אים אַ פרעג געטאָן, — ווי אַזוי האָט איר אין דער מוווי „ציגיינער" פאַרשלונגען אַזוי פיל אייער מיט איינמאָל?

— אַז איר וועט זיין אַזוי גוט און אונדז מאַכן עפּעס עסן, וועט איר אַליין זען...

און אַז זי האָט אים אַ פרעג געטאָן, וויפל אייער זי זאָל צוגרייטן, איז זיין ענטפער געווען: פאַר מיר — צוועלף!

— איר האָט גאָרנישט קיין מורא עס זאָל אייך שאַטן?

— אַ מענטש לעבט איינמאָל, — איז זיין ענטפער געווען — און כל זמן איך לעב, וויל איך נישט טראַכטן פון דעם וואָס עס וועט זיין מאָרגן, און הײַנט געניסן פון אַלץ וואָס איך קען...

אַ צווייט מאָל האָט ער פאַר אונדז דעמאָנסטרירט זיין אומגעווייגלעכע אַכילה, אין אַ רעסטאָראַן אין לאַגונא ביטש אויף אַזאַ אופן: ער האָט פון אַלץ באַשטעלט צו צוויי פּאָרציעס פאַר זיך. און פאַרענדיקט האָט ער מיט אַלץ וואָס איך האָב נישט באַוויזן אויפצועסן. דעם קאָניאַק, וויין און סאָדע־וואַסער האָט ער כמעט אַליין פאַרצערט. ווען מיר האָבן פאַרלאָזט דעם רעסטאָראַן, האָט ער ערשט באַשטעלט פאַר זיך אַ היפּש גרויסן מאָלטעד־מילך. דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אַז ער האָט זיך קוים געקאָנט באַוועגן און אַ היפּשע צייט פאַרבליבן זיצן אויף אַ באַנק אַרום דעם וואַסער...

און אַז ער איז אין אַן אַנדערהאַלבן יאָר אַרום פאַרפאָרן קיין ניו־יאָרק, האָט טאַקע ביי אים געפּלאַצט דער אַפּענדיקס פון צופיל עסן און ער איז פאַר דער צייט געשטאָרבן.

גראַנאַך איז צו מיר דאָס ערשטע מאָל געקומען אין שייכות מיט אַ פּיעסע, וואָס ער האָט געזאָלט שטעלן און רעזשיסירן מיט אַ גרופּע אַמאַטאָרן. און איך האָב פאַר אים באַדאַרפט ברענגען די פּיעסע אין אָרדענונג און צעשרייבן די ראָלן.

מיר האָבן אָפּגערעדט אַרויסצופאָרן צו אַ ים־ברעג אויף אַ סוף וואָך, און דאָרטן באַאַרבעטן די פּיעסע.

דעם נאָענטסטן פרייטיק איז גראַנאַך צו אונדז פאַרפאָרן אין זיין גרויסער ספּאָרט־קאַר. אויסגעפּוצט איז ער געווען אין בגדי מלכות, לעבעדיק און פריילעך, און באמת שיין אין אויסזען.

— איידער מיר פאָרן אַרויס, — האָט ער אונדז באַלד געלאָזט וויסן — וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר מינוט אין אַ צוויי דריי פּלעצער.

— וואָס אייגנטלעך באַדאַרפט איר טאָן, — האָב איך אים תמעוואַטע אַ פרעג געטאָן.

— איך מוז מיט זיך מיטנעמען אַ דאַמע — האָט ער אָן קווענקלעניש, ערנסט און אויפריכטיק אַ זאָג געטאָן. — איר מוזט מיך פאַרשטיין, בראָנשטיין: אָן אַ דאַמע ריר איך זיך פון אָרט נישט...

אין דעם ערשטן הויז וווּ ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער גלייך באַקומען אַ געגאַרטע דאַמע וואָס ער האָט געזוכט — אַ מיטליאָריקע, זייער ניט קיין שיינע, אַפילו אַ געשטופּלטע און שלאַנקע גרושה, וואָס ער האָט כמעט פון בעט אַרויסגעשלעפּט.

אַז מיר זענען אָנגעקומען קיין לאַגונא ביטש, אַ קינסטלער־קאָלאָניע פאַרנעסטלט אין גרין־האָרביקע בערגלעך, אַנטקעגן דעם אויסגוס פון פּאַסיפיק, האָט ער פאַר אונדז באַלד געדונגען צוויי פיין־מעבלירטע לייוונטענע ביידלעך, אין שאָטן פון צעגרינטעביימער, בלומען און קינסט־לעכע וואַסער־פאַלן. איך און מיין פרוי זענען באַלד אַוועק צום ים זיך באָדן. און ער מיט זיין געגאַרטע דאַמע, האָבן אונדז ערשט שפּעטער באַגעגנט...

גראַנאַך איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער שווימער. צוזאַמען מיט זיין דאַמע איז ער זייער ווייט פאַרשוווּמען. מיר האָבן זיי כמעט ווי פון אויג פאַרלוירן, אויף אַ לאַנגער צייט.

דער סוף וואָך איז ביי אונדז אַוועק אויף שווימען, שמועסן און עסן.

די דאַמע זיינע, אַ פּשוטע און אומוויסנדיקע הויז־פרוי — האָט זיך אין אונדזערע שמועסן נישט באַטייליקט. און די אַרבעט אַרום דער פּיעסע איז ערשט אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ צווייטער געלעגנהייט ביי אונדז אין הויז...

ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט איז גראַנאַך צו מיר געקומען מיט אַ נייעם פּלאַן:

— איך וויל אָנשרייבן אַ בוך, — דערציילט ער מיר. — אייגנטלעך — אַן אויטאָביאָגראַפיע.

— ווי איר ווייסט, — גיט ער מיר צו פאַרשטיין — רעד איך אַ גאַנץ נישקשהדיקן יידיש. צו אייער יידיש, בראָנשטיין — קומט ער אָבער נישט... איך וויל דעריבער, איר זאָלט אויסבעסערן מיין יידיש, מיר העלפן אָנשרייבן מיין בוך.

— זייער גוט, — האָב איך אים געענטפערט. — לאָמיר אָבער פריער זען אַ מוסטער פון אייער אַרבעט. דערנאָך וועלן מיר רעדן דערפון.

ס׳איז פרייטיקצונאַכטס. די שבת־ליכט באַשיינען אונדזער באַשיידענע וווינונג. פונדרויסן הערט זיך דער גריל און דאָס געוויין פון אַ זויגלינג ביי אַ שכן. מיין פרוי דערלאַנגט כיבוד, וואָס גראַנאַך שאַרט דאָס ערשטע מאָל אַוועק מיט זיינע רירעוודיקע הענט. ער דעקט אָפּ דעם טיש און ער צעלייגט זיינע מאַנוסקריפּטן, זיך גרייטנדיק צו זיין אייגענעם יום־טוב.

— איך וועל לייענען דאָס ערשטע קאַפּיטל. די טעמע — „ווי אַזוי איך בין געבוירן געוואָרן".

מיין הויז איז באַהערשט פון אַ שבתדיקער מנוחה מיט פאַרשפּיצטע אויערן, וואָס גאַפן, ווי מיר, פון גראַנאַכס קרעפּטיקער, דורכויס קינסט־לערישער פאָרלעזונג.ביידע זיצן מיר פאַרגאַפט און שטוינען פון דעם אימפּולסיוון אופן פון זיין לייענען, און אויך פון זיין פאַנטאַסטיש־ראָמאַנטישן תוכן.

דער באמת גרויסער קינסטלער אַלעקסאַנדער גראַנאַך האָט זיך דאָ אויסגעטאָן פון זיין גאָרער וואָכעדיקייט, וואָס ער האָט אָגב נישט זעלטן פאַרוואולגאַריזירט, און פון זיך אַרויסגעפינקלט דעם ווונדער פון גאָרער יום־טובדיקייט. זיין קול מאָדולירט זיך אין די ווונדערלעכסטע וואַריאַי־

רונגען, און ביידע ווערן מיר מיטגעריסן פון דעם אימפּעט פון זיין דערציילן און מאָלן פאַר אונדז, די מעשה בראשית פון זיין שטורעמדיק, קאָלירפול לעבן.

אַז ער האָט פאַרענדיקט לייענען, אייגנטלעך — דערציילן, שפּילן און אימפּראָוויזירן אינאיינעם, צוליב דעם, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער בעל חלום און תמיד באַהערשט פון אומענדלעכע זעונגען, וואָס ער האָט אַלעמאָל באַפּליישט מיט דעם כוח הדיבור פון זיין שפּראַך־עשירות אין די לעבעדיקסטע קאָלירן, האָבן מיר זאַלבעדריט לאַנג און הויך געשוויגן, ווי אין אַ טראַנס. און אַז מיר זענען צו זיך געקומען פון דער זעלטנסטער איבערלעבונג, בין איך, דער גרויסער שווייגער וואָס איך בין — אַריין אין אַן עקסטאַז פון רעדן. איך האָב אים אויף אַזוי פיל באַגייסטערט און דערמוטיקט צום שרייבן, אַז ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער פילט שוין ווי ער באַפרייט זיך פון זיינע ספקות, אין שייכות מיט זיין פּלאַנירטער אויפפאַסונג פון די נאָכקומענדיקע קאַפּיטלען פון זיין בוך, און אַז אויף מיין רעקאָמענדאַציע פאַרהאָפט ער, אַז עס וועט אים איצט זיין אַ סך גרינגער ממשיך צו זיין די אַרבעט ווי פריער.

די שטימונג איז ביי אונדז געווען אַזאַ געהויבענע, אַז מיר האָבן זאַלבעדריט געמאַכט אַ לחיים, פון פרייד זיך אַזש אַרומגעכאַפּט, געטאַנצט און געזונגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

גראַנאַד איז פון אונדז אַוועק אַ צופרידענער, פאַרענדיקט זיין בוך, אַוועק קיין ניו־יאָרק עס אַרויסצוגעבן און לײדער, ליידער מער נישט צוריקגעקומען.

אַלטער עסעלין

אויף וויפל איך געדענק אַלטער עסעלין, און מיר זענען ביידע אינטים פאַרחברט קרוב צו פיר צענדליק יאָר — איז ער, לויט זיין מענטאַליטעט — פון תמיד אָן געווען אַ דערוואַקסענער מענטש; אַלעמאָל געוווּסט וואָס ער וויל, און כמעט קיינמאָל נישט געבלאָנדזשעט אין זיין בענקשאַפט נאָך אַ יושרדיק לעבן, דורך דעם אָנווענד פון זיין פּאַטאָס אין זיין ליד, דער אינטימסטער אויסדרוק פון זיינע עטיש־עסטעטישע אָנשויונגען.

עסעלין האָט אַלעמאָל אויף זיך געהאַט אַן אַלטן קאָפּ, וואָס האָט פון זיין פריסטער יוגנט אָן געשפּרודלט מיט אומגעווייגלעכער, נאַטירלעכער חכמה, און די מענטשן פון זיין קרייז תמיד געהאַלטן געשפּאַנט מיט זיינע קלוגע איינפאַלן, פאַרזאַלצן מיט כאַראַקטעריסטישע אויסצוגן פון זיינע באַליבטע יידישע און וועלטלעכע דיכטער, וואָס ער האָט אַלעמאָל פאַרגעטערט.

ווען איך און עסעלין האָבן זיך באַגעגנט אין לאָס אַנדזשעלעס ביים אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, איז אים שוין דאַן זיין נאָמען פאַרויסגעגאַנגען און ער האָט צו זיך אַרויסגערופן דעם געהעריקן דרך ארץ ווי אַ פּאָעט, וואָס האָט באַשטימט געוווּסט וואָס ער האָט געוואָלט, און וואָס ער האָט באַצוועקט מיט זיין דיכטונג.

אַ דאַנק זיין אייביקער אומרו, איז ער תמיד געווען צערודערט, כמעט אַלעמאָל אויסגעשטעלט צו אַ סטיכישן אויסברוך פון אַ קלוגער באַרעדעווו־דיקייט. מיט דער ווייטקייט פון זיין בליק אין זיינע פאַרחלומטע אויגן, האָט עסעלין אַלעמאָל געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ באָהעם — אַ צעטראָ־גענעם פּאָעט; אַ מענטש וואָס ליידט אַ סך און איז קיינמאָל מיט גאָרנישט ניט צופרידן, זיך גופא אַריינגערעכנט...

עסעלינס פרוי, זיין זעלטן קלוגע בעקי ע״ה, וואָס איז אַגב געווען די בעסטע אָפּשאַצערין פון זיינע לידער — האָט דאָ קיין משפחה נישט

געהאַט. צוליב דעם האָט זי זיך נאַטירלעך געפילט נישט גוט אין איר עלנטקייט און איינזאַמקייט. מיט דער צייט, מיט אים און זייער קינד טאַקע צוריקגעפאָרן אין דעם „העק מילוואָקי״, ווי עסעלין רופט אַלעמאָל אָן זיין לאַנגיאָריקע רעזידענץ־שטאָט. זיי זענען אַפילו אַ צווייט מאָל צוריק־געקומען אַהער. אַזוי ווי אָבער די לאַגע אַרום זיי האָט זיך צום בעסערן נישט געביטן, זענען זיי באַלד ווידער צוריקגעפאָרן. דאָס מאָל — שוין דאָרט צו פאַרבלייבן.

אין יענער צייט, ווען מיר זענען נאָך אַלע יונג געווען אין יאָרן און אויך אין שרייבערישער דערפאַרונג, איז צווישן אונדז אָנגעגאַנגען אַ שטילע קאָנקורענץ; איינער האָט געפרווווט אַריבערשטייגן דעם אַנדערן אין זיינע ליטאַקטיוויטעטן. און אַז איינעם האָט זיך איינגעגעבן אָפּצודרוקן ערגעץ־ווו אַ ליד, איז באַלד געוואָרן אַן אָנגעלויף אויף דער באַטרעפנדיקער רעדאַקציע, וואָס איז פון אונדז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט אונדזערע נאַיווע, צי גאָר פרייפערזיקע לידער. צוליב דעם איז אפשר נישט קיין צופאַל, וואָס היגע דריי פאָעטן האָבן דאַן דאַן אויסגעכאַפּט אַלע דריי איינמאָליקע פרייזן, אין אַ קאָנטעסט פון לידער, וואָס די ניו־יאָרקער „פרייהייט״ האָט אַדורכגעפירט. און איינער פון זיי איז געווען — אַרטור עסעלין. איך זאָג: אַרטור, ווייל אַזוי האָט ער זיך דאַן גערופן.

— פאַרוואָס עפּעס אַרטור? — האָב איך אים גענומען מאַכן פאָר־וווּרף, פאַר באַנוצן זיך מיט אַ נישט־יידישן ערשטן נאָמען.

מיין פאָרוווּרף איז קאָנטיק נישט געגאַנגען לאיבוד.

אַזוי איז צושטאַנדגעקומען דער נאָמען אַלטער — עסעלין — וואָס איז איצט אַ בכבודיקער נאָמען אין דעם רעגיסטער פון אונדזער אַלוועלט־לעכער פּאָעזיע אויף יידיש־לשון.

לויט דער מענטאַליטעט זיינער, איז עסעלין אַ פּאָעט יעדע מינוט פון טאָג, אַפילו אין זיינע שיחת חולין, ווען ער באַנוצט זיך נישט מיט דער פעדער צי מיטן בלייער.

איך האָב אים אַמאָל געטראָפן ביי דער וואָכעדיקער אַרבעט פון אויסלייגן און אויפבויען דעם סקעלעט פון אַ הויז, ווי אַ בעל מלאכה — אַ סטאָליער. ביי דעם גאַנצן געטומל פון אַ צאָל פאַכלייט, האָט ער פאַר

מיר אויסגעבטלט אַלע וויסטע חלומות צו דער קלאָגעדיקער פּרנסה זײַנער, און דערבײַ מיר באַוויזן דעם אָנהויב פון אַ ליד, וואָס ער האָט צווישן איין האַמער־קלאַפּ און אַ צווייטן, באַוויזן צו פאַרצייכענען אויף אַ נבזהדיק, אומריין און צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר...

עסעלין איז אגב אויך ביז גאָר אינטערעסאַנט, ווען ער באַנעצט זײַנע ליפּן מיט אַ פּאָר טראָפּנס משקה. די גראָבע רייד זײַנע, וואָס ער האָט נאָך ביים לעבן געירשנט פון זיין באַליבטסטן פּאָעט משה לייב האַלפּערן ז"ל, קומען דאָ ביי אים אַרויס זייער טרעפלעך, אפילו חנעוודיק. ביי עסעלינען אַ זאָג צו טאָן, אַז פון דער און דער דיכטערין „שטינקט מיט גאווה", איז איינע פון יענע כאַראַקטעריסטישע זאָגעכצן זײַנע, וואָס קומען ביי אים אַרויס אוממיטלבאַר, אָן פּאָזע און אויך אָן דער מינדסטער באַמיִונג פון זיין זייט, ביים כאַראַקטעריזירן אַ פּאָעט אין געציילטע עטלעכע ווערטער.

אין יענע יאָרן האָב איך אָנגעהאַלטן אַ באַשיידענע וווינונג פון אַן אַלקער, אַ דרויסנדיק שלאָפצימער (אַ „פּאָרטש") מיט אַ קליין קיכל. מיין באַלעבאַטישקייט איז באַשטאַנען פון אַ בעט, אַ קליין אויוועלע, אַ קיך־טישל, מיט אַ פּאָר זיך וואַקלדיקע בענקלעך.

אַז עסעלין האָט אָבער באַדאַרפט צוריקפאָרן קיין מילוואָקי, האָבן מיר ביידע באַשלאָסן פאַר אים צו אַראַנזשירן אַן אָפּשידס־אָוונט אין מיין „רחבותדיקער" דירה...

שבתצונאַכטס, אַ שעה פאַר ליכט־בענטשן, ערב דער שמחה — איז עסעלין צו מיר אַריבערגעקומען און מיר האָבן גענומען רעדן וועגן צוגרייטן דעם אָוונט, דער עיקרשט — וועגן בענקלעך צום זיצן.

— ווייסטו גאָר וואָס, — גיט ער מיר אַ קלוגע עצה — אין אונדזער געגנט בויען זיך אַ סך נייע הייזער. וועלן מיר שפּעטער, אַז עס וועט גוט פינצטער ווערן — זיך אַ לאָז טאָן צו דעם נאָנטסטן בנין וואָס בויט זיך. מיר וועלן אויסקלייבן די בעסטע עטלעכע ברעטער און זיי „אָנט־לייען" אויף עטלעכע שעה... און אַזוי ווי איך בין אַ מעכאַניק, — קלערט ער מיך ווייטער אויף — אַ סטאָליער, וועל איך שוין אויפקלאַפּן עטלעכע בענק, וואָס וועלן אַפילו סטייען פאַר אַ גרויסער חתונה.

אַזוי האָבן מיר אים אַרויסבאַגלייט דאָס ערשטע מאָל פון לאָס אַנדזשעלעס, צוריק קיין מילוואָקי, מיט אַן אימפּראָוויזירטן באַנקעט אין מיין „רייך״ אויסגעשטאַטער דירה...

דאָס צווייטע און לעצטע מאָל האָבן מיר אים אַרויסבאַגלייט פונדאַנען, טאַקע אין אַ באמת רחבותדיקער דירה, ביי אַ צוויטן שרייבער אין הויז. דאָ האָט ער זיך אַגב אויף אַן אמת פאַרשנאַשקעט. דער איבערגאַנג ביי אים פון פרייד און געלעכטער צו אַן אומגעריכטן און ספּאָנטאַנעם אויסברוך פון געוויין, באַגלייט פון אמתע טרערן, האָט אונדז פשוט געצוואונגען אים צו איזאָלירן אין אַ פּריוואַטן שלאָפצימער...

אין יענער צייט פלעגן מיר זיך ביידע אַלעמאָל באַגעגענען שבת פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, און נישט זעלטן זיך אַוועקלאָזן אויף אַ לאַנגן שפּאַציר.

איינמאָל אַ שבת פאַרנאַכט, בין איך אַ היים געקומען זייער שפּעט פון דער אַרבעט, און מיין חבר שוין געטראָפן וואַרטן אויף מיר. מיר האָבן זיך ביידע פאַרפּוצט מיט רויזן אין די לאַצן פון אונדזערע אָפּגע־טראָגענע רעקלעך, און זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר אַרום דעם בית עולם צווישן ברוקלין און דער ערשטער גאַס, אויף עווערגרין.

דער בין השמשות איז געווען זייער אַ רייצנדיקער. דער הימל האָט פשוט געררייצט און פאַרכאַפּט מיט דעם פילפאַרב פון רעפלעקסיעס פון אַ זיך־זעצנדיקן זונפאַרגאַנג. מיר זענען ביידע געווען פאַרטיפט אין אַ שמועס וועגן דיכטונג, און ביידע האָבן מיר כמעט ווי נישט באַמערקט די באַוועגונג אויף דער גאַס אַרום אונדז. פלוצים באַפאַלט עסעלינען אַן אומעט און ער גיט מיך אַ פרעג:

— משוגענער בראָנשטיין! וווהין האָסטו מיך פאַרשלעפּט?

מיר זענען געבליבן שטיין ביי דעם ראָג פון אַ צווישנגעסל אויף עווערגרין, און עסעלין האָט זיך באַמיט אויפצוזוכן דעם אויפשריפט און נאָמען פון געסל, אויף דעם סלופּיקל פון ראָג.

אַזוי אַ שטייענדיק, זענען פאַר אונדז אויסגעוואָקסן צוויי פאַרמאַס־קירטע „האָלדאָפּניקעס״, מיט אויסגעשמירטע פּנימער, צעריסענע קליי־דער און צוויי רעוואָלווערן אין די הענט. ביידע האָבן מיר מאָמענטאַל

פאַרלוירן דאָס לשון. מיין אייגענע צונג איז ווי פאַרטרוקנט און פאַר־גליווערט געוואָרן אין מיין מויל, און אויטאָמאַטיש האָבן מירביידע אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך. די צוויי חברהלייט האָבן אונדז אין איילעניש באַזוכט. ביי עסעלינען האָבן זיי געפונען צוויי סענט אין זיין וועסטלקעשענע. איך ווידער, האָב גראָד געהאַט ביי זיך מיין וועכנט־לעכע שכירות אין אַ קאָנווערט, וואָס איך האָב נאָך אַפּילו נישט געהאַט אויפגעעפנט. דער חברהמאַן ווידער, וואָס האָט מיך באַטאַפּט און באַזוכט, האָט קאָנטיק עס אָנגענומען פאַר אַ פּשוטן בריוו, און עס נישט צוגע־נומען. דערווייל האָבן זיך באַוויזן די שאָטנס פון צוויי פאַרבייגייער, אַ מאַן מיט אַ פרוי — וואָס זענען גראָד פאַרבייגעגאַנגען. די צוויי חברה־לייט האָבן זיך קאָנטיק עפּעס אַליין דערשראָקן. אין איין הרף עין זענען זיי אַריבערגעשפּרונגען דעם פּאַרקן פון דעם בית עולם און — פאַר־שוונדן.

עס האָט אונדז לאַנג גענומען צו קומען צו זיך. ביידע זענען מיר געווען ווי פאַרגליווערט, שטאַרק איבערגעשראָקן און ווייס ווי שניי. מיר האָבן באַלד אַהיים געאיילט. און איך בין געבליבן קראַנק און צערודערט אויף עטלעכע טעג.

באַלד נאָך זיין פאַרלאָזן לאָס אַנדזשעלעס, האָט זיך צווישן אונדז פאַרבונדן אַ לאַנגיאָריקע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס באַשטייט פון הונדערטער בריוו.

עסעלין איז זייער אַ טראַגישע פּערזענלעכקייט. זיין לעבן אויף דער פּראָווינץ האָט זיך נישט אויסגעלייגט אין הסכם מיט זיינע חלומות. דער פּאַטאָס פון זיין לעבן, ווי אַ צוגאָב צו דעם פּאַטאָס פון די מערסטע לידער זיינע — האָט דעריבער אויך געקראָגן אַ טיילווייזן תיקון אין די אומצאָליקע בריוו זיינע צו מיר און אוודאי אויך צו אַ צאָל אַנדערע אינטימע פּען־חברים זיינע, איבער דער גאָרער יידישער וועלט. אָט איז איין אויסצוג, דערצו אַ קורצער — פון זיינעם אַ בריוו:

...איך קום איצט פון דאַנטעס גהינום. מיר זענען געווען זען אונדזער אומגליקלעכן יאַנקעלע... בעקי רייסט זיך די האָר פון קאָפּ. און איך — איך שלאָג זיך קאָפּ אָן וואַנט...

זיינע בריוו האָבן אויך אַ דירעקטן שייכות צו ליטווערטן.

איינמאָל האָב איך זיך באַנאַרישט און אים צוגעשיקט מיינס אַ ליד צום איבערלייענען. עס האָט לאַנג נישט גענומען און ער האָט מיר צוגעשיקט אַן ענטפער, אין וועלכן ער האָט מיך שטאַרק באַליידיקט. מיט מיין בעסטן ווילן האָב איך אים נישט געקאָנט ענטפערן און בפירוש נישט געוואָלט אים ווי טאָן אויף צוריק. האָב איך אינגאַנצן איגנאָרירט זיין אַטאַקע אויף מיר, און איבערגעריסן מיין לאַנגיאָריקע קאָרעספּאָנדענץ מיט אים.

ווינטער 1933, איך פאַרליר מיין שטעלע ביי דעם היגן „ל. א. יידישער סאַנאַטאָריום און עקס פּיישענטס האָום", די איצטיקע „סיטי אָוו האָפּ", ווו איך בין געווען באַשעפטיקט אַ סך יאָרן. איך פאַרליר נישט קיין צייט און איך פאָר באַלד אַפּ זען מיין מאַמען ע"ה, אין וויניפּעג, קאַנאַדע. אויף מיין וועג צוריק, שטעל איך זיך אָפּ אין שיקאַגע, כאַפּ באַלד אַן אָמניבוס און איך לאָז זיך אַוועק קיין מילוואָקי, זען מיין חבר עסעלין.

דאָ איז אמתער ווינטער, נישט ווי אין „מיין" קאַליפאָרניע. מילוואָקי איז איינגעטונקען אין שניי. איך דערפרעג זיך אויף עסעלינס גאַס און איך אייל אַוועק צו אים.

אַן אָרעם אָפּגעלאָזן שטיבל אויף אַ קבצנישן הויף. בעקי, עסעלינס זייער קלוגע פרוי, דערקענט מיך באַלד, זי נעמט מיך זייער חבריש אויף און פאַרזיכערט מיך, אַז עסעלין איז אויף זיין וועג אַהיים פון דער אַרבעט.

עס נעמט נישט לאַנג, די טיר עפנט זיך אויף און עסעלין פאַלט אַריין אַ האַלב דערפרוירענער, פאַרווייסט פון שניי. ער שטעלט אָן אויף מיר זיינע פאַרגאָסענע אויגן, בלייבט שטיין פאַרוווּנדערט, זייער איבעראַשט. ער שליידערט אַוועק זיין שפּייז־קעסטל און רופט אויס אויף זיין כאַראַקטעריסטישן אופן:

— די כאָליערע זאָל עס נעמען! דאָס ביסטו — בראָנשטיין?

ער פאַלט מיר אַרויף אויף דעם האַלדז, דריקט מיך שטאַרק צו צו זיך, צעכליפּעט זיך אויף אַ קול און רופט אויס מיט אַ געוויין:

— דו ביסט אַ גרעסערער און בעסערער מענטש פון מיר, אַז דו

האָסט נאָך געקאָנט קומען צו מיר, נאָך דעם ווי איך האָב דיך אַזוי באַליידיקט אין אַ בריוו...

עסעלין, וואָס איז זייער קלוג און שאַרף אין זיין באַרעדעוודיקייט — קען אויך זייער קלוג און הויך שווייגן.

זיין שוואַכקייט צו שרייבער, איבערהויפּט צו פּאָעטן — האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ פּלייסיקן בריוו־שרייבער. און פּונקט ווי ער ווייסט ווען־און־ווו אַוועקצושטעלן אַ פּונקט ביים שרייבן אַ ליד, צי אַפילו אַ שטיקל פּאָעזיע, אַזוי ווייסט ער אויך באַשטימט, ווען־און־ווו אַוועקצו־שטעלן אַ פּונקט ביים שרייבן אַ בריוו. צוליב דעם האַלט איך, האָבן זיינע בריוו אַ דורכאויס ליטעראַרישן ווערט, כאָטש עס שטאַרצט פון זיי אַרויס אַ זייער בולטער אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס, וואָס דאָמינירט בכלל זיין לעבן.

אַלטער עסעלין באַציט זיך בכלל מיט אַן אויסערגעווייגלעכער פּיעטעט און אויך נישט ווינציק קנאה, צו יעדן שעפערישן מענטשן.

ער איז מקנא יעדן דיכטער אָן אויסנאָם, וואָס שרייבט אָן אַ גוט ליד. גלייכצייטיק זאָל אָבער אויך באַטאָנט ווערן, אַז ער שאַצט אויך אָפּ אַ ווערטפול ליד און ער רעדט דערפון אַפילו אין לויבן. און וואָס שייך זיין אייגענער דיכטונג, מעג דאָ אויך געזאָגט ווערן, אַז ער אַליין איז נישט צופרידן מיט זיינע דערגרייכונגען, ווייל זיינע פאָדערונגען צו זיך זענען באמת שטרענגע און אויך קריטישע. אויף דעם זאָגן עדות די כמות פון זיינע לידער, וואָס ער מעסט מיט דעם ווערט פון זייער איכות.

און כאָטש ער באַציט זיך קריטיש צו אַלץ און אַלעמען, זיך אַליין אַריינגערעכנט — קאָן ער פונדעסטוועגן נישט פאַרטראָגן קיין אומגינ־סטיקן אָפּרוף אויף זיינע ביכער...

און הגם ער איז זייער אָפט געוואַגט און ער באַציט זיך אויך זייער קריגעריש צו די מיטמענטשן פון זיין דור, די אינטימע פען־חברים זיינע — וואָס ער האָט קיינמאָל נישט צופיל געשאָנעוועט, זיך עפּנטלעך מיט זיי אָפט אויסגעטענהט, ביז אַפילו באַליידיקונג, אין שייכות מיט זייערן אָן אָפּרוף אויף זיינער אַן אַרבעט, — האָט ער פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט געהאַט דעם מוט זיך עפנטלעך אויסצוטענהן מיט אַן אַנגענומענעם

און פּאָפּולערן קריטיקער ביי יידן פון אַ העכערן קאַליבער, וואָס האָט אים פון צייט צו צייט קריטיקירט, אויב נישט אינגאַנצן מבטל געווען.

אין דעם זין, וואָלט איך געזאָגט — איז עסעלין אַ שטיקל פּחדן.

אָט די פּחדנות זיינע ווערט אָבער בטל בשישים, אין דעם ליכט פון זיין ליד, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אַ פּערזענלעכקייט, וואָס לאָזט זיך דערקענען מיט דער אייגנאַרטיקייט פון זיין טעמפּעראַמענט, אין די ראַמען פון איכות פון זיינע לידער, וואָס רירן דיך מיט דעם פּאַטאָס פון אַ טיף־לײדנדיקן יידישן פּאָעט אויף דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ.

די התגלות פון אבא קליגער ווי אַ פּאָעט

אין דעם גאַנג פון אונדזער צייט, ווען פּען־מענטשן, אַפילו טאַלאַנטירטע מיט קלינגענדיקע נעמען, יאָגן זיך נאָך פּרסום אונטער יעדן אויסרייד, איז אַ זעלטענער נחת־רוח צו האָבן דעם באַוווסטזיין, אַז דו האָסט אַמאָל געהאַט דאָס גליק און אויך די זכיה צו האָבן געווען פֿאַרחברט מיט אַ דיכטער אַ נסתר, וואָס איז געווען דאָס גוטסקייט אַליין אין זיין אומגאַנג מיט מענטשן; געלעבט ווי אַן עניו און אויף דעם שטילסטן און באַשיידנסטן אופן, יאָרנלאַנג זיך באַמיט און געגרייט פאַר זיין התגלות ווי אַ מענטש פון גייסט — אַ פּאָעט, מיט פלייס און מיט גרויס מי פון זיך אַרויסגעפּערלט דאָס געזאַנג פון זיין האַרץ, אין הסכם מיט זיין געוויסנהאַפטן איינשטעל און עטישער באַציונג צום לעבן אין אַלגעמיין.

אַזאַ מענטש איז לויט מיין מיינונג און אָפּשאַץ, געווען דער דיכטער אבא קליגער ז״ל, וואָס האָט אין זיין גרויסער באַשיידנקייט אָפּגעלעבט אַ סך יאָרן אין לאָס אַנדזשעלעס, און כמעט צו קיינעם נישט געלאָזט זיך דערקענען, ווי אַ פּאָעט און זעלטענער תלמיד־חכם; אַן אמתער מתמיד, וואָס האָט זיך דאָ אויסגעלעבט אין די דלת אמות פון אַ באַשיידן קליין צימערל, אונטער איין דאַך מיט פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג ווער ער איז, און וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר.

ביז היינט איז מיין באַגעגעניש מיט אבא קליגער פאַר מיר אַליין אַ רעטעניש.

איין זאַך געדענקט זיך מיר יאָ: ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים, האָט ער זיך זייער פאַראינטערעסירט מיט מיין וויניקייט ווי אַ יידישער שרייבער און זיך אויך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט מיינע ליטעראַטור־אַרבעטן, וואָס ער האָט אַגב אָנגעהאַלטן ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג.

חדשים־לאַנג האָב איך נישט געוווסט צי ער איז אַ שרייבער, כאָטש

אונדזערע שמועסן און דיסקוסיעס האָבן זיך אַלעמאָל געדרייט אַרום ליטעראַטור, שרייבער און שרייבערישע ענינים.

אבא קליגער האָט דאָן, אין די דרייסיקער יאָרן, זיך אין ערגעץ נישט געדרוקט. און פון זיינע שרייבערישע מעשים אין אַרגענטינע, האָב איך בכלל נישט געוווּסט.

איינמאָל, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך שוין געהאַט גענוג אינטים פאַרחברט, בין איך צופעליק און אומגעריכט פאַר אים, צו אים אַריינ־געקומען. זיין צימערל איז געווען טונקל באַלויכטן. און ער, אבא קליגער, האָט ווי אַ פאַרצייטיקער סופר געפלאַטערט און געפיבערט מיט אַ זעלישער איבערלעבונג איבער אַ כתב־יד אויף זיין שרייבטישל. מיין בליק, אַ דערשטוינטער — איז געפאַלן אויף זיין קליינער פיגור, וואָס האָט זיצנדיק ביי זיין שרייבטישל זיך כמעט ווי אויסגעגלייכט דערמיט... זיינע ברענענדיקע אויגן האָבן מיסטעריעז און פאַרחלומט געפיבערט איבער אַ בויגן פאַפיר, וואָס האָט צו מיר אַרויפגעגלאַנצט מיט אַ פערלדיקער שריפט, אין קורצע שורות. זיינע בליקן האָבן איבעראַשט זיך באַגעגנט מיט מיינע, און ביידן האָט אונדז אַרומגענומען איין געפיל: אַ געפיל פון שטוינונג און איבעראַשונג. ביידע האָבן מיר געשוויגן הויך. באַלד אָבער האָט ער אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף דעם מאַנוסקריפּט און — זיך שעמעוודיק צעשמייכלט.

פאַר מיר איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט אַ שעפערישן מענטשן. מעגלעך — אַ פּאָעט.

אין יענע יאָרן בין איך אַליין נאָך געווען יוגנטלעך געגוג און געוואַגט, אַפילו באַזעסן פון אַ היפשער דאָזע חוצפּה, צו קאָנען כאַפּן די לאָקשן פאַר דער יויך... צוליב דעם האָב איך קיין איין רגע נישט פאַרלוירן און באַלד אַרויס מיט לשון:

— הייסט עס, ר׳ אבא, אַז איר זענט אַ שרייבער! נישט אומזיסט אינטערעסירט איר זיך אַזוי מיט מיין אַרבעט און איר רעדט אַלעמאָל וועגן מיינע שרייבערישע עבודות.

מיר האָבן יענעם אָוונט לאַנג און שפּעט פאַרבראַכט. און ערשט דאַן האָב איך פון אים אַליין זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ פּאָעט. ער האָט מיר

שוין בדרך אַגב דערציילט, אַז ער האָט געווינט און געשאַפן אין אַרגענ־טינע, און אַז ער איז דער עיקרשט פאַראינטערעסירט אין קבלה, דער לערע פון בודהאַ, טעאָזאָפיע און סתם מיסטיציזם.

פון דאַן אָן האָבן מיר זיך אויף תמיד פאַרברידערט און פאַרחברט.

אַבא קליגער, ווי געזאָגט, האָט דאָ בכלל געלעבט ווי אַ נסתר. זיין באַקאַנטשאַפט איז געווען באַגרענעצט, צו מיין וויניקייט און די משפחה מיינע.

און כאָטש ער איז געווען אַ קראַנקער מענטש, קליין און אויסגע־טריקנט, איז ער דאָ חלילה קיינעם צו לאַסט נישט געפאַלן. ער האָט דאָ אין שטאָט געהאַט אַ סיגאַר־סטענד, וואָס איז כמעט ווי פאַר אים אַליין אויפגעבויט געוואָרן. קיינער, חוץ אים — האָט זיך דאָרט נישט געקאָנט באַוועגן. אַזוי קליין איז זיין סיגאַר־סטענד געווען. פון אָט־דעם „סטענדל" האָט ער זיך אויסגעשלאָגן אַן אָרעם שטיקל לעבן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף זיין גורל. ער האָט גאָר, אין קעגנטייל, זיך שטאַרק איבערגענומען דערמיט... איך האָב אים דאַן אַ נאָמען געגעבן: דזשאַן ד. דזשוניאָר־ראָקעפעלער. צוליב דעם האָט ער מיך אין יאָרן אַרום צוריקגעקיבעצט. אויף איינעם פון זיינע ביכער, מיר אייגנהאַנטיק צוגע־שריבן אַזאַ ווידמונג:

צו מיין ידיד, דעם אַלטן קיבעצער — יחזקאל בראָנשטיין,
וואָס האָט פון הויכע קולטורעלע בריקן
טועם געווען פון אַלע ליטעראַרישע גליקן
און דאַרף שוין מער נישט קיין תיקון.

— פאַר מיר איז עס פונקט גענוג — פלעגט ער אַ צופרידענער, ווי אַן אמתער שמח בחלקו, זאָגן. — צוליב דעם בין איך זעלבסטשטענדיק. עס גיט מיר נאָך אַלעמען אַ מעגלעכקייט צו לעבן רויק און זיך אָפּגעבן מיט מיינע ליטעראַרישע אַרבעטן.

און זיין ליטעראַרישע אַרבעט איז דאַן אויסשליסלעך באַשטאַנען אין לערנען, זיך פאַרטיפן און איבערדיכטן די שפּעטערדיקע צוויי ביכער

זיינע: „דאָס געטלעכע ליד — בהאַוואַגאַט־גיטאַ" און דער וועג צו ליטערונג".

זיינע הויפּט־שמועסן האָבן זיך אַלעמאָל געדרייט אַרום בודהאַ, קבלה און טעאָזאָפיע, וואָס האָבן אגב מיך זייער ווייניק אינטערעסירט. צוליב דעם האָט ער קאָנטיק אין יענער צייט, זיך אינגאַנצן נישט אָפּגעגעבן מיט אָריגינעלע שאַפונגען.

איינמאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און מיך אַ פרעג געטאָן:

— איר וואָלט וועלן, איך זאָל פאַר אייך פאָרלייענען אַ פראַגמענט פון דער „בהאַוואַגאַט־גיטאַ — דאָס געטלעכע ליד"?

איך האָב אַוודאי מסכים געווען דערצו. באַוואונדערט זיין לשון. מיר איז אָבער פרעמד געווען די וועלט פון „דאָס געטלעכע ליד", וואָס ער האָט אַזוי פאַרגעטערט און פראַכטפול איבערגעדיכטעט אין אַ זעלטן געלייטערטן, היינטצייטיקן, ריטמישן לשון.

איך האָב אים געדולדיק אויסגעהערט און בדרך אַגב אים שטאַרק דערמוטיקט ממשיך צו זיין אָט־די הייליקע אַרבעט, ווי ער אַליין האָט איר באַנאָמענט. איך האָב אָבער גלייכצייטיק ביי אים אויך גענומען מאָנען אָריגינעלע אַרבעטן אויף יידיש־לשון. וואָס ער האָט דערוויל אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. מיט דער צייט האָב איך אים צונויפגעפירט מיט מיין גוטן חבר, דעם פּאָעט ל. בערקאָוויטש ז"ל, וועלכער איז אויך געווען פאַראינטערעסירט אין דיזעלבע לערעס. עס האָט זיך צווישן זיי אַנטוויקלט אַן אידעאַלע חברשאַפט, וואָס האָט אַגב אָנגעהאַלטן ביז צו דעם סוף פון זייערע טעג — און ביידע האָבן זיי רעגלמעסיק אָנגעהויבן באַזוכן אַ היגן טעאָזאָפישן טעמפּל...

מיטאַמאָל האָט זיך דאָ אַבאַ קליגערס געזונט־צושטאַנד שטאַרק פאַרערגערט. ער האָט באַלד ליקווידירט זיינע „גרויסע" געשעפטן, און גלייך אַריבערגעפאָרן צו זיין שוועסטער קיין ניו־יאָרק.

אין ניו־יאָרק, ווי עס זעט אויס, האָט ער באַלד איבערגעלעבט דעם ווידערגעבורט פון זיין פּאָעטישער שליחות. עס האָט לאַנג נישט גענומען און ער האָט זיך אויפסניי גענומען אָפּגעבן מיט אָריגינעלע שאַפונגען אויף יידיש. ער האָט באַלד אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אַ צאָל זייער געראָ־

טענע לידער אין דער לינקער פרעסע. מיט דער צייט איז ער פון דאָרטן אַוועק. זיינע לידער האָבן זיך אָפּטער געקומען באַווייזן אין אונדזערע היימישע און בעסטע זשורנאַלן.

זיינע לידער האָבן אַלעמען איבעראַשט מיט דער אָפּגעהיטנקייט פון זיין לשון, פאָרם און אינהאַלט, אויף אוניווערסאַלע טעמעס, אויף אַ הינטער־גרונט פון מיסטיציזם.

צוליב דעם אָבער וואָס ער האָט ליידער נישט איבערגעלאָזט זיינע לידער אין בוך־פאָרם, איז פאַר מיר, וואָס לעבט אויף דער פּראָווינץ און קאָן נישט אַלץ האָבן צו דער האַנט, שווער אַצינד זיך אויף זיי צו קאָנצענטרירן, אין דעטאַלן.

אבא קליגערן איז אָבער יאָ געלונגען אַרויסצוגעבן זיינע גאָר געראָטענע איבערדיכטונגען אין צוויי בענדער: „דאָס געטלעכע ליד — בהאַוואַגאַט־גיטאַ" און „דער וועג צו לייטערונג".

זיין באַשיידנקייט אין לעבן האָט אויף אַזוי פיל האַרמאָנירט מיט זיין באַשיידנקייט אין דער ליטעראַטור, אַז כאָטש זיינע איבערדיכטונגען פון אָט־די צוויי פון אים פאַרגעטערטע ספרים, האָבן אַרויסגערופן אַ סך לויב און באַוווּנדערונג ביי אונדזערע בעסטע ליטעראַטור־מבינים, האָט ער זיי פונדעסטוועגן באַצייכנט, נישט ווי איבערדיכטונגען, נאָר „איבערגעגעבן אין יידיש פון אבא קליגער", נישט ווי עס פּירט זיך: איבערגעדיכטעט, אַפילו נישט — איבערגעזעצט, וואָס ווערט געוויינלעך אָנגעגעבן אויף אַזעלכע אַרבעטן.

זיינע ביידע אַריינפירן צו אָט־די צוויי ספרים, אייגנטלעך — גוט אַדורכגעטראַכטע און אויסגעפּירטע עסייען, האָבן אים אויף תמיד צוגע־אייגנט צו דעם סאַמע ווערטפולסטן וואָס מיר פאַרמאָגן היינט־צו־טאָג אין אונדזער עסייאיסטיק. אין אָט־די עסייען זיינע, באַשטעטיקט זיך זיין באַהאַוונטקייט אין אַ סך זאַכן, און טיילט אים אויס ווי אַ שעפערישע פערזענלעכקייט, אַן ערודיט און אויסטייטשער פון גייסטיקע ווערטן, אין וועלכע ער האָט זיך אויסגעלעבט אין זיין גאָרער איינזאַמקייט און שעפע־רישן לעבן, וואָס איז דורכאויס געווען מוסטערהאַפט.

זיין עסיי „דאָס געטלעכע ליד — בהאַוואַגאַט־גיטאַ", טייטשט ער אויס

ווי אַ שליחות אין דער וועלט פון מחשבות, ווי ...דאָס טיף־מיסטישע ספרל פון דער הינדו־אמונה... ער האַלט, אַז ...דער תוכן פון דעם איז, דאָס שליחות צום זוכנדיקן מיסטישן געמיט, וואָס שטייט דערשראָקן און צערודערט אינמיט פון די סתירות פון דעם לעבן... און אַז ...בלויז מיט אינער־חוש קאָן מען עס אויפנעמען...

און נאָר אַ דאַנק דעם וואָס ער גופא איז זיין גאַנץ לעבן געווען באַהערשט פון זיין אייגענעם, סענסיטיוון און איידעלן אינער־חוש, אין שייכות מיט אַ בענקשאַפט און גאַרונג צו וועלן... דערגיין צום תוך פון נישט־פאַרשטענדלעכע זאַכן... ווי אַ צוגאָב צו זיין נייגונג צו מיסטיציזם בכלל, און זיין טאַלאַנט צו קענען זיך אָריענטירן אין אַזעלכע ענינים, איז אים געלונגען זיך איינצולעבן, איבערצודיכטן און אויסטייטשן „דאָס געטלעכע ליד" און „דעם וועג צו לייטערונג", אויף אַזאַ שיינעם און קלאָר־פאַרשטענדלעכן אופן, אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט יאָגאַ, וואָס באַצוועקט צו ...לייזן די חידות און דערגיין צום אורקוואַל פון וויסן, די חכמה נסתרה...

אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, ווי אבא קליגער הויבט דאָ אַרויס דעם יידישן מאָמענט אין דעם געטלעכן ליד — בהאַוואַגאַט־גיטאַ:

...דאָס געטלעכע ליד — שרייבט ער — איז פול מיט יידיש וויסן און חכמה, מיט יידישן בטחון, מיט דער יידישער השגה פון מידת הרחמים. דאָס זינגט אויס די משיח־אידייע...

דער מחבר איז ...זיך מודה, אַז — פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה האָט זיך נישט אָפגעטאָן פון מיר די ציטערניש, דער פחד און שטייגנדיקער יראת הכבוד... פאַר אָט דעם מערקווירדיקן ספר.

צוליב אָט דעם יראת הכבוד זיינעם, ערלעכן צוגאַנג און עכטקייט צום געטלעכן ליד, האָט זיך אים אַזוי איינגעגעבן עס איבערצודיכטן אין אַזאַ פערפעקטער פאָרם.

זיין צווייטער עסיי, א. נ. „בודהאָס וועג צו לייטערונג" איז פאַרטראַכט און אויסגעפירט מיט דער זעלבער התמדה, באַגייסטערונג און פאַרנעם, ווי דער ערשטער.

דער נאָמען בודהאַ, ווערט דאָ אויסגעטייטשט ...גישט ווי נאָן" אַ נאָמען, נאָר אַ מדרגה...

...בודהאַ איז די נישט־שטערבלעכקייט, די שלימות, דאָס ווערן דערלייזט, פריי פון לייד, וועלקונג, אַלטקייט, טויט; ווערן איינס מיט אַלץ, דאָס איז דער אחד — נירוואַנאַ...

אַזוי איז נאָך אַ לאַנגיאָריקער צוגרייטונג און אייגענער באַמיונג פון פאָרשערישער אַרבעט אויף די צוויי דערמאָנטע פון אים פאַרהייליקטע ספרים, אבא קליגער נתגלה געוואָרן ווי אַ פּאָעט און אויך אַ באַגאַבטער עסייאיסט, וואָס איז צושטאַנד געקומען אין אַ רייפן עלטער, און זיך גופא איינגעזאַמלט און פאַראייביקט אין דעם אוצר פון אונדזער קאָלירפולער און רייכער ליטעראַטור אויף יידיש־לשון.

ש. טענענבוים

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען אין ניו־יאָרק, ווינטער 1933, האָט מיך דוד איגנאַטאָוו ז״ל שטאַרק צוגערעדט, אַ איך זאָל צופאָרן אין אַ דערבייאיקן שפּיטאָל זיך באַקענען מיט דעם דיכטער חיים קרול ז״ל.

— פאָלגט מיך און באַקענט זיך מיט אים! ער איז אַ טאַלאַנטפולער דיכטער, זייער קראַנק און איינזאַם. ער וועט אייך זיכער אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס און איר וועט דערביי דערפרייען אַן עלנטן מענטשן.

אויך אליעזר גרינבערג, זיי ביידע צו לאַנגע שעפערישע יאָרן — האָט מיך שטאַרק צוגערעדט צו באַזוכן אין אַן ענלעכן צושטאַנד, דעם איצט גוט באַקאַנטן און שעפערישן שריפטשטעלער — שיע טענענבוים.

— ער איז זייער אַן אינטערעסאַנטער און באַרעדעוודיקער שרייבער און מענטש. שרייבן שרייבט ער — האָט ער שטאַרק באַטאַנט — כמעט פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת...

דעם ערשטן, חיים קרול — האָב איךליידער פאַרשפּעטיקט.

און דעם צווייטן, שיע טענענבוים — האָב איך ערשט שפּעטער אָנגעיאָגט אין מיין היימשטאָט לאָס אַנדזשעלעס.

אַזוי גיך ווי איך האָב זיך דערוווּסט אַז שיע טענענבוים געפינט זיך אין אַ היגן סאַנאַטאָריום, בין איך באַלד אויסגעוואַקסן ביי זיין בעט און מיט אים זיך באַקענט.

און געטראָפן האָב איך אים טאַקעביים שרייבן — אין בעט.

אין לעבן, ווי אין זיין שרייבן — איז טענענבוים אַלעמאָל פאַרוויקלט אין אַ נעץ פון דיכטערישע זעונגען, וואָס גיבן זיך אַלעמאָל אונטער דער דינאַמיק פון זיין לשון, וואָס שפּרודלט פון אים אַרויס מיט דעם אימפּעט פון אַן אומענדלעכן וואַסערפאַל. תמיד האַלט ער דיך געשפּאַנט אין זיין אומגעבונג, מיט דעם צויבער פון זיין פערזענלעכקייט און דעם רייץ פון זיין רייכער ערודיציע, די אַלזייטיקע באַקאַנטשאַפט זיינע מיט די ליטע־

ראַטורן פון אַ סך פעלקער, סקולפּטור, מאַלעריי און ענלעך שייכותדיקע קונסטן.

אַז דו פאַרבלייבסט מיט אים אַליין פּנים אל פּנים, שפּיגלסטו זיך פּשוט אין דעם זינפולן אויפלויכט פון זיינע ברענענדיקע אויגן, וואָס פיבערן מיט דעם אימפּעט פון לעבן, וואָס זוכט און געפינט טאַקע אויך אַן אויסדרוק אין זיין תורה שבעל פּה, ווי שפּעטער — אין זיין תורה שבכתב.

טענענבוים איז אַ געבוירענער באַהעם וואָס אינטריגירט דיך מיט זיין נאַטירלעכער שיינקייט, איידעלער האַלטונג און ציכטיקער הלבשה. זיין גוטסקייט איז נישט קיין געמאַכטע, און ער ווירקט אויף זיין מיט־שמועסער און צוהערער, מיט דער עכטקייט פון זיין איבערלעבונג, וואָס גיט זיך דיר איבער מיט דעם פּאַטאָס פון אַ דורכויסליידנדיקן מענטשן.

צוליב אָט די אייגנשאַפטן זיינע, איז טענעבוים אין לעבן ווייט נישט היינטערשטעליק לגבי זיינע דיכטערישע אַרבעטן אין שריפט. און בשעת ער רעדט צו דיר, לעבסטו בוכשטעבלעך איבער זיינע אַ שילדע־רונג אין שריפט, וואָס ער גופא אימפּראָוויזירט דאָ פאַר דיר בעל פּה, ווי אַרויסגעלייענט פון זיינעם אַ בוך וואָס איז איבערגעלאָדן מיט די דורכזיכטיקע עמאָציעס פון אַ פּאָעט, וואָס אָפּערירט מיט אימאַזשן פון גרויס־קינסטלערישע ווערטן.

שיע טענענבוים איז אויף אַזוי פיל פאַרכאַפּט פון דעם אימפּעט פון זיין שרייבערישער עבודה, אַז ער איז אַלעמאָל און אונטער אַלע אומשטענדן גרייט און קאַפּאַבל צו טראַכטן אין דער הויך, און טאַקע באַלד עס פאַרפיקסירן אויף פּאַפּיר און שריפט.

מיר זענען אַמאָל פאַרבליבן זיצן ביי אַ גלעזל טיי, ביי מיר אין קיך. רופט זיך טענענבוים אָן:

— לאָמיר עפּעס בײדע אָנשרייבן.

— ווי אַזוי איז עס מעגלעך? — פרעג איך אים פאַרוווּנדערט.

— ברענג נאָר אַהער פּאַפּיר, וועלן מיר זען. ווי האָט אַמאָל געזאָגט דער ווילנער גאון: „וויל נאָר וועסטו ווערן אַ גאון“.

אונדזער קיך־טישל האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ שרייבטיש.

בשעת אָבער איך האָב נישט באַוויזן אַרויסצוברענגען קיין צורת אות, האָט זיך ביי טענענבוימען באַקומען אַ פּראַכטפולע מיניאַטור.

דערמיט האָט זיך בולט באַשטעטיקט אליעזר גרינבערגס באַהויפּטונג, אַז טענענבוים שרייבט און קען שרייבן פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת.

בשעת ה. לייוויק איז דאָ אין יענער צייט געווען צוגאַסט, האָב איך אים דערציילט, אַז ש. טענענבוים געפינט זיך דאָ אין סאַנאַטאָריום. לייוויק האָט אויפגעציטערט און באַלד פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן אים גיין באַזוכן. מיר האָבן קיין סך צייט נישט פאַרלוירן, זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ טראַמוויי, אַ היפּשע שטרעקע געדעקט צופוס, באַרג־אַרויף, און זיך גלייך אַריינגעשטעלט צו טענענבוימען אין צימער.

טענענבוים איז געווען טיף גערירט פון איבעראַשונג.

— ס׳איז באמת אַ גרויסער כבוד, — האָט ער געגומען שטאַמלען פון אויפרעגונג — איר האָט עס אָבער נישט געדאַרפט טאָן...

— פאַרוואָס נישט? — האָט לייוויק פאַרוואונדערט געפרעגט.

— צוליב דער גרויסער אָנשטרענגונג פון אייער זייט.

— אַז אַ חבר איז נישט געזונט, — האָט לייוויק געענטפערט — איז פשוט אַ חוב אים צו באַזוכן.

מיר האָבן אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט אין אַ געמיטלעכן שמועס מיט לייוויקן.

די גאַנצע צייט וואָס מיר זענען דאָ געווען צוזאַמען בין איך געווען אונטער דעם איינדרוק, אַז די ווענט האָבן באַקומען אויערן און מיט שפּאַנונג זיך צוגעהערט צו אַלץ וואָס לייוויק האָט דאָ גערעדט און געזאָגט. ש. טענענבוים ווידער האָט דאָ אויך שטאַרק געפיבערט מיט נייגער און וואַד־זיין צו לייוויקס רייד; זיין באַרעדעווודיקייט האָט זיך דאָס מאָל פון אים אָפּגעטאָן... צוזאַמען מיט מיר האָט ער מער געשוויגן ווי גערעדט. אוןביידע האָבן מיר זיך צוגעהערט מיט גרויס דרך ארץ צו דעם לייִדנדיקן דיכטער ה. לייוויק.

מיט דער צייט האָבן מיר זיך אינטים פאַרחברט מיט שיע טענענ־

בוים, און ער איז געוואָרן אַן אַריינגייער און אָפּטער גאַסט ביי אונדז אין הויז.

דער דיבוק מיינער (מיין פרוי) האָט אים אַנדערש אָפּגעשאַצט ווי איך. און אַז מיר האָבן זיך מיט דער צייט מיט אים פאַרהיימישט, האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן „בייבי פעיס". און אַזוי איז ער אין אונדזער געדעכעניש פאַרבליבן: אַ צאַרטער און איידעלער בחור, מיט דעם פּנים פון אַ קינד און די פּאָטענצן פון אַ גייסטיקן ריז — אַ דורכאויס ד י כ ט ע ־ ר י ש ע פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט, מיט אַ גרויס און גוט האַרץ, וואָס שלאָגט פאַר אַלץ און אַלעמען, וואָס לעבט, ליידט און מאַכט זיך נוצלעך פאַר דעם וווּילזיין פון דער וועלט.

שמערקע קאַטשערגינסקי

...אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו...

פאַר אַ שעפערישע פערזענלעכקייט איז קיינמאָל קיין מוז נישט געווען זיך אויפצוהאַלטן דווקא אין דער פערזאָן פון אַ הויכן, ברייטפלייציקן מענטש — אַ גבר.

מיר ווייסן, אין קעגנטייל — פון ביישפילן אין דער געשיכטע פון אַלע פאָרמען פון קונסט, ווו די געניאַליטעט פון שעפערישע פערזענלעכקייטן האָט זיך נישט זעלטן קאָנצענטרירט אין פיזיש שוואַכע, קליינע, טויבע אַפילו — און סתם נישט קיין אויסערלעך שיינע מענטשן.

צוליב דעם זענען אונדזערע חז"ל געווען גערעכט, ווען זיי האָבן געלאָזט פאַלן דעם קלוגן סלאָגאַן, — אַז דו זאָלסט נישט קוקן אויף דעם קרוג נאָר אין דעם וואָס אין אים.

שמערקע קאַטשערגינסקי איז נישט געווען קיין גבר אַ מאַן; ער איז נישט געווען קיין הויכער; קליין אין וווקס, ווייט פון זיין אַ „קראַסאַוויעץ". דערפאַר אָבער האָט ער פאַרמאָגט אַ סך חן. ער איז געווען באַהערשט פון אַ זעלטן גוטמוטיקן שמייכל, וואָס האָט זיין פנים פאַרמילדערט מיט אַ זוניקייט וואָס האָט דיך פאַרכאַפּט מיט דער רחבות פון אַ גוטהאַרציקייט, און האָט דיך ממש צוגעשמידט צו זיין ליכטיקער פערזענלעכקייט. עס איז דעריבער ממש צו באַוווּנדערן, וויפל גבורה, מוט און אויסדויער ער האָט פאַרמאָגט אין זיין לײדער קורצן, אָבער זייער שעפערישן לעבן, וואָס ער האָט אין דער פינצטערער היטלער־תקופה דערפירט צו אַבסאָלוטער העלדישקייט, וואָס האָט נישט זעלטן פאַרשעמט פיזיש הויך־אַנטוויקלטע און געזונטערע מענטשן פון אים.

שמערקע קאַטשערגינסקי האָט ווי אליהו הנביא פאַר מיר זיך אַלעמאָל און אומגעריכט באַוויזן, אין דער פולסטער ליכטיקייט פון זיין פערזענלעכקייט.

צום אַלעם ערשטן — דורך דעם טעלעפאָן, אים נישט קענענדיק אפילו פּערזענלעך.

— דאָס רעדט שמערקע קאַטשערגינסקי פון ווילנע — שטעלט ער זיך פאַר מיר פאָר.

— אין קען אייך דורך אייערע וואַגאַבונדישע לידער און אייער זשורנאַל „ליד".

אַ צווייט מאָל — שוין ביי מיר אין הויז, אין דער סביבה פון מיין פרוי און קינד — ביים טיש.

אַ דריט מאָל — דורך דער לופט־פּאָסט: איך וועל קומענדיקן חודש ווידער זיין אין אַמעריקע, זיך באַמיען קומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, וועלן מיר זיך האָפנטלעך זען.

אַזוי כסדר, זינט ער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די נעגל פון שוואַרצן און אויך רויטן פאַשיזם.

און אַז מיר האָבן זיך ענדלעך באַגעגנט פּנים אל פּנים, איז אונדזער באַגעגעניש געווען אַזוי נאַטירלעך, אָט — ווי מיר וואָלטןביידע אויס־געוואַקסן אונטער דער שויץ פון איין דאַך.

— איר זענט אַוודאי אַ פינפער צי אַ צענער, — גיט ער מיר פּלוצים אַ זאָג (געמיינט: געבוירן אין יאָר 1905, אָדער 1910).

ער בלייבט ווי געפּלעפּט פון גאַפונג, ווען איך זאָג אים מיין עלטער.

— און איר זעט אויס אַזוי יונג! ס'איז באמת צו באַוווּנדערן!

פרייטיק פאַרנאַכט, ביי מיר אין הויז. די שבת־ליכט פלעמלען זיך נאָך. מיר זיצן ביים טיש, נאָך דעם עסן — און וואַרטן אויף געסט. דער אָוונט איז אַ ביסל פאַרנעפּלט און גרוילעך. עס עפנט זיך די טיר און עס קומען אַריין אַ דריי־פיר מענטשן. צוזאַמען זענען מיר אַ האַלבער מנין מענטשן... שמערקע, דער אייביקער ענטוזיאַסט — ווערט אומרויק.

אַז אַלעמאָל פיבערט ער מיט לעבן און איניציאַטיוו!

— לאָמיר עפּעס טון, — טענהט ער צו מיר, און ער מאָנט ביי מיר אַ פּראָגראַם פאַר דעם אָוונט... איך גיב זיך אים נאַטירלעך אונטער, און איך שטעל אים אַליין פאָר.

שמערקע לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן. קודם כל זינגט ער פאַר אונדז

אויס אַ טייל פון זיין רעפּערטואַר. און אַז ער פּאַרטיקט זיך אָפּ מיט זיין זינגען, שטורעמט ער פּאַר אונדז אויס מיט גרויסן אימפּעט אַן אימפּראָוויזירטן, אָבער גאָר גוט אַדורכגעטראַכטן רעפּעראַט, אויף דער פּאַן פון זיינע דערפּאַרונגען ווי אַ פּאַרטיזאַן. צום סוף שלאָגט ער פּאָר, מ'זאָל אים שטעלן פראַגן און ער וועט גערן ענטפערן.

צווישן די געסט האָט זיך געפונען מיין פרויס אַ קרוב, אַ גאָר גרויסער גביר און אַ נאָך גרעסערער — קלאַסישער — חוצפּהניק און עם הארץ. צו אַלע זיבעצן גליקן, איז ער נאָך אַ פאַרברענטער סטאַליניסט — ימח שמם וזכרם...

האָט זיך אָנגעהויבן אַ ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע. דער קליינינקער שמערקע איז אַריין אין זיין ראָלע, און ווי אַ לייב — מיט שלאָגנדיקע פאַקטן, הארץ און נשמה, אָפּגעווענדט אַלע שמד־שטיק און סתם אידיאָטיזמען פון אונדזער אַזוי געריפענעם וויטן קרוב און אַרויפגעאַרבעטן גביר, וועמענס גבירישקייט האָט אים נישט געשטערט צו זיין אַ טויזנט־פּראָצענטיקער סטאַליניסט.

שמערקע האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ סעט ביכער זיינע. און ווייל דער גביר אונדזערער האָט זיך אַזוי געהיצט און קיינעם נישט געשאַנעוועט, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, אים צו באַשטראָפן און אים צווינגען קויפן אָט דעם סעט ביכער קאַטשערגינסקיס. עס איז מיר טאַקע אָנגעקומען שווער, אָבער סוף כל סוף האָב איך ביי אים אַרויסגעריסן 25 דאָלאַר און די ביכער זענען ביי מיר פאַרבליבן, מיט דער הסכמה פון שמערקע קאַטשערגינסקי.

אין קאַפע ביי אַ טישל האָט מיר קאַטשערגינסקי ביחידות דערציילט פון זיין לעבן, דערפאַרונגען און קאַמפן אין וואַלד, צוזאַמען מיט זיין חבר אברהם סוצקעווער.

— מיר פלעגן אָפט אין וואַלד רעדן פון יידישע שרייבער אין דער פרייער וועלט. צומאָל אפילו, איינער פאַר דעם אַנדערן דעקלאַמירן לידער פון זכרון אַרויס, פון וויט־נאָענטע מחברים, אייך אַריינגערעכנט.

— מיר פלעגן אַלעמאָל גיין זאַלבענאַנד, כדי צו פאַרהיטן זיך פון

אייגענע, גויאישע פּאַרטיזאַנער — וואָס זענען נישט זעלטן געווען זייער קעגנעריש צו יידישע פּאַרטיזאַנער...

נאָך מיין באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט שמערקע קאַטשער־גינסקי, האָט זיך צווישן אונדז פאַרבונדן אַן אינטימע חברשאַפט דורך בריוו, וואָס האָט געאָטעמט מיט גאָר אַ סך חשיבות, ווארעמקייט און קעגנזיי־טיקער ליבשאַפט און פאַרערונג.

ווען מיין אַנטאָלאָגיע א. נ. „דריי פּרויען פּאָעטן פון מאָדערנעם יאַפּאַן" איז דערשינען אין מאָנטרעאַל אין יאָר 1952, האָט שמערקע, אין זיין באַגייסטערטן אָפּרוף אין אַ בריוו צו מיר, זיך געהייסן צושיקן אַ צאָל עקזעמפּלאַרן, וואָס ער אַליין האָט פאַרטיילט ...צווישן די גרעסטנסטע יוגנטלעכע און שענסטע טעכטער אין בוענאָס איירעס, אייערע בעסטע לייענערינס און פאַרערער אין מיינע מקומות... וואָס האָבן עס אויפגע־נומען מיט פרייד און באַגייסטערונג.

און אונדזער קאָרעספּאָנדענץ האָט ווייטער אָנגעהאַלטן.

אין אַ יאָר אַרום דערשיינט מיין בוך עסייען א. נ. „יאָ און נישט — ניין". איך שיק שמערקען אַרויס איינע פון די סאַמע ערשטע קאָפּיעס און, ווי אַלעמאָל — מיט גאָר אַ וואַרעמער ווידמונג.

צו מיין ווייטיק און גרויס פאַרדרוס, האָט ער מיר לײדער דאָס מאָל נישט געענטפערט...

פון דאַן אָן און ווייטער, האָט ער מיר אויך קיינמאָל נישט געענט־פערט אויף מיינע נאָכפאָלגנדיקע בריוו...

שמערקע קאַטשערגינסקי, וואָס איז געווען אַ זעלטן לאָיאַלער און איבערגעגעבענער הארציקער חבר — האָט קאָנטיק אויך געליטן פון באַשטימטע מענטשלעכע שוואַכקייטן, פון וועלכע ער איז לײדער נישט אַרויסגעוואָקסן אין זיין לײדער קורצן, אָבער קאָלירפולן לעבן.

מיין השערה איז, אַז ער האָט זיך געפילט געטראָפן דערפון, וואָס מיין ווייניקייט האָט דאַרטן נישט באַוויזן צו רעאַגירן אויף זיינע באמת פאַעטישע ספרים. פאַרענטפערן זיך, איז דאָ נישט שייך. גרעסערע שריפטשטעלער פון מיין ווייניקייט, רעאַגירן נישט און זיי קאָנען נישט רעאַגירן אויף אַלץ וואָס דערגרייכט זיי אין בוך־פאָרם. אין זאַך וויל איך

אָבער יאָ זאָגן און באַשטעטיקן: שמערקעס האַנדלונג בנוגע מיין ווייני־קייט, האָט איבערגעלאָזן אַ שאַרפע וווּנד אין מיין האַרצן, וואָס וועט זיך שוין ליידער קיינמאָל נישט פאַרהיילן, דערצו נאָך צוליב זיין אומגעריכטן און פריצייטיקן טויט היינטערוועגנס, אין דער לופטן, אין דער ווייטער אַרגענטינע, אין אַן אויסגעשפּראָכענער קולטור־שליחות, אין די אינטערעסן פון אונדזער פאָלק.

א. מ. מאַנדעלבוים

די ווונדערבאַרע איבערלעבונג פון אַ זעלטענער פרייד וואָס קומט־אויף אין דיר, ווי אַ פועל יוצא פון די באַציונגען בין אדם לחברו, אָטעמט מיט דעם רייץ פון דער יצירה. און דער, וואָס רופט עס אַרויס אין דיר און איז גורם די זעלטנסטע איבערלעבונג פון אַ יליד אשה — איז אַ צדיק, אין דעם פולסטן זין פון וואָרט.

דאָס לעבן, ווי געוויינלעך — שלאָגט אונדז מיט רשעות אויף אַלע פראָנטן. איז איינער אָבער געבענטשט, צו געניסן פון דער גאָרער גוטסקייט פון אַ זעלטענעם מענטשן, וואָס געפינט זיך אין דער בחינה פון אַ פאַרצייטיקן צדיק — איז ער באמת זוכה צו געניסן פון דעם סאַמע בעסטן פון דער יצירה, אַ קוש פון די געטער...

אין דעם שפּאַן פון מיין באַשיידן און צוריקגעצויגענעם לעבן, האָט מיר אָפּגעגליקט, כאָטש איך ווייס באמת נישט אין וועלכן זכות — צו געניסן פון ד ע ר גוטסקייט פון אַ צאָל מענטשן אַזעלכע. און איינער פון זיי, ווי מיר וועלן באַלד זען — איז אָן יעדן ספק געווען, דער שטילער און באַשיידענער מענטש און ייד, דער פאַרשטאָרבענער זשורנאַליסט א. מ. מאַנדעלבוים.

ווען מאַנדעלבוים איז אָנגעקומען קיין וויניפּעג, ווי דער רעדאַקטאָר פון „דאָס יידישע וואָרט", איז ער נאָך געווען אַ פאַרהעלטנישמעסיק יונגער מענטש, מיט דעם סטאַזש פון אַ געוועזענעם מיטאַרבעטער פון דעם „קענעדער אָדלער" אין מאָנטרעאָל, און דער „יידישער זשורנאַל" אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע. ער איז דאַן אויך געווען אַן אַקטיווער קאָרעס־פּאָנדענט פון דעם ניו־יאָרקער „דער טאָג", ווו עס האָבן זיך רעגלמעסיק געדרוקט זיינע קאָרעספּאָנדענצן פון קאַנאַדע.

ווי אַ פעיקער זשורנאַליסט מיט אַן עטיש־געוויסנהאַפטן איינשטעל בנוגע די פּראָבלעמען וואָס ער האָט באַהאַנדלט, האָט ער זיך גיך אָריענ־טירט אויף די נויטן פון דעם מערב־קאַנאַדער ישוב, וואָס ער האָט באַלד

אָפּגעשפּיגלט אין די פּילפּאַכע אַרבעטן זיינע אין „דאָס יידישע וואָרט״, אין די פון אים אַליין געשריבענע נייעס, לייט־אַרטיקלען, פעליעטאָנען אַנו אַנדערע פאָרמען פון שרייבן, אונטער פאַרשידענע פען־נעמען, וואָס האָבן דער צייטונג געגעבן אַן אייגענעם פּנים און אַרויסגערופן צו זיך דעם גרעסטן דרך ארץ מצד דער עפנטלעכער מיינונג לאָקאַל, און אויך איבער גאַנץ קאַנאַדע.

מאַנדעלבוים איז פון דער נאַטור געווען אַ ברייטהאַרציקער מענטש מיט דער איידלסטער באַציונג צו זיינע מיטמענטשן, שרייבער, און פּאָטענציעלע שרייבער בתוכם — האָט ער קיינמאָל נישט געקאַרגט קיין וואָרט פון דערמוטיקונג. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס צו אָנהויבער; פאַר זיי געעפנט די שפּאַלטן פון זיין צייטונג און זיי דער־נענטערט. און אַז גאָט האָט געהאָלפן און עס איז צו אונדז אַמאָל פאַרפאָרן אַ גאַסט פון ניו־יאָרק, דערצו נאָך מיט אַ נאָמען אין דער ליטעראַטור, האָט ער זיך פּשוט מקריב געווען פאַר זיין וווילזיין. אַזוי איז עס געווען מיט פּראַדל שטאָק און איר מאַן — אַ מאָלער; די הירשביינס און אַנדערע, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אונדזערע גבולן.

ווען איך האָב מיך מיט מאַנדעלבוימען דאַן באַקענט, האָט ער פאַר מ׳ר און די חברים מיינע, ברייט געעפנט די שפּאַלטן פון זיין צייטונג. מאַנדעלבוים איז אגב געווען דער יעניקער, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט מיינע ערשטע צוויי עסייען: וועגן ה. רויזענבלאַט, וואָס איז צו אונדז געקומען אין די אינטערעסן פון דעם ניו־יאָרקער יידישן לערער־סעמי־נאַר — און וועגן דעם ערשטן בוך לידער פון י. י. סיגאַל, וואָס אונדזער קריטיק האָט דאַן כמעט ווי איגנאָרירט, טיילוויז אַפילו מבטל געווען, צוליב זיין יונגשאַפט און געוואַגטקייט צו באַנוצן זיך מיט אומגעוויינלעך ברייטע שורות אין זיינע לידער. און אַני הקטן, האָב מיט מיין גאַנצער יוגנטלעכער חוצפּה אין יענעם ערשטן עסיי מיינעם געוואָגט און געמאָנט ביי ש. ניגער, צו רעאַגירן אויף דעם ערשטן און לויט מיין מיינונג — געראָטענעם לידער־בוך פון דעם שפּעטערדיק באַרימטן פּאָעט י. י. סיגאַל ז״ל.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט מאַנדעלבוימען האָט זיך גאָר גיך פאַרוואַנדלט

אין אַן אינטימער חברשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז צו דעם סוף פון זיינע טעג.

אַלעמאָל, ווען נאָר איך בין געווען פאַרוויקלט אין עפּעס אַ צרהדיקער איבערלעבונג, כאָטש איך האָב נאָך דאַן געלעבט אין דעם הויז פון טאַטע־מאַמע — איז ער אַרום מיר אויסגעוואַקסן ווי אַ גוטער מלאך, אַ צווייטער טאַטע — און זיך ממש מקריב געווען צוליב מיר.

איך האָב איינמאָל באַדאַרפט אַוועק אין אַ שפּיטאָל, דורכמאַכן אַן ערנסטע אָפּעראַציע, אָן דעם וויסן פון מיינע עלטערן. האָט מיך מאַנדעלבוים אַהין געבראַכט אין אַ פּראָסטיקן וועטער, אַרום 6 פּאַרטאָג, און געוואַכט ביי מיין צוקאָפּנס, ביז דער קריזיס איז אַריבער.

און האָט ער פאַרלוירן זיין שטעלע, ווי דער רעדאַקטאָר פון „דאָס יידישע וואָרט״, צוליב אַ סיכסוך מיט דעם סנאָבישן פאַרוואַלטער ה. י. ווײַלדער — איז ער באַלד צוריק אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע פון דעם „יידישער זשורנאַל״ אין טאָראָנטע, אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם ריינווײַן.

מאַנדעלבוים האָט אָבער איבערגעלאָזט הינטער זיך אַ גוטן נאָמען, פון האָבן געווען אַ גוטער רעדאַקטאָר און אָרנטלעכער מענטש, מיט אַ גוט־באַלאַנסירטער האַלב־וועכנטלעכער צייטונג, וואָס האָט אָגב באַלד געדינט ווי אַ מוסטער פאַר דעם נייעם, דאַן נאָך אומדערפאַרענעם רעדאַקטאָר ש. מ. זעלטשען ז״ל, וואָס האָט ממשיך געווען זיין אַרבעט.

אין אַ יאָר־צוויי אַרום בין איך מגולגל געוואָרן אַהער, קיין ל. א. — ווו איך בין אגב באַלד קראַנק געוואָרן.

אויף מאַנדעלבוימען האָט מיין פיזישער צוזאַמענברוך געהאַט אַ שוידערלעכע ווירקונג. און ערשט דאָ האָט ער זיך פאַר מיר פונדער־ווייטנס באַוויזן אין זיין גאַרער שיינקייט און אויך ג ו ט ס ק י י ט.

מאַנדעלבוים האָט זיך, למשל, אַ שטיק צייט פונווייטנס מיט מיר געטיילט מיט זיינע פאַרדינסטן, פרייוויליק.

און אַז מיין לאַגע האָט זיך פאַרערגערט, האָט ער אָן מיין וויסן און אָן מיין הסכמה, אין טאָראָנטאָ דורכגעפירט אַ טעאַטער־בענעפיס־אונטער־נעמונג, מיט דעם אָנטייל פון אַ באַקאַנטער פּאָפּולערער אַקטריסע פון

ניו־יאָרק, לטובת מיין וויניקייט, און מיר צוגעשיקט אַ היפּשע סומע געלט. אַ צייט שפּעטער, האָט ער אויסגענוצט די פרייע צייט פון זיין וואַקאַציע און אַהערגעקומען מיט מיר פאַרברענגען, מיך טרייסטן און דערמוטיקן אין מיין נויט.

אַזוי גיך ווי ער איז אַהער פאַרפאָרן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַ באַשיידענעם האָטעל, מיך באַלד געקומען באַזוכן. און יעדן טאָג וואָס ער איז צו מיר געקומען, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרפעלט, אויסצופּילן די קיך מיט די סאַמע בעסטע און נאַרהאַפטסטע מאכלים...

אָנהויב דרייסיקער יאָרן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין חבר מאַנדעלבוים איז געוואָרן אַ סטאַף־מיטגליד פון דער „פרייהייט"־רעדאַק־ציע, וואָס האָט מיך היפּשלעך שאָקירט. און שאָקירט האָט עס מיך צוליב דעם פּשוטן פאַקט, וואָס איך האָב אים געקענט און געדענקט, ווי אַ יידישן נאַציאָנאַליסט, אין דעם שענסטן און פולסטן זין פון וואָרט. אין מיינע נאָכקומענדיקע בריוו צו אים, האָב איך וועגן דעם נישט גערעדט, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים: איך האָב אים געשאַנעוועט, ווי ער — מיך.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין ניו־יאָרק, אין דעם יאָר 1933, איז שוין מאַנדעלבוים געווען אַרויסגעפאַלן פון דעם רעדאַקציע־סטאַף פון דער „מאָרגן־פרייהייט".

און געטראָפן האָב איך אים אויף יוניאָן־סקווער, אין אַן אָפיס מיט דעם נאָמען „רעד סטאַר פּובליסיטי ביוראָ".

געטראָפן האָב איך אים מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, היפּשלעך פאַר־עלטערט, כאָטש נאָך אַלץ זשוואַוועדיק און זייער רירעוודיק, ביי אַ מימיאָגראַף־מאַשין, ביי דער אַרבעט.

אונדזערע בליקן האָבן זיך מיט חידוש און גאַפונג באַגעגנט. ביידע האָבן מיר אויך געשוויגן. מיטאַמאָל איז ער מיר אַרויפגעפאַלן אויף דעם האַלדז, אויסגערופן מיין נאָמען און — ווי אַ קינד זיך הויך צעוויינט.

עס האָט אונדז ביידע לאַנג גענומען צו קומען צו זיך און צו כאַפּן אַן אויבנאויפיקן און אייליקן שמועס. מיר האָבן אָפּגערעדט ווו־און־ווען זיך צו טרעפן, באַלד נאָך דער אַרבעט.

פאַר מיין אַוועקגיין האָט אָבער אָט וואָס פּאַסירט: מאַנדעלבוים האָט

אַרויסגעכאַפּט אַ טאַש מיט פּאַפּיר־געלט, אים ברייט פאַנאַנדערגעעפנט און מיט האַרץ אויסגערופן:

— נעם, גוטער ברודער, וויפל דו ווילסט! איך קען דאָך דיך און איך ווייס, אַז דו וועסט אַפילו נישט וואַגן צו בעטן אַ הלוואה. מיר איז גוט, זייער גוט. איך אַרבעט פאַר זיך אַליין און איך פאַרדין אַ סך געלט. און דו, — איז ער ממשיך — ביסט מן הסתם אַהערגעקומען צופוס — געהיטשהייקט. זאָג זשע מיר נישט אָפּ. שעם זיך נישט און — נעם. און אויב דו וועסט באַדאַרפן מער, וועסטו עס אויך קריגן.

געריִרט פון זיין האַנדלונג, וואָס האָט ביי מיר אָנגענומען די פאָרם פון אַ מלאך פון גוטסקייט, אין דער שליחות פון אַ מענטשן, אויף וועמען דאָס רשעות פון דער וועלט האָט גאָר געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג, האָב איך נאַטירלעך צוריקגעוויזן זיין אָנבאָט, מיט טרערן אין די אויגן אים פאַרזיכערט, אַז איך נויטיק זיך נישט אין דעם און, שווייגנדיק פון אים אַוועק.

אין מיין געריִרטקייט האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן ווו איך געפין זיך, און זיך באַלד פאַרלוירן אויף די טומלדיקע גאַסן פון ניו־יאָרק. ווי אַ פּועל יוצא דערפון, האָב איך ווו פאַרבלאָנדזשעט, און אפשר דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן נישט אָנגעקומען אין צייט אויף מיין ראַנדעוווּ מיט אים.

א. מ. מאַנדעלבוים האָט אָנגעהויבן ווי אַ שרייבער פון סקיצן, מיט די „יונגע" פון „איסט בראָדוויי".

זיין לעבן ווי אַ שרייבער האָט זיך אָבער אַנדערש אויסגעלייגט; ער איז פאַרבליבן אַ ראַפינירטע רעדאַקציע־האַנט מיט אַ ריינעם געוויסן, אַפילו אין זיין קאָמוניסטישן גילגול, ווען ער איז געווען אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער אין די סאַמע שערי הטומאה פון דער דיסקרעדיטירטער „מאָרגן־פרייהייט".

ד״ר לעאָ בלעסס

ווען איך בין אָנגעקומען קיין לאָס אַנדשעלעס אין די פריע צוואַנציקער יאָרן, בין איך דאָ פלוצים קראַנק געוואָרן.

אין יענער צייט האָט דאָ געלעבט און איז געווען זייער פּאָפּולער, באַליבט און אויך געזעלשאַפטלעך אַקטיוו, ד״ר לעאָ בלעסס.

מיינער אַ פריינט האָט מיך באַלד צו אים אַוועקגעפירט, מיך פאַר־געשטעלט פאַר אים ווי אַ יונגן פּאָעט פון קאַנאַדע.

פון דאַן אָן און ווייטער איז ער פאַרבליבן מיין דאָקטאָר און פריינט, ביז ער האָט עולה געווען קיין ישראל.

ווען איך האָב זיך באַקענט מיט ד״ר בלעססן, האָט ער געטראָגן אַ באַלעבאַטיש בערדל, שוין כמעט קיין האָר נישט געהאַט, פּענסנע־ברילן מיט אַ שוואַרצער לענטע, וואָס האָבן זיך אַגב אויף אים קיינמאָל נישט געהאַלטן. ער איז געווען מיטלוווקסיק, זשוואַווּעדיק, באַרעדעוודיק און זייער אָפּגעלאָזן, ביז צו אַבסאָלוטער צעטראָגנקייט.

זיין קאַבינעט איז אַלעמאָל געווען איבערפולט מיט פּאַציענטן און סתם נודניקעס וואָס זענען צו אים אייביק געקומען; ווער נאָך אַן עצה, ווער נאָך אַ גמילת חסד, און אויך מחברים פון ביכער פון איבער גאָר דעם לאַנד, וואָס זענען געקומען אים אָנבאָטן זייערע ביכער.

— זענט איר, הייסט עס, אַ פּאָעט! — האָט ער גענומען צו מיר רעדן, בשעת ער האָט מיך עקזאַמינירט. און פאַר מיין אַוועקגיין: — אויב איר זענט אַ יידישער שרייבער, זענט איר מן הסתם זיכער נישט קיין גביר. נו, פאַר אַן ערשטן וויזיט — האָט ער שעמעוודיק געזאָגט — וועל איך ביי אייך מער נישט נעמען ווי איין דאָלאַר...

פון יענעם מאָמענט אָן זענען מיר פאַרבליבן אינטימע פריינט און חברים. איבעריק צו דערמאָנען, אַז ער איז פאַרבליבן מיין דאָקטאָר, ביז ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ישראל. ער האָט נישט נאָר ביי מיר מער קיין פעני נישט גענומען, נאָר, נישט זעלטן אַליין אַוועק אָפּט אין דער אַפּטייק,

געקויפט און באצאָלט פאַר די מעדיקאַמענטן וואָס ער האָט מיר פאַר־שריבן, וואָס ער האָט אויף מיר חבריש אַרויפגעצוווּנגען.

ד״ר בלעסס איז געווען אַ מערקווירדיקע, קאָלירפולע פערזענלעכקייט. אַ זעלטן עטישער מענטש, תלמיד חכם, למדן, פאַקטיש — אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע, מיט אַ גאָר זעלטענעם זכרון. ער האָט אַן אָנשטרענגונג אַלעמאָל געקאָנט איבערגעבן אינצידענטן אין דעטאַלן, ווען, ווו און ווי אַזוי, למשל, ער האָט באַזוכט זיינעם אַ פּאַציענט מיט אַ דריי צענדליק יאָר צוריק.

ווי ווינציק ער האָט נישט געהאַלטן פון דעם אָדער יענעם שרייבער, האָט ער קיינמאָל קיינעם נישט אָפּגעזאָגט צו קויפן יענעמס אַ בוך. נאָך מער, ער האָט בדרך כלל נישט זעלטן באַצאָלט מערער ווי יענער האָט ביי אים געבעטן. און אַז עס איז גאָר געווען נויטיק, פלעגט ער פאַרנאַכ־לעסיקן זיין פּראַקטיק און אַליין זיך אַרויסגעלאָזט פאַרקויפן יענעמס בוך.

זיין צעטראָגנקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין באַרעדעוודיקייט און אין זיינע זיך אייביק בייטנדיקע שטימונגען.

און האָט ער אַריינגעקראָגן אַ נייעם בוך, האָט ער נישט געקאָנט באַהערשן צי אונטערדריקן זיין נייגער אים צו לייענען און זיך פאַרטיפן אין דעם. אין אַזאַ פאַל, און דאָס האָט זיך ביי אים טאָג־טעגלעך איבער־געחזרט — פלעגט ער זיך פאַרשליסן אין אַ פּריוואַטן חדר דערמיט, און שעהן לאַנג זיינע פּאַציענטן לאָזן אויף זיך וואַרטן.

זיין פּראַקטיק איז געווען גאָר אַ גרויסע. ער האָט כמעט יעדן טאָג באַהאַנדלט עטלעכע צענדליק פּאַציענטן, נישט צו דערמאָנען די היים־באַזוכן אויף זיין וועג צו דער אַרבעט און צוריק.

אַ סך פון זיינע פּאַציענטן, ווי מיין ווייניקייט — האָט ער גאָר באַהאַנדלט פריי...

אין די אָוונטן האָט ער יאָרן לאַנג געהאַלטן רעפעראַטן איבער ליטע־ראַרישע, פּאָליטיש־אַקטועלע און קולטור־היסטאָרישע טעמעס, ביי די היגע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, ווי דער א. ר. נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

ער איז געווען אויף אַזוי פיל אינפאָרמירט אין נאַציאָנאַלע און וועלט־

לעכע ענינים, אַז ווען אַזאַ ייד ווי ד״ר זשיטלאָווסקי פלעגט צומאָל אַהער אַריבערקומען אויף עטלעכע וואָכן, פלעגט ער זיין אַ בן בית ביי ד״ר בלעססן און שעהן לאַנג מיט אים דיסקוטירן.

ער פלעגט נישט זעלטן טראַכטן אין דער הויך — רעדן צו זיך אַליין.

ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו פאָלקס־לידער און ליב האָבן זיי זינגען פאַר זיך אַליין.

איינמאָל האָב איך אים געטראָפן אין זיין קאַבינעט איינעם אַליין, זייער אַן אויפגעלייגטן, זינגענדיק אַ פאָלקס־ליד מיטן נאָמען „ווו ביסטו געוועזן" מיט אַזוי פיל ברען, האַרץ און נשמה, אַז עס האָבן זיך אים אַזש געגאָסן טרערן פון די אויגן.

— איר ווייסט וואָס, — האָב איך אים פאָרגעשלאָגן — לאָמיר צוזאַמען עפּעס זינגען!

איך בין ראַפּטאַם אַרויפגעשפרונגען אויף זיין באַקוועמען און גרויסן שרייבטיש, און ביידע האָבן מיר אויסגעזונגען אונדזער רעפּערטואַר פון פאָלקס־לידער, ביז צום הייזעריק ווערן... צוליב דעם האָט ער מיך שוין דערנאָך אַהיימגעפירט אין זיין אויטאָ, אין דעם שווערן פאַרנאַכטיקן פאַרקער. מיין האַרץ איז מיר דערביי שיער נישט אַרויסגעפאַלן, ווייל ער איז געווען זייער קורצזיכטיק און גאָרנישט קיין גוטער אַנטרייבער...

אין זיין אייביקער צעטראָגנקייט און זיין פאַרטראָגן אין די עולמות העליונים, האָב איך מיט אים געהאַט אַזעלכע דערפאַרונגען: איך קום צו אים אַמאָל אַריין אין זיין קאַבינעט. לויפט ער צו מיר צו, קוקט מיך גוט און זייער נאָענט אָן, כאַפּט מיך אַרום מיט ביידע הענט, גיט מיר אַ קוש אין שטערן און רופט אויס מיט פרייד:

— אַך! דאָס ביסטו, מיין טייערער! גוט וואָס דו ביסט געקומען. איך וויל דיך טאַקע זען. ער האָט מיך באַלד אַריינגעשלעפּט אין זיין חדר מיוחד, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ גרויסע צאָל פּאַציענטן, פאַרשלאָסן די טיר, מיר אַריינגעהאַקט אַ נייעם בוך אין דער האַנט אַריין און געזאָגט: לייען פאַר מיר פאַר אַ פּאָר קאַפּיטלען פון אָט דעם נייעם בוך.

אַ צווייט מאָל קום איך צו אים אַריין און טרעף אים אין זייער אַ שלעכטער שטימונג. ער באַגעגנט מיך ביי דער טיר, קוקט מיר אַריין

אין פּנים אַריין און פרעגט מיך עפּעס דערשלאָגן מיט זייער אַ נידעריקער שטימע:

— ווער זענט איר, יונגערמאַן? איך האָב איך דאָ קיינמאָל פריער נישט געזען...

איך האָב זיך נאַטירלעך נישט באַליידיקט, חלילה, און באַלד אוועקגעגאַנגען, וויסנדיק אַז אין זיין פאַל מיינט עס אַבסאָלוט גאָרנישט.

איך קריג אַ שווערן אַטאַק אויפן מאָגן. ד״ר בלעסס עקזאַמינירט מיך. ער איז אגב געווען זייער אַ גוטער דיאַגנאָסטיקער, דערצו אויך געוויסנהאַפט און ערלעך. טאָמער האָט ער געצווייפלט אין זיין דיאַגנאָז, האָט ער זיך באַלד פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט אַ ספּעציאַליסט, געמאַכט אַ באַשטעלונג און דיך גלייך אַוועקגעשיקט צו יענעם. ד״ר בלעסס באַשטעטיקט באַלד אַז איך לייד פון שלעכטע אָלסערס אין מאָגן. ער איז געוואָלדיק אומצופרידן פון מיין געזונט־צושטאַנד, פאַרשרייבט מיר אַ שטרענגע דיעטע און אויך אַ ריי מעדיקאַמענטן.

— גיי נישט אַוועק, — זאָגט ער מיר — וואַרט דאָ צו אַ ביסל, וועלן מיר באַלד אַרונטערגיין און איך וועל פאַר דיר אַלץ קריגן, — צוריקהאַלטנדיק ביי זיך די פּרעסקריפּציעס, כדי איך זאָל נישט אַנטלויפן.

אָט די דערפאַרונג האָב איך מיט אים געהאַט אין די דרייסיקער יאָרן, ווען מיר האָבן געליטן פון אַ גרויסן קריזיס און אַרבעטלאָזיקייט איבער דעם גאַנצן לאַנד.

מיר גייען ענדלעך אַרונטער.

— קום מיט מיר אַריין אין רעסטאָראַן, — זאָגט ער מיר — ס׳איז איצט צייט צו עסן.

ער שטעלט זיך מיט מיר אָפּ אין זייער אַ ביליקן רעסטאָראַן אויף מעין סטריט.

— טאָני איז זייער אַ פיינער ערל, — גיט ער מיר צו פאַרשטיין. — ער באַהאַנדלט מיך זייער פיין. און די עסנס — אויסגעצייכנט!

דער פּרייז פון אַ מאָלצייט, האָב איך באַמערקט, דערצו נאָך אַ וואַרעמער מאָלצייט פון זיבן פאַרשידענע מאכילים — 25 סענט.

ער באַשטעלט נאַטירלעך צוויי מאָלצייטן. איינעם פאַר זיך, אַ צווייטן — פאַר מיר...

איך האָב באַלד מיין פּאָרציע אַוועקגעשאָרט אין אַ זייט, נישט געוואָלט זיך צורירן צו דעם.

— פאַרוואָס עסטו נישט? — האָט ער צו מיר אַ טענה.

— פאַרוואָס זאָל איך יאָ עסן, — ענטפער איך אים אָפּ, — איר האָט דאָך מיך ערשט דערקלערט פאַר אַ חולה מסוכן. מיר פאַרשריבן אַ שטרענגע דיעטע און נישט ווינציק מעדיצין.

— שוטה וואָס דו ביסט, — צעשמייכלט ער זיך האַרציק. — וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט? פריער ביסטו געווען מיינער אַ פּאַציענט, האָב איך, ווי דיין דאָקטאָר, דיך באַדאַרפט דערקלערן פאַר אַ חולה. אַצינד אָבער ביסטו מיר בלויז אַ חבר, אַ פריינט, און אויך אַ גאַסט. און אַז איך עס, באַדאַרפסטו מיט מיר אויך מיטעסן...

דער באמת וווּנדערלעכער מענטשן־פריינט און האַרציקער ד"ר לעאָ בלעסס, האָט זיך אויך טיילוויז, מיט אַ האַלבן מויל, ווייל נישט אַקטיוו — באַטראַכט פאַר אַ שרייבער. קיין שרייבער אין אמתן זין פון וואָרט איז ער אָבער נישט געווען, כאָטש ער האָט מיך עטלעכע מאָל דערמאָנט, אַז זיינע אַ דערציילונג צי מער ווי איינע, איז אַמאָל געווען געדרוקט אין דער „צוקונפט", אונטער דער רעדאַקציע פון א. ליעסין, וואָס ער האָט מיר קיינמאָל נישט געוויזן.

ער פלעגט פאַר מיר יאָ פאַרלייענען פון צייט צו צייט זיינע אַ געשרי־בענע זאַך. מיין איינדרוק איז געווען, אַז ער האָט פאַרמאָגט אַ זעלטן רייכע, אַפילו פּאָעטישע פאַנטאַזיע. עס האָט אים אָבער ליידער געפעלט, ווי מע זאָגט — די ראַזשינקע; דער נויטיקער אינסטרומענט — לשון און סטיל — זיינע פאַנטאַזיעס צו געבן דעם געהעריקן אויסדרוק.

און אויב ער האָט דאָ אין שטאָט יאָ צומאָל באַוויזן עפּעס אָפּצודרוקן אין אַ לאָקאַלער אויסגאַבע, ווי, לאָמיר זאָגן, אין דער „פּאָלקסצייטונג", אַ שלעכט רעדאַקטירטע, כמעט אַ בעזגראַמאָטנע צייטונג אונטער דער רעדאַקציע פון ל. בלאַנק, האָט עס אים אַבסאָלוט קיין כבוד נישט פאַרשאַפט.

ער האָט דאָרט, למשל, פּאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט איבער דעם בוך „דער גולם חלומט" פון ה. לייוויק, וואָס איז ווייט נישט געווען בעסער אָנגעשריבן פון די גוט מיינענדיקע, אָבער דורכאויס עם־האַרצישע אַרבעטן פון דעם רעדאַקטאָר גופא.

מיר געדענקט זיך גוט איין פראַזע זיינע אין יענעם אַרטיקל: „ער שרייבט אויף שטאָלצעס".

און נישט קיין אַנדערער ווי ה. לייוויק אַליין, האָט ביי מיר דאַן אָנגעפרעגט אין אַ בריוו צו מיר: „ווער איז עס דער טיטולירטער גראַ־פאָמאַן ביי אייך אין שטאָט?".

איך האָב נאַטירלעך וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט מיט ד"ר בלעססן.

מיט דער צייט האָט ד"ר בלעסס' לאַגע דאָ אין שטאָט זיך עקסטרעם געביטן. ער האָט פאַרלוירן זיין בילד־שיינע פרוי, אַליין קראַנק און האַלב בלינד געוואָרן. דערצו האָט זיך די עלטער אונטערגערוקט. און ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט עלנט, פאַראיינזאַמט און אויך איבעריק אין די אייגענע אויגן.

— ס'איז נישט גוט, מיין פריינט! אָט פאָר איך באַלד אַהיים און ביז מאָנטיק וועט מיין טעלעפאָן נישט קלינגען, קיינער וועט נישט אַ קלאַפּ טאָן אין טיר, מיך נישט באַגריסן און זיך נישט פאַראינטערעסירן אין מיין וווילזיין.

— און די קינדער אייערע?

— זיי זענען שוין, דאַנקען גאָט, זעלבשטענדיק און — אויך זיי באַדאַרפן מיך שוין מער נישט האָבן.

ער האָט מיר אָנפאַרטרויט אַ סוד: ער האָט אָפּגעשפּאָרט צען טויזנט דאָלאַר, און אַז ער פּלאַנירט צו פאָרן קיין מדינת ישראל. ביסלעכווייז האָט ער טאַקע גענומען זיך צוריקציען פון זיין פּראַקטיק און איבערשיקן דעם מעדיצינישן טייל פון זיין רייכער ביבליאָטעק, ווי אַ מתנה דעם אוניווערזיטעט, אין ירושלים.

אַז איך האָב אים אָבער פאָרגעשלאָגן אָנצושרייבן זיינע דערינערונגען, צי אַן אויטאָביאָגראַפיע, אים אַפילו אָנגעבאָטן אַרויסצוהעלפן; עס אויפ־

שרייבן פֿאַר אים אויף מיין שרייבמאַשין, האָט ער זיך פֿונדעסטוועגן שטאַרק אויפֿגערעגט און מיט נישט קיין געמאַכטן כעס מיר איר פּנים אַ שליידער געטאָן:

— דו ביסט משוגע! איך בין נישט קיין אַלטער מאַן! איך בין נאָך אַזוי יונג ווי דו, און איך האָב נאָך צייט אָנצושרייבן מיין אויטאָביאָ־גראַפֿיע, צי מעמואַרן.

ער איז באַלד אַוועקגעפֿאָרן קיין ישראל. עס האָט לאַנג נישט גענומען און ער איז דאָרט געשטאָרבן פֿון אַ פֿאַטאַלן האַרץ־אַטאַק.

אַזוי איז מיט דעם טויט פֿון ד״ר לעאָ בלעסס פֿאַרלוירן געגאַנגען אַן אוצר פֿון ווערטפֿולע קולטור־היסטאָרישע ידיעות, וואָס ער אַליין האָט פֿאַרנאַכלעסיקט זיי צו פֿאַראייביקן אין אַ פּאָטענציעלער אויטאָביאָגראַפֿיע.

נח (נאָום) פינקעלשטיין — דער שריפטזעצער

ער לעבט ווי אין חלום
בייטאָג און ביינאַכט.
זיין עובדא איז זעצן
אין שריפט וואָס עס טראַכט.

דער דיכטער אין לשון
אין זיינעם — פון ייד;
אין לשון פון פראָזע,
ניט זעלטן — אין ליד.

עס רייצט אים די זעונג
פון דיכטער פון וואָרט,
ער גיט איר אַ תיקון
אין בליי אויפן אָרט.

די ווערטער — זיי פירן
אין שורות פון בליי,
וואָס ער דיריגירט דאָ
געמיטלעך און פריי.

ער גיט זיי דאָ לעבן
וואָס וואַנדערט אַוועק
אין לשון פון ביכער —
ווו וועלט האָט אַן עק...

ער פרייט זיך מיט אַלעם
וואָס דאָ ער באַשאַפט
אין בליי, וואָס איז חומר
און לעבט דאַך — ער גאַפט.

יחזקאל בראַנשטיין

פון שורות וואָס רעדן
צו אים אין דער שפּראַך
פון יהואָש דעם דיכטער
פון יידיש — תנ״ך.

ער לעבט מיט דעם חסד
פון יידיש, — ער גלויבט:
אַז לעבן וועט יידיש,
געבענטשט זיין, געלויבט.

פון די וואָס זיי לעבן
אין איר זיך דאָ אויס,
און רימען איר יחוס
וואָס שיין איז און גרויס. —

שריפטזעצעריי ביי יידן איז חוץ אַ קוואַל פון פּרנסה, אין אַ סך פאַלן אויך דערהויבן געוואָרן צו אַ מלאכת הקודש פון אַבסאָלוטן אידעאַליזם, מצד אַ יידישן שריפטזעצער.

סוף צוואַנציקער יאָרן, ווען אין לאָס אַנדזשעלעס האָט נאָך עקזיס־טירט אַ יידיש וואָכנבלאַט, די „קאַליפאָרניער יידישע שטימע״, בין איך אַמאָל אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע און זיך צופעליק באַקענט מיט דעם נייעם שריפטזעצער פון דער צייטונג, וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דעם פריערדיקן שריפטזעצער און שותף צו דער אונטערנעמונג, וואָס איז אגב געווען אַ קלאַסישער עם הארץ און נישט אַרויסגערופן צו זיך דעם געוווּנטשטן דרך ארץ.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ בנעימותדיקער מיטלוווּקסיקער ייד, שטיל און באַשיידן, מיט דער גאָרער גוטסקייט און צניעות אויף זיין פּנים, וואָס האָט דיך ממש פאַרכאַפּט מיט זיין חשיבות, זעלטענער וואַרעמקייט און גאָר פיינעם שמייכל, וואָס האָט ווי פאַר דיר געעפנט אַ פענצטער צו זיין גרויס יידיש האַרץ און נשמה.

— מיין נאָמען איז פינקעלשטיין, — האָט ער מיר וואַרעם געדריקט די האַנט — און איך בין זייער צופרידן אייך צו קענען.

איך האָב זיך שטאַרק פאַרוויטלט און אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס אַזוינס איז אויף אייך די גדולה מיך צו קענען — קאַרג נודניקעס זענען דאָ פאַראַנען אָן מיר?

— וועגן דעם טאַקע האַנדלט זיך! — רופט ער זיך אָן. — לויט די פּאָר כתבים אייערע, וואָס מיר איז דאָ ביז איצט אויסגעקומען אויפצו־זעצן, זעט איר מיר שוין גאַרנישט אויס צו זיין אַ נודניק... איך אַליין, — איז ער ווייטער מוסיף — בין טאַקע נישט קיין שרייבער, בלויז אַ שריפט־זעצער. איך האָב אָבער נישט ליב קיין „בעזגראַמאַטנע" שרייבער מיט פאַלשע פּרעטענזיעס — אונדזער רעדאַקטאָר אַריינגערעכנט... און ווייל איך האָב הנאה פון אויסזעצן אייערע זאַכן, בין איך טאַקע זייער צופרידן אייך אויך צו קענען.

ער האָט מיר פאַרשריבן זיין אַדרעס און מיך באַלד פאַרבעטן צו זיך אין הויז, אין אָוונט, אויף טיי.

דעם זעלבן אָוונט האָב איך שוין פאַרבראַכט אין דער מסיבה פון זיין באַשיידענער און גאָר סימפּאַטישער פאַמיליע; זיך באַקענט מיט זיין ביבליאָטעק און אינטימע יוגנט־חברים זיינע, מיט וועלכע ער האָט זיך געענוג אָנגעפלאָגט, פריער אין אָדעס און דערנאָך אויף קאַטאָרגע אין ווייטן סיביר, ווי אַ פועל יוצא פון זייער אַקטיוויטעטן אין דער אונטערער־דישער פרייהייטס־באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד.

קיין אַמעריקע איז ער אָנגעקומען טאַקע פון סיביר. אַ לענגערע צייט געווען שריפטזעצער אין ניו־יאָרקער „דער טאָג". און פון דאָרטן, דורך באָסטאָן און אַנדערע שטעט ווו ער איז געווען אַקטיוו אין דעם שריפט־זעצער־יוניאָן און אומעטום געאַרבעט ביי זיין פאַך — איז ער אין די שפּעטע צוואַנציקער אָנגעקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, ווו ער האָט אַ לענגערע צייט געאַרבעט אין דער „קאַליפאָרניער יידישע שטימע" און גלייכצייטיק זיך אָפּגעגעבן אין די אָוונטן מיט זיין באַליבטער אַרבעט: צוגרייטן דעם זאַץ און אויסלייגן אין זייטן די פּלאַנירטע ביכער פון אַ ריי היגע יידישע שרייבער.

ווען איך האָב דאָ פאַר פינף יאָר צוריק אַרויסגעגעבן די פּערטליאַ־ריקע שריפט „ל י ד", האָט ער מיט מיר מיטגעפלאַטערט און מיטגעפיבערט מיט דער דערשיינונג פון „ליד", נישט בלויז ווי אַ שריפטזעצער, נאָר ווי אַ מיטשאַפער און באַגייסטערטער שרייבער, וואָס פרייט זיך מיט זיינע שעפערישע מעשים. נאָך מער, ער האָט זיך אָפּטמאָל אויך באַמיט און פאַר אונדז צוגעגרייט ליטעראַרישע יום־טובים ביי זיך אין הויז, לכבוד דער דערשיינונג פון אַ נייעם נומער, און אַלעמאָל געווען דער ערשטער מיט אַ באַשיידענער ביישטייערונג, כאָטש מיר זענען אַלעמאָל געווען שטאַרק הינטערשטעליק אים צו באַצאָלן פאַר זיין אַרבעט...

זיין הויז איז פאַר מיר און מיין פרוי אַלעמאָל געווען אָפן און ביז דעם סוף פון זיינע טעג, האָבן מיר ביי אים אין הויז געפּראַוועט אַלע יידישע יום־טובים, כאָטש ער איז, ווי איך — געווען אַ סעקולערער ייד און אויך אַלעמאָל פאַרבליבן אַן אויסגעהאַלטענער פרייהייטלעכער סאָציאַליסט, מיט אַ שטאַרקער פאַראינטערעסירונג אין אונדזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס אין ארץ ישראל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן מדינת ישראל, וואָס ער האָט געשטיצט מיט אַ ברייטער און אָפענער האַנט אַלע אירע אינסטיטוציעס, אין דער ערשטער ריי דעם הסתדרות־קאַמפּיין און אויך דעם נאַציאָנאַל־פאַנד.

צווישן מיר און אים האָט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט אַזאַ אינטימע חברשאַפט, וואָס איז נישט נאָר זעלטן, נאָר אפשר גאָר מוסטער־האַפט און אַן איינמאַליקע דערשיינונג צווישן צוויי מענטשן פון היפוכ־דיקן עלטער, אָפּשטאַם, דערציונג, אַנטוויקלונג און גורלדיקן איינשטעל אין לעבן.

אין עטלעכע גרונט־אייגנשאַפטן זענען מיר אָבער יאָ געווען און פאַרבליבן שטאַרק ענלעך איינער צום צווייטן: באַשיידנקייט, שנאה צו געלט און צביעות, און גאָרער ליבשאַפט צו יידיש לשון און יידיש שעפערישע מענטשן.

דאָס האָט אונדז געהאַלטן פאַרברידערט אויף תמיד.

— זיין בן יחיד, יאָסל, אַ זעלטן געראָטענער יינגל — וואָס איז כמעט ווי אויסגעוואַקסן אונטער מיינע אויגן — האָב איך אויף אַזוי פיל ליב

געהאַט, אַז ווען ער האָט געהאַט דעם אומגליק אומצוקומען, ווי דער קאַ־פּילאָט פון אַ ב־29, איבער דעם פּאַסיפיק אין דעם יאָר 1945, אין דעם צאַרטן עלטער פון קנאַפּע צוויי און צוואַנציק יאָר, בין איך צוליב דעם שיער נישט פון זינען אַרונטער... איך האָב זיך בלויז געראַטעוועט דערמיט, וואָס איך האָב מיין גרויסן צער פון זיך אויסגעלאָדן אין מיין לידער־בוך „יאָסל", וואָס נח פינקעלשטיין האָט שפּעטער אינגאַנצן פינאַנסירט און עס אליין אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט אַ ריי אַנדערע לידער מיינע, א. נ. „צווישן טאָג און נאַכט".

דער אומגליק מיט זיין זון האָט אים גופא אַזוי צעבראָכן און דערשלאָגן, אַז ער האָט אָנגעהויבן קריגן אָפטע האַרץ־אַטאַקן פון וועלכע ער איז שוין קיינמאָל נישט געקומען צו זיך, כאָטש ווי אַ טיפּישער עניו, האָט ער זייער זעלטן דערפון גערעדט אַפילו מיט מיר, פאַר וועמען ער האָט מער קיין סודות נישט געהאַט.

ער האָט אויך געפירט אַן אינטענסיווע קאָרעספּאָנדענץ מיט די עלטערן פון גאָר אַ סך אַמעריקאַנער יידישע מיליטער־מענטשן, וועמענס קינדער האָבן געטיילט דעם גורל פון זיין אייגענעם זון יאָסל, און אַרויסגעגעבן אַן אַלבאָם מיט זייערע ביאָגראַפיעס און בילדער אויף ענגליש.

אויב ס'איז אמת, אַז די וועלט האַלט זיך אויף דעם זכות פון די ל"ו צדיקים, איז נח פינקעלשטיין אָן יעדן ספק געווען איינער פון זיי.

און געווען איז ער דאָס, טיילוויז, צוליב זיין פענאָמענאַלער גוטסקייט, וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין גרענעצן — און אויך אַ זעלטענער מתן בסתר, כאָטש ער האָט עפנטלעך געשטיצט אַ צאָל קולטור־אינסטי־טוציעס איבער זיינע כוחות, מיט וואָס ער האָט נישט זעלטן אומדירעקט פאַרשעמט אַ סך פאַרמעגלעכערע — ג ב י ר י ם — שטאָט־באַלעבאַטים, וואָס קאַסירן איין אַ סך „פּובליסיטי" ביי אונדז, פאַר גראַשנס...

ווי אַ שריפטזעצער ביי יידן, וואָס איז באַזעסן דעם סטאַזש פון האָבן געהאַט די זכיה נאָר אויסצוזעצן אין האַנט־זאַץ, אין אַדעס נאָך — די ערשטע כתבים פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן זיידן מענדעלע מוכר ספרים, און פאַרענדיקן דאָ, אין לאָס אַנדזשעלעס, ביים אַרבעטן אויף

מיינע ביכער און די ביכער פון כמעט אַלע היגע יידישע שרייבער, איז ער אָן יעדן ספק געווען אַן אידעאַליסט אַ שריפטזעצער, ביי וועמען דער געלט־ענין איז נישט געווען קיין עיקר, נאָר אין קעגנטייל — אַ נעבן־זאַך.

ביים אויסזעצן אַ געראָטענעם ספר, האָט ער ממש געפיבערט פון פרייד און הנאה, אָט — ווי עס וואָלט געווען אַן אייגענע דערגרייכונג.

מיט באַגייסטערונג פלעגט ער רעדן דערפון, אַריינגעלייגט זיין גאַנץ געזונט דערביי, און נישט זעלטן אַפילו מקריב געווען אַ גרויסן טייל פון זיינע מאָגערע פאַרדינסטן, כדי צו דערמעגלעכן די דערשיינונג פון אַזאַ ספר.

איז אים אָבער אַריינגעפאַלן אַ שלעכט בוך צום זעצן, איז ער געווען מוטיק גענוג און ערלעך גענוג, אָפּצורעדן אַזאַ מחבר, צו מאַכן די הוצאה פון אַרויסגעבן אַזאַ בוך.

— צו וואָס טויג עס אייך, — פלעגט ער טענהן — אַז עס האָט נישט קיין ווערט...

איז ער טאַקע צוליב דעם אָפּט געווען אויף צרות, און שטאַרק געליטן מאַטעריעל.

זיין באַציונג צו זיין שריפטזעצעריי איז געווען אויף אַזוי פיל אידעאַליסטיש, אַז ער האָט אַפילו, כמעט אומבאַצאָלט, אַליין צוגעגרייט דעם זאַץ אין געשניטענע בוך־זייטלעך, כדי צו פאַרגרינגערן דעם מחבר אַרויסצוגעבן זיין בוך. ער פלעגט זיך אַפילו מתעסק זיין, ביים העלפן אויסקלייבן און איינקויפן פאַפּיר פאַר אַ מחבר, אויסדינגען דעם איינבונד פון בוך און דערנאָך עס רעקאָמענדירן זיינע פריינט עס צו קויפן...

און איצט, אַז ער איז ליידער שוין מער נישטאָ — ליידן טאַקע אונדזערע היגע יידישע שרייבער, וואָס האָבן אין אים פאַרלוירן אַ גרויסן פריינט און אַרויסהעלפער, ביי דעם געבורט פון זייערע פלאַנירטע ביכער.

און אונדזער ליטעראַטור אין אַלגעמיין, האָט אין אים פאַרלוירן אַ זעלטענעם פאַרערער און אָפּנעמער פון יידישן בוך, וואָס ער האָט געשטיצט ביז דעם סוף פון זיינע טעג.

הרב ברוך לייבאָוויץ

אין מיין סעקולאַרן לעבן ביז איצט, האָב איך זיך ערשט די לעצטע עטלעכע יאָר פאַרחברט מיט אַן אָרטאָדאָקסישן רב — ר׳ ברוך לייבאָוויץ ז״ל.

ווען מיין יינגל איז אַלט געוואָרן אַ יאָר 11—12, איז ער געווען אַ תלמיד פון אַ היגער תלמוד־תורה, אין דעם סיני־טעמפל.

אַלעמאָל ווען עס איז דאַן געפּראַוועט געוואָרן אַ בר־מצווה אין דעם סיני־טעמפל, בין איך צוליב מיין יינגל געווען געצוווּנגען צו קומען שבת אין שול אַריין, ווו דער בר־מצווה־יינגל איז אויפגערופן געוואָרן צו דער תורה און נאַטירלעך אויך בייגעווען ביי דעם לעקעך־און־בראָנפן, וואָס איז לכבוד דער בר־מצווה דורכגעפירט געוואָרן.

אין איינעם אַ שבת אינדערפרי בין איך דאָרט געשטאַנען פאַרווינקלט מיט מיין יינגל און מיט אים פאַרפירט אַ שמועס, אויף יידיש, נאַטירלעך.

מיטאַמאָל האָב איך דערפילט אויף זיך די וואַרעמע בליקן פון אַ היימישן יידן, וואָס האָט מיר אָפּגעגעבן אַ האַרציקן שלום עליכם אויף אַזאַ מין אופן:

— אַ יינגעלע וואָס רעדט אַזאַ פיינעם יידיש, דערצו נאָך אין טעמפל ווו עס ווערט קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט אויף יידיש לשון, מוז האָבן אַ פיינעם טאַטן. צוליב דעם וויל איך זיך טאַקע מיט אייך באַקענען.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מיטלוווּקסיקער ייד מיט לאַכעדיקע אויגן, וואָס האָט ממש געפּיבערט מיט פרייד, בשעת ער האָט זיך אַליין פאַר מיר פאָרגעשטעלט. ער האָט אָבער דערביי אויך נישט פאַרפעלט זיך צו באַקלאָגן איבער דעם חוזק פון יידישקייט אין אָט דעם טעמפל, וואָס שפּרינגט ממש פון דער הויט אַרויס אין זיין באַמיונג צו ווערן זיין ככל הגוים...

— וואָס זשע טוט איר דאָ? — האָב איך פאַרוווּנדערט אים אַ פרעג געטאָן.

— צוליב מיינעם אַ פריינט, — האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן — וואָס פראַוועט דאָ זיין יינגלס בר־מצווה.

באַלד נאָך שבת, האָט מיר רבי לייבאָוויץ טעלעפאָנירט. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אָפט באַגעגענען, און עס האָט זיך פאַרבונדן אַ חברשאַפט צווישן אונדז ביידע.

רבי לייבאָוויץ איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישער רב מיט אַ וועלטלעכער בילדונג אין אַ צאָל שפּראַכן, דערצו נאָך אַ חסיד. אָבער — אָן אַ קהילה און אויך אָן פּרנסה...

רבי לייבאָוויץ האָט פאַרמאָגט אַ רייכע תלמודישע ביבליאָטעק, פאַרזייט מיט אַ סך ספרים אויף יידיש.

און כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, האָט ער פונדעסטוועגן אַלעמאָל צוגעקויפט נייע ספרים, אַפילו יקר המציאותן, איבער וועלכע ער האָט ממש געציטערט פון פּיעטעט.

מיט דער צייט האָבן מיר זיך גענומען בייטן מיט ביכער. ער האָט געליייענט אַ טייל פון מיינע ביכער, און איך האָב פון צייט צו צייט זיך מתדבק געווען אין זיינעם אַ ספר.

און הגם ער איז געווען כמעט ווי הילפלאָז בנוגע זיין אייגענער עקאָנאָמיק, איז ער אָבער געווען אַ גרויסער בעל מידות און בריה, צו שאַפן מיטלען פאַר אַנדערע נויטבאַדערפטיקע יחידים, אַפילו פאַמיליעס.

הרב ברוך לייבאָוויץ האָט נישט איינמאָל פאַרבויגן זיין כבוד און זיך איינגעשטעלט ביז קריגעריי, פאַר דעם וווילזיין און כבוד פון אַנדערע.

ער האָט צומאָל ממש נישט גערוט, ביז ער האָט אַ סך אַנדערע מענטשן באַזאָרגט מיט ברויט, אַ ביסל געלט, אַ דאָקטאָר און אַפילו מעדיצין — ווען עס איז געווען נויטיק.

יאָרן לאַנג איז ער און זיין פרוי געווען אַן אַריינגייער אין אַ ריי היגע שפּיטאָלן; באַזוכט עלנטע און הילפלאָזע, קראַנקע יידישע מענטשן; זיי באַזאָרגט מיט אַ סך קלייניקייטן און פאַר זיי געווען אַ טרייסט אין זייער נויט און הילפלאָזיקייט, אין אַ גרויסער צעוואָרפענער שטאָט מיט אַן אָנגעלאָפענעם יידישן ישוב.

מיט דער צייט איז הרב ברוך לייבאָוויץ געווען געצוווּנגען איינצו־

אָרדענען אַן אָרטאָדאָקסיש שולעכל מיט אַן אָרון קודש, ספר תורה און באַלעמער, ביי זיך אין הויז. מיט דעם אויסנאָם פון ראש השנה און יום כיפור, איז אים אָבער ליידער צומאָל שווער געווען צוזאַמענצוברענגען אַ מנין צו דאַווענען בציבור.

און אַז מיין אייגענער יינגל האָט זיך מתקנא געווען אין זיינע חברים און ער האָט פאַר זיך אַליין באַשלאָסן צו פּראַווען אַן אייגענע בר־מצווה, האָט רבי לייבאָוויץ אַליין וואָלונטירט אים צוצוגרייטן פאַר דער בר־מצווה אומבאַצאָלט, וואָס מיר האָבן טאַקע געפּראַוועט ביי אים אין שולעכל מיט גרויס דערפאָלג.

פון צייט צו צייט פלעג איך צו אים אַריינפאַלן אַ שבת צי יום־טוב ביי טאָג. ביי אַ גלעזל טיי פלעג איך פון אים הערן אַ ביסל דברי תורה. זאַלבענאַנד פלעגן מיר זיך פאַרוויילן ביים אויסזינגען שוין באַלד פאַרגעסענע, חסידישע און פאָלקס־ניגונים, אויך היימישע פאָלקס־לידער.

זיין הלבשה איז געווען היימיש און שטרענג אָרטאָדאָקסיש, וואָס האָט אים אַגב אויך געפּאַסט, ווייל ער איז געווען אַ גאָר שיינער מאַנסביל.

און אַז איך האָב אים באַקענט מיט מיין פרוי און זי האָט אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט, איז איר האַנט געבליבן פאַרשעמט אין דער לופטן...

— איך בין, פאַרשטייט איר מיך, אַ חסיד, — האָט ער זיך רויטלענדיק פאַרענטפערט — וועט איר מיר מוזן פאַרגעבן...

זיין חסידות האָט אים אָבער נישט געשטערט מיט איר צו פאַרפירן אָפט לענגערע דיסקוסיעס איבער וועלטלעך יידישע ענינים, ווי מיט זיינס גלייכן.

אין דעם אויפלעב פון מדינת ישראל, האָט הרב ברוך לייבאָוויץ בלויז געזען די אתחלתא דגאולה, אָבער ...נישט די אמתע גאולה...

פון די נטורי קרתא האָט ער אגב ממש געלאַכט, זיי אַפילו מיט חוזק מבטל געווען:

— זיי זענען ווילדע מענטשן, — פלעגט ער מיר זאָגן — אַ קנאַפּער כבוד פאַר אונדזער רעליגיע.

זיין עניות האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער אייגנאַרטיקייט פון זיין כאַראַקטער.

ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן די אַמעריקאַנער אומ־שטענדן. זיך באַמיט צו גיין קעגן שטראָם פון צביעות, און צוליב דעם געלעבט אין דחקות. אַזוי ווי ער איז אָבער געווען אַ מסתפק במועט, דערצו נאָך אַן עכטער חסיד — האָט ער זיין אָרעמקייט פאַרזונגען מיט דעם געזאַנג פון חסידות, מיט ברען, גרויס התלהבות און דבקות. אין קלויז —ביים דאַווענען. אין הויז — ביי זיין אָרעמען טיש און נישט זעלטן אַפילו, אויך אין גאַס...

איך האָב אים דאָ אַמאָל געטראָפן אין זיין סוכה מקבל שבת זיין — ביחידות דאַווענען מעריב מיט אַזאַ דבקות, אַז איך האָב בשעת מעשה פאַרלוירן מיין לשון... אַפילו מיין ייִנגל וואָס איז דאַן אַלט געווען 12 יאָר, איז אויך דורכגענומען געוואָרן פון אַ רעליגיעזן ציטער און גרויס דרך ארץ פאַר אים, אין דעם מיסטעריעזן עקסטאַז פון זיין חסידישן דאַווענען.

זיין השקפה אויף דעם לעבן האָט זיך ביי אים אויסגעדריקט אין קאָנקרעטע מעשים. ער האָט, מיט אַנדערע ווערטער, געלעבט, ווי ער האָט געטראַכט. צוליב דעם האָט זיין חסידות געהאַט אַ פנים, און די נאַטירלעכע חדוה זיינע האָט גובר געווען און פאַרטריבן פון אים די עצבות, וואָס וואָלט זיך אין זיין פאַל זיכער באַרעכטיקט, אַ דאַנק די גרויזאַמע אומשטענדן פון זיין עקאָנאָמישער אומבאַהאָלפנקייט.

— נישט געזאָרגט, ר׳ יחזקאל, — פלעגט ער צו מיר אַלעמאָל טענהן — השם יתברך וועט העלפן. כאָטש איך גאָט ווייס דעם אמת, אַז עס האָט אים אַליין צומאָל פשוט אויסגעפעלט דאָס סאַמע נויטיקסטע צום לעבן...

סוף כל סוף איז דאָס אומפאַרמיידלעכע געקומען: דער איידעלער, באמת פרומער און אויך גוטער הרב ברוך לייבאָוויץ, האָט אָנגעהויבן אָפּט זיך צוזאַמענברעכן. מיט דער צייט איז ער טאַקע אָנגעקומען אין אַ שפּיטאָל מיט דעם ערשטן האַרץ־אַטאַק, וואָס האָט זיך לײדער צו אָפט אָנגעהויבן איבערחזרן.

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע, לויט דעם נוסח פון אַ פאָלקס־אויסדרוק ביי די אַנגלאָ־זאַקסטן, אַז — „טהי וואורסט איז יעט טו קאַם״ — דאָס ערגסטע וועט נאָך קומען.

קום איך אים איינמאָל באַזוכן אין שפיטאָל און — איך בלייב פאַרטשמעליעט...

דער היימישער תלמיד חכם הרב ברוך לייבאָוויץ, דער בן תורה און באַרעדעוודיקער חסיד — כאַפּט זיך מיט מיר האַרציק אַרום. ער ווערט אָבער באַלד באַהערשט פון אַן אומגעריכטער חדווה. ער שאַרט אַוועק זיינע ספרים, קריכט אַרויס פון בעט און מיט חסידישער נישט־געמאַכטער התלהבות, הויבט ער אָן טאַנצן און זינגען, אַז עס איז מיך אַזש באַפאַלן אַ געוויין...

איך האָב שוין צוליב דעם נישט געקאָנט מיט אים לאַנג פאַרברענגען, מיט אַ ווייטיק אין האַרצן פון אים אַוועק.

און אַז ער איז אין עטלעכע וואָכן אַרום אַרויס פון שפיטאָל, האָט אים אַ מאָדנער אומרו פון הויז אַרויסגעיאָגט. ער האָט זיך תמיד אַרומ־געשלעפּט אויף די גאַסן, אָפטמאָל געבלאָנדזשעט, אַפילו צומאָל אַליין נישט אַהיימגעקומען...

פון צייט צו צייט איז ער מיך פונדעסטוועגן געקומען באַזוכן.

און ביי מיר אין הויז האָט ער זיך אויך אויפגעפירט ווי אין שפיטאָל: געטאַנצט און געזונגען, אַפילו צוגעפּאַטשט מיט די הענט...

עס האָט אַפילו אָפטמאָל געטראָפן, אַז ער איז פון מיין הויז אַוועק אין די הוילע אַרבל, מיט דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ, לאַנגע אַרבע כנפותן וואָס האָבן זיך געבלאָזן אין ווינט, און אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג ביי די מענטשן אין גאַס...

פון צייט צו צייט פלעג איך אים אויך באַמערקן פאַרחושט אויף דער גאַס, אַ פאַרשוויצטן, מיט אַ שטעקן אין האַנט און אַ קוישל אויף רעדלעך, מיט ספרים אָנגעפּראָפּט...

זיין פרוי, אַן אמתע צנועה און זעלטענע אשת חיל — האָט נאַטיר־לעך זייער געליטן דערפון.

אַלעמאָל, ווען איך פלעג אים לעצטנס קומען באַזוכן און שוין נישט

טרעפן אין דער היים, האָט זי ממש געציטערט פון בושה, עגמת נפש און פאַרדראָס.

— השם יתברך זאָל זיך מרחם זיין אויף אונדז, — איז איר תפילה געווען.

איר תפילה איז אָבער לײדער נישט באַוויליקט און אויך נישט אָנגענומען געוואָרן...

איינמאָל, ערב ראש השנה, האָב איך זי געטראָפן ביים פאַנאַנדער־טיילן אירע אייגנהאַנטיקע, געשמאַקפול אויסגעבאַקענע חלות אויף יום־טוב, אין באַזונדערע פעקלעך.

— דאָס האָב איך צוגעגרייט חלה פאַר עטלעכע נויטבאַדערפטיקע משפחות, — האָט זי מיר דערציילט. — אויב ס'איז פאַר אייך נישט שווער, — האָט זי מיר אגב אורחאדיק אַ זאָג געטאָן — וואָלט איך אייך געווען זייער דאַנקבאַר פאַר אייער טירחה מיטצונעמען אָט דאָס פעקל פאַר אייער שכן. זיין פרוי איז נעבעך אין שפּיטאָל, און ער וועט נישט עסן קיין געקויפטע חלה...

דאָס לעצטע מאָל וואָס הרב ברוך לײבאָוויץ איז ביי מיר אין הויז געווען צוגאַסט, האָט ער געפיבערט מיט אַן אידעע־פיקס, צו ...לויפן ווי אַ קאַנדידאַט פאַר אַ קאָנגרעסמאַן.

— דער פּרעזידענט האָט מיך איינגעלאַדן אין ווייסן הויז! איך אַליין דאַרף באַשטימען, צי איך זאָל פליען, אָדער פאָרן קיין וואַשינגטאָן... מ'האָט שוין געדונגען אַ גרויסן זאַל אין שטאָט, וווּ איך וועל אָנהויבן מיין קאַמפּיין...

מער האָב איך לײדער הרב לײבאָוויץ נישט געזען.

די גריסן פון גאַס וועגן אים און זיין אויפפירן זיך, זענען אָבער געווען נישט קיין גינסטיקע. פאַקטיש — זייער און זייער טראַגישע...

און אַז איך האָב דאָ נישט לאַנג צוריק דערמאָנט זיין נאָמען ביי אַ צווייטן אָרטאָדאָקסישן רב אין הויז, האָט מיר דער לעצטער דערציילט: רבי ברוך לײבאָוויץ איז לעצטן זונטיק נפטר געוואָרן.

עס האָט מיר אַ שניט געטאָן אין האַרצן און איך בין געבליבן ווי פאַרגליווערט אויפן אָרט.

דעם קומענדיקן פרימאָרגן בין איך אַוועק מנחם אָבל זיין די אלמנה. און געטראָפן האָב איך זי אַ פאַרחלשטעביים זיצן שבעה איבער אַ ספר, וויינענדיק און צעבראָכן — צוזאַמען מיט אירע צוויי פאַריתומטע זין. דער עלטסטער — אַ פּראָפעסאָר פון פסיכיאַטריע אין אַן אוניווערזיטעט אין דער מידלוועסט. דער יונגסטער — אַ רב אין ניו־יאָרק.

ווי עס זעט אויס, האָט אים דער מלאך המוות אָנגעיאָגט אויף דער גאַס, אַ פאַרחושטן, מיט אַ שווערן האַרץ־אַטאַק.

אַזוי גיך ווי ער איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל, איז ער נפטר געוואָרן אויף אַ משונהדיקן אופן, אין דער פרעמד, נישט ווייט פון זיין לעצטער וווינונג.

מיין ברודער מענדל — דער אַנאַרכיסט

אויף וויפל מיר געדענקט זיך, איז מיין עלטערער ברודער מענדל — דער צווייטער אין ריי פון זעקס ברידער — געווען דער באַשיידנסטער, שטילסטער און, עס זאָל אים צו קיין גנאי נישט זיין — דער סאַמע ניט גערעאָטנסטער.

צווישן אים און אונדזער פאָטער ז״ל, איז עפּעס אַלעמאָל אָנגעגאַנגען אַ שטילע מלחמה. צייטנווייז — אַפילו אַ ברוגז. צום אַלעם ערשטן — צוליב זיין „פאַרשטאָפּטן קאָפּ״. און שפּעטער — צוליב זיין פריען אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

פון מיין פריסטער יינגלשאַפט געדענק איך, ווי מיין טאַטע פלעגט זיך כעס׳ן און זיך אייביק סוד׳ן מיט דער מאַמען וועגן אים.

זיך אַליין געדענק איך ווי אַ פאַרטראַכטן, כמעט מעלאַנכאָלישן יינגל. וואָס פלעגט אָבער מיט אַלע חושים פאַרשלינגען דעם גאַנצן אַרום אַרום זיך, אין מיין אויג פאַרשפּיגלען סצענעס און בילדער, קריגערישע און אויך פרידלעכע סיטואַציעס, וואָס טויכן צומאָל אויף אין מיין זכרון. וועגן איין מאָמענט אַזאַ, וואָס האָט אַ דירעקטן שייכות מיט מיין ברודער מענדל, וועל איך דאָ דערציילן.

מיר האָבן געוווינט אין אַ גרענעץ־שטעטל, נאָוואָסעליץ, בעסאַרביע, אַמאָליקע רוסלאַנד.

ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ נעסט פון פעקל־מאַכערס, וואָס פלעגן זיך ספּעציאַליזירן אין אַריבערשמוגלען (אָפט אויף יענער וועלט אַפילו) מענטשן איבער דער גרענעץ, און אויך סחורות פון עסטרייך— נאָוואָסעליץ — צו אונדז.

צוליב דער גרענעץ איז ביי אונדז אין שטעטל געווען די רעזידענץ פון דעם גובערנאַטאָר, וואָס פלעגט אָפט אָנוואַרפן אויף אונדז אַ שרעק, און אויך צוניץ קומען אין אַן עת צרה. מיר האָבן אויך געהאַט אַ „קאַזיאַ־

נעם רבֿ״ — אַ ראַבינער — וואָס פּלעגט האַלטן אַן אויג אויף אַלץ און אַלעמען, דער עיקרשט — אונדזער יוגנט. באַלד נאָך דער רעוואָלוציע האָט זיך אַגבֿ באַשטעטיקט, אַז ער איז געווען אַ שפּיאָן און באַדינט די צאַרישע „אָכראַנקע״. די טאַטעס אונדזערע האָבן אַגבֿ, ווייזט אויס, דערפֿון געוווּסט. צוליבֿ דעם האָבן זיי נאַטירלעך געמוזט האַלטן אַ וואַך אויג איבער זייערע קינדער. דער עיקרשט די בחורים.

איינמאָל אַ שבת, באַלד נאָך דעם עסן און זינגען זמירות, האָט זיך מיין ברודער מענדל עפּעס אומגעריכט אַוועקגעשלייכט פון טיש און געפּרוווט אַוועקגיין.

דער טאַטע אונדזערער האָט עס באַלד דערשמעקט און אים גלייך צוריקגערופֿן. די שטימונג איז געוואָרן אַ שווערע און אַ געדריקטע. די פּנימער — אומרויִק און נערוועז. מיר האָבן באַלד אויף גיך אָפּגעבענטשט מזומן. און נאָך איידער די מאַמע אונדזערע האָט צייט געהאַט אָפּצוראַמען דעם טיש, איז אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן טאַטע און זון — מיין ברודער מענדל. עס האָט לאַנג נישט גענומען און... מיין ברודער מענדל איז פאַרבליבן אין זיין הינטערוועש. מיין טאַטע האָט אים איינפאַך געצוווּנגען זיך אויסצוטאָן אין קאַמער, אים אַרויפגעיאָגט אויף דעם בוידעם פון אונדזער באַשיידן שטיבל, צוגענומען די קליידער זיינע מיט דער לייטער און אים דאָרט אַליין איבערגעלאָזט ביז שלוש סעודות.

אויף מיר האָט דאָס בילד געמאַכט אַ טשיקאַווען און שווערן איינדרוק. מיין אַמביציע איז געוואָרן, אויסצוגעפינען און צו דערגיין דעם סוד פון אָט דער באַשטראָפונג מצד מיין טאַטן. עס האָט לאַנג נישט גענומען און באַלד איז דער באַשייד געקומען:

— דער קדיש דיינער, — האָט מיין טאַטע דערקלערט דער מאַמע מיינער — איז אַן אַנאַרכיסט. פּאָניע גנבֿ געפעלט אים נישט און ער וויל מאַכן אַ רעוואָלוציע. דער קאַזיאָנער ראַבינער, מעגסטו וויסן, האַלט אויף אים אַן אויג. און דווקא היינט — אום שבת! — האָט זיך אים פאַרוואָלט גיין צו אַ געהיימער, אַנאַרכיסטישער פאַרזאַמלונג. ווער ווייס, — האָט ער אַ זיפץ געטאָן פון האַרצן, און דערביי האָבן זיך מיין פרומער מאַמעס אויגן מיט טרערן פאַרפּערלט — מיט וואָס עס וועט זיך נאָך ענדיקן...

אַזוי האָט מיין ברודער מענדל געמאַכט זיין התחלה אין זיינע קאָליר־פולער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס ציט זיך פון שטעטל דורך קאַנאַדע, ביז שיקאַגע, ווו ער איז היינט טעטיק אַרום דעם שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט, ייוו״אָ און ענלעכע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

ביז איצט דערשינענע ביכער פון יחזקאל בראָנשטיין

לידער:

פון דער פרעמד — 1929

וואַגאַבונדיאַדע — 1935

לידער פון אַ וואַגאַבונד — 1940

צווישן טאָג און נאַכט — 1949

דריי פּרויען־פּאָעטן פון מאָדערנעם יאַפּאַן — 1952

עסייען:

אימפּרעסיעס פון אַ לייענער — 1941

געהיימשטאַט פון אברהם סוצקעווער — 1952

יאָ און נישט — ניין — 1953

אונטער איין דאַך — 1956

אינאיינעם און באַזונדער — 1960

E. BROWNSTONE,

350 No., Sweetzer Ave, Los Angeles 48, Calif.

ביז־היינט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „מנורה":

אַנאַ פראַנק — **טאָגבוך פון אַ מיידל.**

ש. פראַנק — **טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ.**

באָריס פּאַסטערנאַק — **דאָקטאָר זשיוואַגאָ, 2 בענד.**

מ. מאַן — **דאָס הויז צווישן דערנער, 18 ישראל־נאָוועלן.**

ראָבערט סענט דזשאָן — **דוד בן־גוריון** (לעבנסגעשיכטע פון אַן אומגעוויינלעכן מענטש).

מיכאל ווייכערט — **זכרונות, 1־טע טייל.**

מיכאל ווייכערט — **וואַרשע, זכרונות 2־טע טייל.**

מיכאל ווייכערט — **יידישע אַליינהילף.**

אַנדרעי שוואַרץ־באַרט — **דער לעצטער פון די צדיקים.**

שלמה שנהוד — **מיט חלום איבער תהום,** לידער.

לענאַ קיכלער־זילבערמאַן — **מיינע הונדערט קינדער,** מיט אַ פאָרוואָרט פון רחל ינאית בן־צבי — ישראל־פּרעזידענטס פרוי.

אבא גאָרדין — **שלמה המלך,** היסטאָרישער ראָמאַן.

אבא גאָרדין — **משה,** זיין לעבן און לערע.

משה וויטיעס — **מסות על ספרות** (עסייען וועגן ליטעראַטור).

יוסף פּאַפּיערניקאָוו — **פרי גני (פירות פון מיין גאָרטן),** לידער אין העברעיש).

ד״ר יעקב צינעמאַן — **עמיל זאָלאַ,** אַ לעבן פון אַ שרייבער און קעמפער, (פּרעמירט דורך אַדאָלף־ניומאַן פאָנד).

מ. צאַנין — **תל־עולם.** מסע על פני 100 קהילות נחרבות.

אברהם קריב — **ליטא מכורתי — מיין היימלאַנד ליטע.** עברית־יידיש.

יחזקאל בראָנשטיין — **פון אייגן הויז.** עסייען וועגן שרייבער און ביכער.

מאיר זימל טקאַטש — **מיין האָב און גאָב.** געזאַמלטע פּערזן. **2־טער באַנד.**

ד״ר ר. בן־שם — **אני והוא.** פסיכולוגיה פרוידיאַנית.

דב שילאַנסקי — **מוזלמאַן (ענגליש).**

ביכער אין דרוק:

יעקב בנאי — **אומבאַקאַנטע זעלנער.** די לח״י־אַקציעס קעגן דער מאַנדאַט־מאַכט אין ארץ־ישראל, **2 בענד.**

פּיאָטער ראַוויטש — **בלוט פון הימל,** פון פראַנצויזיש.

פּיאָטער ראַוויטש — **דם מן השמים,** (העברעיש).

ש. י. עגנון — **פון דאַנען און פון דאָרטן,** 7 סיפורים און נאָך איינער.

הרב אברהם העפטערמאַן — **אַזוי לעבן יידן,** פון רב׳ס בית־דין־שטוב.

י. גאָלדקאָרן — **לאָדזשער פּאָרטרעטן.** שרייבער און באַהעם־טיפּן.

י. גאָלדקאָרן — **לאָדזשער פּאָרטרעטן.**

יעקב זינגער — **דער יונגער דזשייקאָב.** ראָמאַן.

צענטראַלע פאַרשפּרייטונג פאַר דער גאַנצער וועלט פון:

מ. צאַנין — **פולער העברעיש־יידישער ווערטערבוך, 2 בענדער.**

יצחק גרינבוים — **פון מיין דור.**

יהושע שלייען — **איינער האָט זיך געראַטעוועט.**

לעאָן יוריס — **עקזאָדוס, 3 בענד.**

יצחק פערלאָוו — **מיינע 7 גוטע יאָר.**

לאָרד ראַסעל — **די בייטש פון האַקנקרייץ.**

ז. שניאור — **די משומדסטע.**

ז. שניאור — **אַ טאָג עולם־הזה.**

אַלמאַנאַך פון די יידישע שרייבער אין ישראל, **1963.**